VI 1942: 433

VI
1942:433

לעאָ פינקלשטיין

גרונט־שטריכן פון דער יידישער פילאָזאָפיע

פון פילאָ יודעוס ביז משה מענדעלסאָן

„ליטעראַרישע בלעטער" — ווארשע 1937

רײף

אונדזער ליבן פּאָל. באָריס
פֿון די חברים פֿון פּוילן
לאָדזש, דעם 19.VI.38

גרונט־שטריכן פון דער
יידישער פילאזאפיע

לעא פינקלשטיין

גרונט-שטריכן פון דער יידישער פילאזאפיע

פון פילא יודעוס ביז משה מענדעלסאן

פארלאג „ליטערארישע בלעטער“ װארשע 1937

Printed in Poland

L e o F i n k e l s t e i n

„Grunt-sztrichen fun der jidiszer filozofie

—Wyd. „Literarisze Bleter"—

Warszawa «» 1 9 3 7

Druk. „Grafia", Warszawa, Nowolipki 7.

3

Bibliotheca Universitatis Tartuensis

~~14112 : 433~~

Q 6644

אינהאַלט:

	זייט
דער בין־השמשות פון מיטאָס	7
דער קלאַסישער אַלעגאָריזם	17
דער וועג צו זיך	52
רייפע מעטאַפיזיק	80
אויספירונגען	104
ספינאָזאַ קאָנטראַ רמב״ם	111
פילאָזאָף אָדער ביאָזאָף . . . . (וועגן ד״ר חיים זשיטלאָווסקי)	131
דער ספינאָזאַ־קאָנגרעס	143

I

דער בין־השמשות פון מיטאָס

איינלייטונג

אין דער נישט־געשריבענער געשיכטע פון דער מענטש־
לעכער גייסטיקייט דאַרף בלי ספק פאַרנעמען דאָס
סאַמע אינטערעסאַנטסטע אָרט יענץ קאַפּיטל, וואָס שילדערט אויס־
פירלעך די אַנטוויקלונגס־שטאַפּלען, וועלכע דער מענטש האָט דורכ־
געמאַכט בעת זיין אומאויפהערלעכן באַגער, סיי פסיכיש, סיי גע־
דאַנקלעך צו באַנעמען די וועלט־מיסטעריע, דעם סוד הקיום. בדרך
כלל ווערן אָנגעגעבן דריי הויפּט־שטאַפּלען: מ י ט אָ ס, אַ ל ע ־
ג אָ ר י ע א ו ן מ ע ט אַ פ י ז י ק.

דער פרימיטיווער מענטש איז געשטאַנען אומבאַהאָלפן אַקעגן
דעם לעבנס־רעטעניש, מיינענדיק, אַז די נאַטור איז באַהערשט
דורך דעמאָנישע כוחות, וואָס האַלטן אויך אים אין קלעם. דער
מענטש האָט דעריבער באין ברירה געמוזט אויסגעפינען אַ קעגנמיטל,
וואָס זאָל מאַגיש באַצווינגען דעם נאַטור־דעמאָניזם. אין דערדאָזי־
קער אַטמאָספער פון פּאַנאַנימיזם איז געבוירן געוואָרן די איינפאַכע
פאָרשטעלונג וועגן געטער־געשטאַלטן, וואָס זענען ביכולת צו צוי־
מען די בייזע גייסטער. דער באַדראָטער מענטש האָט אָנגעהויבן
זוכן אַ וועג, ווי אַזוי זיך איינצוקויפן אין חסד ביי די פיל־צאָליקע
מאַכטהאָבער. דער וועג איז געפונען געוואָרן דורך: ג ע ב ע ט
און ק ר ב נ ו ת. דער מענטש האָט מיט הכנעה זיך באַקענט צו
דער אייגענער נישטיקייט און דערביי געלויבט און געפּרייזט די
אַלמאַכט און גנאָד פון די געטער.

דורך דער פאַרביקער מיטאָס־שאַפונג האָט דער מענטש אויף

אַ פרימיטיוון שטײגער געפרווט זוכן אַן ענטפער אויף דער אייביקער פראַגע וועגן זין פון לעבן און וועגן תכלית און אָרדנונג פון דער וועלט. עס איז שוין דערוועגן געזאָגט געוואָרן, אַז ביי די גריכן איז פאַר דערדאָזיקער מיטאָס־דייטונג געשאַפן געוואָרן אַן אָרגאַן — די טראַגעדיע, וואָס האָט זיך בעיקר אויסגעשיילט פון דיאָניזאָס־קולט. ביי יידן ווידער האָט זיך דער מיטאָס־פתרון אויסגעבילדעט אין דער נבואה, ווו די גאָט־פאָרשטעלונג גילט אַלס פרינציפ פון וועלט־סדר.

אין דער צווייטער פאַזע ווערט דער מיטאָס פאַרוואַנדלט אין אַלעגאָריע. עס קומט אויך צום אויסדרוק דער סימבאָל, וואָס באַצייכנט די שייכותן צווישן דעם באַדינגטן און אומבאַדינגטן. דער לאָגאָס טרעט אַרויס אַלס אָרדנונגס־פרינציפ פאַר אַלע געשעענישן, דער עטאָס ווערט אָנערקענט אַלס סימן פון געזעצמעסיקייט, וואָס כאַראַקטעריזירט די באַציִונגען בין אדם לחברו, און ענדלעך — דער עראָס באַווייזט דורך אַ שעפעריש געפיל, אַרויסצובּרענגען די איינהייט פון אַלדאָס עקזיסטירנדיקע. דאָ פילט זיך שוין פולע רייפקייט.

לויט דער אינעוויייניקסטער לאָגיק פון דער אַנטוויקלונגס־ליניע וואָלט אפשר די אַלעגאָריע געדאַרפט אינגאַנצן איינשלינגען דעם מיטאָס. אין דער אמתן אָבער איז דערפון געוואָרן אַ טאָפּל־עקזיסטענץ. דער אויבערשטער שיכט אינטעלעקטועלע האָט זיך אָפגעקערט פון דעם מיטאָלאָגישן, האַלטנדיק עס פאַר נאַיִווע דיכטונג, וואָס איז נאָר צוגעפאַסט צום סאַמע פריסטן יוגנט־פעריאָד. פאַר אים איז עס געבליבן בלויז אַלס רודימענט פון דעם גרויען אור־באַגין. דערפאַר האָט דער אונטערשטער שיכט אויף אַן אמת מורא געהאַט פאַר דער מינדעסטער ענדערונג און מיט איינגעגלויבטער עקשנות זיך אויסגעהיטן פאַר וועלכן עס איז חידוש. אַזוי אַרום איז, אויף אַ נאַטירלעכן וועג, די עקזיסטירנדיקע מיטאָלאָגישקייט פאַרגליווערט געוואָרן אין פעטישיזם.

זוכנדיק אוניווערסאַלן שווונג, איז די אַלעגאָריע שפעטער אָנגעשטעקט געוואָרן מיט פילאָזאָפיע און האָט לסוף אַבסטראַהירט פון אַלע, מעג זיין ווי הויך סובלימירטע, אַנטראָפאָמאָרפישע און

אַנטראָפּאָפּאַטישע עלעמענטן. פון זיך אַליין איז זי נאָכדעם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין *מעטאַפיזיק*.

אַלעגאָריסטיק

אין וואָס איז באַשטאַנען די עצם-רעאַליטעט פון דעם אַלעגאָרישן אָפּזאַץ אין דער יידישער פילאָזאָפיע? קודם-כל איז נויטיק צו דערמאָנען דעם גרונט-אונטערשייד צווישן *אַלעגאָריע* און *אַלעגאָריסטיק*. אַלעגאָריע — פאַר זיך גענומען — *פאַרהוילט* דאָס געדאַנקלעכע אין דעם בילדלעכן; די אַלעגאָריסטיק, דאַקעגן, זוכט *אויסצוגעפינען* דאָס געדאַנקלעכע אין בילדלעכן. פאַרשטייט זיך, אַז דערביי קאָנען אָפּטמאָל די „אַנטדעקטע" און „אויסגעפונענע" אידעען קומען אין בפירושן קאָנפליקט מיט די גרונט-כוונות פון דעם אויטענטישן טעקסט. דער „פתרון" קאָן גרייליך ווידערשפרעכן דעם „חלום". דער אַלעגאָריסטישער מעטאָד פירט אַריין, אָדער לייגט גאָר אונטער, זעלבסטשטענדיקע באַגריפן און געדאַנקלעכע אויסבליקן, וואָס זענען אפשר בעצם פרעמד געוועזן דעם שעפער פון די געדאַנקלעכע בילדער.

די אַלעגאָריע שטיצט זיך בעיקר אויף דער מעטאַפאָרע, אויף דעם איבערגעטראָגענעם זין פון וואָרט. וואָס כסדרדיקער און דויערהאַפטיקער עס איז די מעטאַפאָרע, אַלץ מער וואַקסט די אַלעגאָרישע חשיבות פון בילד. עס איז באַקאַנט קווינטיליאַנס באַצייכענען די אַלעגאָריע אַלס „מעטאַפאָראַ קאָנטינואַטאַ". חוץ דער מעטאַפאָרע מוז אויך קומען אין באַטראַכט דער סימבאָלישער עלעמענט. די סימבאָליק וואַרפט דאָך נישט אָפּ אַזוי אַנטשידן דעם וואָרטלעכן באַדייט פון דעם אייגנטלעכן סיפור המעשה, גראָד פאַרקערט — זי באַמיט זיך אויסצובילדן צוויי גלייכלויפנדיקע ליניעס פון סיוזשעט-רעאַליזם און געדאַנקלעכער באַקליידונג. דער רעאַלער גאַנג פון דער וויזיע ווערט גאָרנישט געמינערט דערפון, וואָס עס ווערט אים צוגעשריבן אַן אויסנווייניקסטער אידעאישער באַדייט. די סימבאָליק האָט צו טון מיט אַ פאַראַלעליזם פון אַ צוויי-פאַכן געדאַנקען-געפלעכט. אין דער אַלעגאָריע אָבער ווערט איין געדאַנקען-קנופּ פאַרטרעטן דורך אַן אַנדערן. די אַלעגאָריע שעפּט דאָך פון צוויי קוואַלן: פון דער מעטאַפאָרע נעמט זי די אויס-

שליסלעכקייט דורך אָפּוואַרפן דעם וואָרטלעכן זין, און פון דער סימבאָליק — די קאָנטינואיטעט, דורך פאַרבינדן די אָפּגעריסענע בילדער אין איין געדאַנקלעכער גאַנצקייט. אַלס גרונט האָט געדינט די סעפּטואַגינטאַ (תרגום השבעים). די איבערזעצונג אַליין האָט שוין אַ שפּאָר ביסל אָפּגעשוואַכט דעם ביבלישן אור־טעקסט אין דער הינזיכט פון אַנטראָפּאָמאָרפישע ווענדונגען און גאָט־באַצייכענונגען. די איבערזעצער זענען, אַפּנים, געווען באַאיינפלוסט פון דער גריכישער פילאָזאָפיע און בעיקר פון פּלאַטאָ. עס איז קענטיק אַ שטרעבן, גענויער זיך אויסצודריקן ביים באַצייכענען געוויסע אַבסטראַקציעס. נאַטירלעך, שפּיגלט זיך דאָ אויך אָפּ דער אונטערשייד צווישן דעמאָלסטיקן יידישן און גריכישן פאָלקסגייסט. מען נעמט אָן, אַז דער גריכישער פאָלקס־גייסט האָט פאַרמאָגט אַ שפע פון אויסדרוקס־פאָרמען אין וואָרט, בילד און באַוועגונג (מוזיק און טאַנץ). דאָס האָט פיל מיטגעהאָלפן צו פאַראיידלען דאָס גראָב־זינלעכע, ווי אויך אויסצוגעפינען דעם פאַסיקן אויסדרוק פאַר דעם ריין־אַבסטראַקטן. דער העברעאישער פאָלקס־גייסט דאַקעגן האָט געהאַט מאָגערע אויסדרוקס־מיטלען. נאָר די אַלגעמיינע רעליגיעזע קאַפּאַציטעט האָט אַנטוויקלט די יידישע קאָנצעפּציע פון גייסטיקע גאָט־באַגריפן.

אַריסטובול

די באַשיידענע התחלה אָנצווענדן אין דער יידישער פילאָזאָפיע דעם אַלעגאָריסטישן מעטאָד, געהערט אַריסטובולן פון אלכסנדריה. ער האָט דער ערשטער באַמיט זיך, אַלעגאָריסטיש אויסצוטייטשן די אַנטראָפּאָמאָרפישע און אַנטראָפּאָפּאַטישע גאָט־באַצייכענונגען, האַלטנדיק, אַז די סיפּורים פון תנ״ך טאָרן נישט אויפגענומען ווערן פשוטם כמשמעם, נאָר דאַרפן גיכער פאַרשטאַנען ווערן בדרך משל. דערדאָזיקער יידישער דענקער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער גרענעץ צווישן די פּעריפּאַטעטיקער און ניי־פּיטאַגאָרייער, האָט אונטערגעטראָגן דאָס ערשטע פלעמעלע צום גרויסן בדיקת־חמץ־פּראָצעס פון אויסרוימען יעדן שפּור פון מיטאָלאָגישן זויערטייג. געטון האָט ער דאָס דורך צושפּיצן דעם אור־שפּרינגלעכן יידישן מיטאָס צום גייסט פון דער גריכישער פילאָזאָפישער ספּעקולאַציע. אונטער „גאָטס האַנט" דאַרף מען פאַר־

שטיין — געטלעכע מאַכט, אונטער „גאָט איז געשטאַנען" — אויסוואַנדלבאַרע אָרדנונג א. אַ. וו.

אַריסטעאַס אין כּמעט די זעלביקע טריט איז אויך „געגאַנגען" דער בריוו פון פסיידאָ-אַריסטעאַס.

דער אומבאַקאַנטער מחבר, מסתּמא אַ העלעניסט, ווייזט אַרויס אַ גרויסע נטיה צו דער פּעריפּאַטאָס-פילאָזאָפיע. ער האָט אויסגעמיטן עקסטרעמען, נאָר געהאַלטן זיך אָן דער אַריסטאָטעלישער מעטריאָפּאַטיאַ, ד. ה., דעם גילדענעם מיטן. דערביי איז כּדאי אָנצוּווייזן אויף זיין „פיזישן" מעטאָד, וועלכן ער פאַרבינדט מיט דער סטאָאישער דאָגמע. אויב אַריסטובולס אינטערפּרעטאַציע איז דערהויפּט געווען אַ מעטאַפאָרישע, האָט ביי אַריסטעאַסן דאָמינירט דער סימבאָלישער מאָמענט.

פילאָ יודעאוס צו פולער אויסדריקלעכקייט איז דער אַלעגאָריסטישער מעטאָד דערגאַנגען ערשט ביי פילאָ יודעאוס (ידידיה אלכּסנדרוני). ער האָט שוין די אַלעגאָריסטיק דערפירט צו אַ שיטה, וואָס איז געבויט אויף ראַציאָנאַליסטישע יסודות. אין פילאָס אויסלייג-מעטאָד קומען בעיקר אין באַטראַכט דריי אַרטן: זיער פּראָסטער וואָרט-זין (פּשט), די סימבאָליק (רמז) און די אַלעגאָריע (דרש). פילאָ האָט געשעפּט פון צוויי הויפּט-קוואַלן: ביבל און פּלאַטאָ. זיין אַלעגאָריסטיק איז אַן אייגנאַרטיקע קאָמבינאַציע פון דער מדרש-דיסציפּלין מיט דער גריכישער טראָפּאָלאָגיע.

שוין אין זיין „לעגום אַלעגאָריע", וואָס באַשטייט פון דריי ביכער, פירט פילאָ אַדורך אַ מערקווירדיקן אַלעגאָרישן אויסלייג. אין ערשטן בוך אינטערפּרעטירט ער אייגנאַרטיק די ווערטער: „ויכלו השמים והארץ". לויט אים קומט אויס, אַז אונטער „הימל" דאַרף מען פאַרשטיין די אידעע פון גייסטיקן (פאַרנונפטיקן) עלעמענט, אונטער „ערד" — די אידעע פון סענסועלן (זינלעכן) עלעמענט. אין צווייטן בוך פירט ער אויס, אַז אָדם סימבאָליזירט גייסט, חוה — זינלעכקייט, די חיות — מענטשלעכע אַפעקטן, שלאַנג — גיריקייט א. ד. גל.

ווען פילאָ באַגעגנט שטעלן, וואָס שרייבן צו גאָט בולט-מענטשלעכע אייגנשאַפטן, באַמיט ער זיך תיכף אויסצוגעפינען

זייער איבערגעטראַגענעם זין און דערציִערישן צוועק. אין זיין בוך „וועגן גאָטס אומפאַרענדערלעכקייט" באַהאַנדלט פילאָ די ווערטער: „וינחם ד׳ כי עשה את האדם בארץ ויתעצב אל לבו", (בראשית ו׳ 6). אין פלוג קאָן זיך טאַקע אויסדאַכטן, אַז גאָט האָט אויף אַ מענטשלעכן שטייגער חרטה, הלמאי ער האָט באַשאַפן דעם מענטש. אַזעלכע רייד זענען דאָך אינגאַנצן סותר די פאָרשטעלונג וועגן גאָטס אומפאַרענדערלעכקייט. דער פאַרנונפטיקער מענטש טאָר זיי דעריבער נישט אויפנעמען „אַזוי ווי זיי שטייען און גייען", נאָר מוז זיך אָפגעבן אַ חשבון וועגן זייער פעדאַגאָגישער באַשטימונג. די הויפט־כוונה איז דאָך דעם מענטש צו דערציִען אין זעלישער געלייטערטקייט. עס איז בכלל קענטיק, אַז פילאָ איז גענייגט אַלץ צו באַטראַכטן אונטער דעם פסיכאָלאָגיש־עטישן אַספּעקט. די ביבלישע געשטאַלטן ווערן אָפט געמינערט אין זייער היסטאָרישן ווערט און ווערן מגולגל אין עטישע סימבאָלן.

פון דעם קנאַפן מאַטעריאַל, וואָס לאָזט וויסן וועגן פילאָס פיזיש־קאָסמאָלאָגישער אַלעגאָריסטיק, איז באַקאַנט, אַז די כרובים אין גן־עדן סימבאָליזירן די צוויי טיילן פון דער ערד־קויל און די „הרב המתהפכת" זאָל סימבאָליזירן די זון. פילאָ האָט אין זיין פיזישער אַלעגאָריסטיק אויך איבערגעפלאַנצט ריין־גריכישע מאָמענטן. אַזוי, למשל, קומט לויט אים אויס, אַז דאָרט, וווּ עס רעדט זיך וועגן אברהמס אבות, דאַרף מען דערונטער פאַרשטיין, אַז דעם מענטשנס גוף פאַלט זיך פונאַנדער אין פיר גרונט־עלעמענטן, פון וועלכע אַלץ איז אַנטשטאַנען. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ ווערטל, אַז פילאָ האָט די ביבל געלייענט מער מיט דעם שכל, איידער מיט די אויגן...

דער עיקר, מיט וואָס פילאָס אַלעגאָריסטיק שיידט זיך אונטער פון דער גריכישער, איז דער אומשטאַנד, וואָס די גריכישע אַלעגאָריסטיק איז אָן פשרות נעגאַטיוו געשטימט לגבי דעם וואָרטלעכן מיטאָלאָגיע־טעקסט, זי שאַפט אים אינגאַנצן אָפּ. דער גריכיש־מיטישער נוסח שילדערט דאָך געטער, ווי אַ באַנדע גנבים און רוצחים. מען האָט זיך דערמיט פשוט געשעמט; די אַלעגאָריסטיק האָט געהאַט די באַדייטונג פון אַ קעגנגיפט. מען האָט אויסגערוימט

די קאָמפּראָמיטירנדיקע מיטישקייט און די פּאַרטרעטן מיט אַבסטראַקטע סימנים פון נאַטור־סטיכיעס.

פילאָס אַלעגאָריסטיק האָט צו טון מיט פילאָזאָפישע אויסזיכטן, אָבער דערביי היט ער זיך אויס פון איבערגעטריבענעם ספּיריטואַליזם, איינפירנדיק פּאַראַלעליזם פון וואָרט און געדאַנק.

די נויטווענדיקייט צו אַלעגאָריזירן טרעט אַרויס ערשט דעמאָלט, ווען דער אויטענטישער טעקסט הייבט אָן אַ ביסל אונטערצוהינקען בנוגע דעם אַלגעמיין־פילאָזאָפישן בליק אויף גאָט און וועלט, ווי אויך דעמאָלט, ווען דער סיוזשעט איז באַשיינפּערלעך געבויט אויף אַן אינעווייניקסטער סתירה.

פילאָ האָט, ווי באַקאַנט, לכתחילה געשטרעבט צונויפצושמעלצן די יידישע טראַדיציע מיט דער גריכישער איבערליפערונג, דעם באַרג סיני מיט דעם אָלימפּ, און לסוף — די יידישע גייסטיקייט מיט דער גריכישער פילאָזאָפיע. די הויפּט־מניעה דערפאַר איז געווען דאָס פּראָבלעם פון דער וועלט־באַשאַפונג. עס איז אַן אומאויפהערלעכע שאלה: צי איז די וועלט אַ קדמון אָדער אַ יש מאין? צי איז זי אייביק, אָדער באַשאַפן געוואָרן אין דער צייט? לויט דעם איבערגעבליבענעם פראַגמענט פון פילאָס בוך „דע עטערניטאַטע מונדי" (וועגן דער אייביקייט פון דער וועלט), איז צו זען זיין אַנטשלאָסענע קעגנערשאַפט צו אַריסטאָטעלעס' מיינונג וועגן דעם, אַז די וועלט איז קיינמאָל נישט אַנטשטאַנען. אין הככם מיט דער ביבל האָט פילאָ געהאַלטן, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אין דער צייט און וועט שוין קיינמאָל נישט אונטערגיין.

פונדעסטוועגן דערמאַנט זיין פילאָזאָפישע גאָט־פאָרשטעלונג צו ביסלעך דעם היינטצייטיקן „אַלס־אָב"־מעטאָד, ד. ה. די געדאַנקלעכע פיקציע, ווי זי איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך האַנס פאַיהינגער. דער פיקציע־פּאַרטיקל הייסט מיך טראַכטן אַקוראַט אַזוי, „ווי" אַלץ, וואָס געשעט אין דער נאַטור, „וואָלט" פאָרגעקומען פונקט, ווי עס זאָגט אונזער פיקציע. אויך די פראַגן פון וועלט־מאַטעריע, עטער און גראַוויטאַציע זענען נישט קיין אַבסאָלוטע טעזן און געזעצן, וואָס עקזיסטירן בפועל ממש, נאָר סימ־

באַלן, געדאַנקלעכע פֿיקציעס, וואָס דער מענטשלעכער שכל האָט זיך אַליין אויפֿגעבויט, בכדי ער זאָל קאָנען האָבן אַ וועלכע עס איז דערקענטעניש.

ווען מיר זאָגן, למשל, צוזאַמען מיט דער מאָדערנער פֿיזיק, אַז רו און באַוועגונג זענען שליסלען איינס און דאָס זעלביקע, הייסט עס נאָך נישט, אַז עס איז אין דערווירקלעכקייט אַבסאָלוט אַזוי. עס איז נישט מער, ווי אַ סוביעקטיוו־קאָנסטרויִרטע פֿיקציע, וואָס זאָגט, אַז דער גאַנג פֿון די פֿיזישע און אַסטראָנאָמישע דערשיינונגען איז אַזאַ, אַקוראַט „ווי ס׳וואָלטן" רו און באַוועגונג זיך צונויפֿגעגאָסן און געשאַפֿן אַ געמיינזאַמען שטראָם.

פֿילאָס פֿילאָזאָפֿישער גאָט־בליק איז אַ דורכאויס סוביעקטיווער. דער מענטש איז גאָרנישט ביכולת צו זאָגן עפּעס פּאָזיטיוו וועגן דעם, וואָס האָט אַ וועלכע עס איז שייכות צו גאָטס וועזן. מיר קענען העכסטנס זאָגן דאָס, וואָס גאָט איז פֿאַר *אונז*. אויף דעם סמך, *וויאַזוי* אין *וואָסערע* פֿאָרמען גאָטס ווירקונגען דערשיינען אין דער וועלט, מאָלן מיר זיך אויס אונזער געדאַנקלעכע קאָנצעפּציע (אפשר פֿיקציע ?...). וואָס גאָט איז אָבער אין דער אמתן, ד. ה. אין זיך אַליין — אומאָפּהענגיק פֿון אונזער אויפֿנעמען — ווייסן מיר נישט. מיר ווייסן נאָר, הייסט עס, אַז ער איז דאָ, אָבער נישט *וואָסערער* ער איז. עס איז פֿאַר אונז אוודאי קלאָר גאָטס אייביקע אַקטיוויטעט און אומאויפֿהערלעכע שעפֿערישקייט. דאָס איז פֿאַר גאָט אַזוי אייגנטימלעך, אַזוי ווי דאָס בריִען פֿאַר דער טבע פֿון פֿייער און דאָס קילן פֿאַר דער טבע פֿון שניי.

ווען מיר זאָגן, אַז גאָט איז גוט און יושרדיק, הייסט עס, אַז זיין הנהגה, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין דעם שיקזאַל פֿון דער וועלט, איז אַזעלכע, אַקוראַט „ווי" ער אַליין „וואָלט" געווען אַ גוטער און גערעכטער. אַזוי אַרום אורטיילן מיר נאָר אויף דעם יסוד פֿון זיינע מאַניפֿעסטאַציעס אין דער וועלט. דאָס זענען ווירקונגס־אַטריבוטן. וועזנס־אַטריבוטן זענען געמאָלט נאָר נעגאַטיווע, ווייל גאָטס וועזן בלייבט בכלל פֿאַר דעם מענטש אַ פֿאַרזיגלט בוך אויף אייביק. גאָט קאָן באין אופֿן נישט גילטן אַלס דערקענטעניש־אָביעקט.

פון דערדאָזיקער הנחה אַרויסגייענדיק, ווערט פאַרשטענדלעך דער זין און באַדייטונג פון פילאָס אַלעגאָריסטיק. הגם ער האָט אין זיין מעטאָד אַ סך איבערגענומען פון די סטאָאיקער, איז דאָך זיין גאָט־באַנעם ווייט פון דער סטאָאישער אויפפאַסונג, אַז גאָט איז אַ מאַטעריעלע פנעומאַ, וואָס דרינגט אַדורך די וועלט. פילאָס גאָט איז אַ טראַנסצענדענט־אוממאַטעריעלער.

סעדיה גאון

מערקווירדיק, וואָס ס׳רוב אַלעגאָריסטן האָבן אין זייערע פיגוראַלע אויסטייטשונגען פון תנ״ך זיך געשטיצט אויף איבערזעצונגען. פילאָ האָט זיך אינגאַנצן סומך געווען אויף דער סעפטואַגינטאַ. סעדיה, דער באַגרינדער פון דער יידישער פילאָזאָפיע אין מיטלאַלטער, האָט זיך זייער אָפט באַנוצט מיט תרגומים, דערהויפט מיט תרגום אונקלוס. אגב, האָט דאָך סעדיה אַליין איבערגעזעצט די ביבל אויף אַראַביש. די איבערזעצונגען זענען אין אַ געוויסער מאָס אויך געווען פירושים. אפשר דערפאַר, וואָס זיי זענען געווען ייִנגער פון אָריגינאַל, האָבן זיי גיכער באַוויזן אויסצומיידן די אַנטראָפּאָמאָרפיזמען. זיי האָבן געשאַפן אַ מעגלעכקייט אויפצוקלערן די פאַרנעפּלטע שטעלן לויט דעם מעטאָד פון „כדי לשבר את האוזן“. ער רעכנט אויס פיר פאַלן, ווען עס זענען דערלאָזבאַר אָפּווייכונגען פון וואָרטלעכן טייטש: ווען דער געטרייער פירוש המלות שטייט אין ווידערשפרוך: 1) צו דער ווירקלעכקייט, וואָס דער מענטש נעמט אויף מיט די חושים, 2) צום שכל, 3) צו אַנדערע בפירושע ביבל־טעקסטן און 4) צו דער מסורה. סעדיה דערפירט זיין פיגוראַלע אינטערפּרעטאַציע נאָר ביז דער מעטאַפאָרישער אויפקלערונג פון די אַנטראָפּאָמאָרפיזמען. סעדיהס אַלעגאָריסטיק איז זייער אַ מאָגערע, הגם זיין פילאָזאָפיע איז אין אַ געוויסן זין געווען באַנבּרעכעריש פאַר דער יידישער גייסטיקייט.

שלמה אבן־גבירול

דער נעאָ־פלאַטאָניקער גבירול (אַוויצעבראָן) איז אין זיין אַלעגאָריסטישער אויסטייטשונג ווייט נישט פאַרפאָרן. דערדאָזיקער דיכטער־פילאָזאָף, מחבר פון רעליגיעזע הימנען, וואָס האָט געשאַפן אַ סינטעז פון פילאָ און פלאָטין, איז געבליבן שטיין פעסט אויף דעם טראַדיציאָנעלן באָדן. זייענדיק אונטער פילאָס השפעה, טייטשט ער אויס די גן־עדן־מעשה: גן — די

אָנזעעוודיקע וועלט ; עדן — די אייבערשטע וועלט ; די פיר שטראָמען — די פיר עלעמענטן ; אדם, חוה און נחש באַדייטן די ראַציאָנעלע, וויטאַלע און וועגעטאַטיווע נשמה.

בחי אבן־ דער טיפער עטיקער בחיי, פאַר וועלכן דער העכ־
פקודה סטער פרינציפּ איז געווען דער זעלבסטפּרווו פון דער
נשמה האָט נישט איבערגעשטיגן די מעטאַפאָרישע גרענעצן, וואָס זענען אָנגעצייכנט געוואָרן דורך סעדיהן. ביי אים דאָמינירט די פאָרם פון פשט, „אין מקרא יוצא מידי פשוטו”. פונדעסטוועגן באַנוצט ער זיך מיט פשט, דרש, חקירה און קבלה. זיין פשט איז אָבער שטאַרק אָנגעגריפן דורך דער מיסטיק. געוויסע שטעלן קלערט ער אויף דורך צירופים פון שם הויה. ער האָט אויך געהאַט מוט צו דערקלערן, אַז פיל אָפּזאַצן אין תנ״ך זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין אַן אַלעגאָרישער פאָרם. ריין־אַלעגאָריש האָט ער אויסגעטייטשט די מעשה וועגן יעקבן מיטן מלאך.

ח

דער קלאַסישער אַלעגאָריזם

רמב״ם

דער רמב״ם, אַלס קלאַסישער אַלעגאָריסט, איז צוגעטרעטן דורכצופירן זיין קאָנסעקווענטע ראַציאָנאַליסטישע אויסטייטשונג נישט בלויז מחמת אַלגעמיין־פילאָזאָפישע טעמים, נאָר פשוט צוליב היסטאָרישער נויטווענדיקייט. עס האָט אים באַאומרויקט דאָס מיטאָלאָגישע שאָלעכץ, וואָס איז אָנגעוואַקסן און האָט אַרומגעוויקלט דעם קערן. במשך פון הונדערטער יאָרן איז די אָנגעקינדיקטע אַלעגאָרישע אינטערפּרעטאַציע פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן, דער פילאָזאָפישער תוכן פון דער ביבל — פאַרוואָרלאָזט, און די גאָט־באַגריפן — פאַרגשמיותדיקט. דאָס איז עלול געווען צו דערפירן צו אַ ירידה דעם ריינעם מאָנאָטעאיזם און דעם געלייטערט־עטישן פּאַטאָס פון די נביאים. דער רמב״ם האָט דאָס באַטראַכט פאַר אַן אומגליק און האָט געהאַלטן פאַר זיינס אַ היסטאָרישע שליחות, צו באַפרייען די יידישע גייסטיקייט פון אַנטראָפּאָמאָרפישער געפאַר. אין דער איינלייטונג צום „מורה נבוכים״ פאַררופט ער זיך טאַקע אויף דעם פסוק: „עת לעשות לד׳, הפרו תורתך״. ער דערקלערט אַ קאַמף דער פאַרקריפלונג פון דער לערע.

דער רמב״ם ווייזט אָן, אַז אין דער ביבל באַגעגנט מען אָפט האָמאָנימען (משותפים) — ווערטער, וואָס ווערן געברויכט אין מערערע באַדייטונגען; סינאָנימען — ווערטער, וואָס זענען אַמפּיבאָליש (מסופקים) און אויך אַ מאַסע פאַרשידנאַרטיקע מעטאַפאָרן (משאלים). ווער עס נעמט נישט אין אַכט די איבערגעטראָגענע אינטערפּרע־

טאַציע, נאָר לאָזט זיך בלינד פירן דורך דעם טראַדיציאָנעלן ווע־טער־טייטש, דער שטעלט זיך אומבאַדינגט אין ווידערשפרוך צום אמת. דער אומוויסנדיקער קאָן זיך אפשר לאָזן באַגנוגן דערמיט, דער פאַרנונפטיקער אָבער קאָן זיך נישט באַפרידיקן מיטן אויסנ־וויניקסטן לבוש, נאָר וועט זיך כסדר מיִען צו אַנטציפערן דעם פאַרבאָרגענעם געדאַנק.

די מעשה־בראשית (נאַטור־וויסנשאַפט) איז איינגעהילט אין מעשה־מרכבה (מעטאַפיזיק). מהאי טעמא שילדערט די ביבל אירע פאַסירונגען בילדלעך, אַרויסהעלפנדיק זיך מיט אַלעגאָריעס און משלים.

נאָך שטאַרקער ווי פילאָס, איז דעם רמב״מס אַלעגאָריסטיק געבונדן מיט אַן אויסגעהאַמערטער פילאָזאָפישער שיטה, וואָס איז געבויט אויף אַ ראַציאָנאַליסטישן פונדאַמענט.

דער רמב״ם שטעלט זיך אָפּ אויף די לאָגישע ווידערשפרוכן, וואָס זענען פאַראַן אין תנ״ך. ער געפינט אויך פאַרשיידנאַרטיקע סיבות, וואָס האָבן דערצו גורם געווען. עס טרעפט זיך, אַז אַ מחבר־קאָמפּילאַטאָר זאַמלט צונויף מאַטעריאַל אָן אַ וועלכער ס׳איז קריטישער קאָנטראָל. ווידער אין פאַראַן אַן אויטאָר, וואָס אין גאַנג פון דער אַרבעט טוישט ער זיינע מיינונגען, זיך נישט דער־מאַנענדיק וועגן זיי, אַזוי, אַז דער סוף איז אָפּט סותר דעם אָני־הייב. עס זענען אויך פאַראַן כלומרשטע סתירות, דערהויפּט דרינ־גען זיי אַרויס פון דעם וואָרטלעכן טעקסט־אויסטייטש. וויל מען אָבער אויסגעפינען דעם וועזנטלעכן זין פון די כתבי־הקודש, דאַרף מען זיך אומבאַדינגט באַנוצן מיט דעם אַלעגאָרישן מעטאָד, אַלץ אויסצוטייטשן אין דעם איבערגעטראָגענעם זין.

לויט דעם סדר פירט דער רמב״ם אַדורך אַ גענויעם אַנאַ־ליז פון די ביבל־אויסדריקן: צלם, דמות, תמונה, ראה, כסא, ישב, עמד, מלא, עבר, בא, יצא, הלך, שכן, פנים, נפש, כנף א. אַ. וו. ער באַווייזט, ווי אַזוי זיי ווערן געברויכט אין געוויינטלעכן זין, באַמיִענדיק זיך אָבער דערביי אויסצוגעפינען זייער מעטאַפאָרישן באַדייט לגבי דעם אַלגעמיינעם געדאַנקען־גאַנג פון טעקסט, געזען פון אַ ריין־ראַציאָנאַליסטישן קוק־ווינקל. אומעטום שטרעבט ער

אַרויסצוטרײַבן יעדן שאָטן פון אַנטראָפּאָמאָרפיזם, ווי אויך יעדן שפּור פון גשמיות.

שוין אין ערשטן קאַפּיטל פון „מורה נבוכים" באַהאַנדלט דער רמב"ם דעם גרונט-מאָטיוו פון דעם אַנטראָפּאָמאָרפיזם, וואָס שטיצט זיך אויף די רייד פון דער ביבל, אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט (בצלם אלהים).

דער רמב"ם האַלט, אַז יעדעס מאָל, ווען עס ווערט אין די כּתבי הקודש אַרויסגעבראַכט די ענלעכקייט צווישן מענטש און גאָט, איז דאָס נישט נוגע דער קערפּערלעכער באַשאַפנקייט פון מענטש, נאָר דער פאָרגעשטעלטער אינטעלעקטועלער ענלעכקייט בהסכּם מיט דעם מענטשנס שכלדיקן גאָב.

טייל מיינען, אַז דאָס וואָרט צלם (בילד) איז נוגע דער אויסנווייניקסטער פיגור, געשטאַלט און אויסזען פון אַ קעגנשטאַנד. דידאָזיקע פאַלשע מיינונג באַזירט זיך אויף די ווערטער: „נעשה אדם בצלמנו כּדמותנו". אַזוי אַרום שטעלט מען זיך אויך גאָט פאָר, ווי אַ קערפּערלעך וועזן לויט דעם מענטשנס אויסזען. מענטשן קאָנען זיך גאָרנישט מאָלן אין דער מחשבה, אַז עס זאָל מעגלעך זיין אַן עקזיסטענץ פון אַן אומקערפּערלעכן גאָט. זיי פאַרגעסן דערביי, אַז פאַר באַצייכענען „געשטאַלט" איז פאַראַן אין העברעאישן — „תואר"; אונטער „עבנבילד" דאַרף מען גיכער פאַרשטיין אינטעלעקטועלע השגה, אָבער באין-אופן נישט — פיגור און געשטאַלט. היות נאָר דער מענטש איז באַשאָנקען מיט דער באַזונדערער אייגנטימלעכקייט פון שכלדיקער דערקענטעניש, וואָס איז אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון זיין קערפּערלעכער אָרגאַניזאַציע, — דאַרף דעריבער זיין פאַרשטענדלעך, הלמאי זי, די דערקענטעניש, ווערט פאַרגליכן מיט דער שכלדיקייט פון באַשעפער. עס טאָר דעריבער נישט זיין קיין רייד פון מאַטעריעלער ענלעכקייט; מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַ גײַסטיקער און פאָרגעשטעלטער, ג ײַ ס ט י ק ע ר ענלעכקייט.

דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן לויט דער געטלעכער פאָרם. די ווערטער פון תהילים: „צלמם תבזה" באַציִען זיך צום ר ײַ ן - ז ע ל י ש ן. אַז „צלם" דאַרף נישט פאַרשטאַנען ווערן

אַלס אויסנווייניקסטע פיגור, נאָר דורכאויס אַלס סימבאָל פון גייסט, איז אויך קענטיק פון די ווערטער אין שמואל: „צלמי מחוריהם״; אַ געאַנטע באַדייטונג. עס האַנדלט זיך וועגן פאַרנונפט-דערקענטעניש און נישט וועגן פיגור אָדער געשטאַלט. „דמות״ ענלעכקייט, „דמה״ — ענלעך זיין, באַציט זיך צו דער אינערלעכער הויכקייט און דערהויבנקייט, אָבער עס קומט באין-אופן נישט אין באַטראַכט די קוואַדראַטור, דיק, לענג, א. ד. גל. היות דער מענטש פאַרמאָגט דאָס, וואָס קיין שום וועזן אונטער דער זון פאַרמאָגט נישט, ד. ה. שכלדיקע דערקענטעניש, וואָס באַנוצט זיך נישט מיט קיין שום חושים, איז ער נאָר אין דעם פרט פאַרגליכן געוואָרן צום בורא.

אין פערטן פרק צעגלידערט דער רמב״ם דאָס וואָרט „ראה״- זען. דערביי דערקלערט ער, אַז „הבט״ — באַטראַכטן, און „חזה״ — זען, דאַרפן פאַרשטאַנען ווערן אין באַגריפלעכן זין. „ויראה״ — ער האָט אויפגעבליקט, באַדייט שכלדיקע דערקענטעניש. „ולבי ראה הרבה חכמה ודעת״ — „מיין האַרץ האָט געזען אַ סך חכמה און וויסנשאַפט״. אויך אין די ווערטער: „לא הביט און ביעקב ולא ראה עמל בישראל״ („ער האָט נישט געזען קיין אומרעכט אין יעקב און קיין אומווירדיקייט אין ישראל״) — האַנדלט זיך וועגן אַ גייסטיק זען. דאָס זעלביקע איז אויך נוגע דעם וואָרט „חזה״. „היה דבר ה׳ אל אברם במחזה״ — „גאָטס וואָרט איז געוועזן צו אברמען אין אַ וויזיע״. אין איבערגעטראָגענעם זינען באַציט זיך דאָס צו אינעווייניקסטער דערקענטעניש: עס איז געווען אַן אינטעלעקטועל זען, ווייל גאָט איז נישט קיין וועזן, וואָס מען קאָן עס זען מיטן קערפּערלעכן אויג.

אין זיבעטן פרק באַהאַנדלט דער רמב״ם די פיגוראַלישקייט פון וואָרט „ילד״ — געבוירן, ד. ה. אַרויסברענגען אַ נייע דערשיינונג. „כי לא תדע מה ילד יום״ („דו ווייסט נישט, וואָס דער טאָג וועט געבוירן״).

אין אַכטן פרק ווערט אויסגעטייטשט די מעטאַפאָרישקייט פון וואָרט „מקום״ — אָרט, ד. ה. אַ „שטעל״ און „שטופע״ (מדרגה). „ברוך כבוד ה׳ ממקומו״ („געלויבט איז גאָטס הערלעכקייט פון

זיין אָרט״). דאָס באַצייכנט דעם שטאַפּל פון געטלעכן דאָ־זיין. „מקום״ – הייסט אויך מאַיעסטעטישע הויכקייט. עס ווערט דערמיט אויך באַצייכנט דער גראַד און ראַנג פונם מענטש. „אל המקום אשר הכינותי״ (דער מענטש וועט געבראַכט ווערן „צום אָרט, וואָס איך האָב פאַרגעברייט״).

אין ניינטן פרק ווערט באַוויזן דאָס פיגוראַלישע געברויכן פון וואָרט „כסא״ – שטול. דאָס דאַרף אָבער פאַרשטאַנען ווערן אַלס „טראָן״, „הייליקטום״, „מאַיעסטעט״, „הערלעכקייט״, „מאַכט״. „כסא כבוד מרום מראשון מקום מקדשני״. אָדער „השמים כסאי״ – דער הימל איז מיין טראָן, ד. ה. אַז דער הימל סימבאָליזירט גאָטס מאַכט, א. אַ. וו. א. אַ. וו.

אין יעדן פסוק איז פאַרבאָרגן אַ טיפער פילאָזאָפישער זין. אויב די ביבל שילדערט בילדעריש, טוט זי עס פשוט, כדי צו זיין צוגעפּאַסט צו דעם פשוטן מענטשנס אויפנעם־מעגלעכקייט. „דברה תורה כלשון בני אדם״ („די תורה האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ מענטשלעכער שפּראַך״). ווער עס שרייבט צו דעם בורא מענטשלעכע אייגנשאַפטן, דער דאַרף גילטן אַלס גאָטס שונא.

דעם רמב״מס אַלעגאָריסטישער מעטאָד בינדט זיך אומיטלבאַר מיטן זיין אַ ט ר י ב ו ט ן ־ ל ע ר ע, ווי אויך מיט די גרונט־פּרינציפּן פון זיין פילאָזאָפישן סיסטעם. דער רמב״ם האָט געזוכט אַ סינטעז צווישן דער יידישער גייסטיקייט און אַריסטאָטעלעסעס פילאָזאָפיע. נישט איינמאָל האָט ער געמאַכט הנחות לטובת אַריסטאָטעלעסן. פּונקט ווי אַלע יידישע פילאָזאָפן, שטיצט זיך אויך דער רמב״ם אויף דעם פסוק פון איוב: „אכן רוח הוא באנוש ונשמת שדי תבינם״ („דער גייסט איז אין דעם מענטש און דער הויך פון דעם אַלמעכטיקן מאַכט אים פאַרנונפטיק״). דער רמב״ם באַוואָרנט זיך אָבער באַלד, אַז אַריסטאָטעלעסעס אויספירונגען זענען נאָר נוגע דער „אונטערלבנהדיקער״ וועלט („מה שאמר אַריסטו בכל הנמצא אשר מתחת גלגל הירח עד מרכז הארץ – הוא אמת״). ד. ה. דער ערדישער וועלט. דערפאַר גייט ער זיך שאַרף פונאַנדער מיט אַריסטאָטעלעסן בנוגע די אָנשויאונגען אויף דער „איבערלבנהדיקער״, איבערזינלעכער וועלט. דאָ,

אייגנטלעך, ווייזט זיך אַרויס די אינעווייניקסטע געשפּאָלטנקייט פון געניאַלן יידישן דענקער, וואָס האָט זיך געוואַקלט צווישן צוויי וועלטן. דידאָזיקע אומאַנטשלאָסנקייט ווערט נאָך בולטער, בעת ער באַמיט זיך אָפּצוּווענדן אַריסטאָטעלעסעס ראיות וועגן דער אייביקייט פון דער וועלט (קדמות העולם).

אוממיטלבאַר מיט דער אַלעגאָריסטיק בינדט זיך, ווי שוין געזאָגט, דעם רמב״מס אַטריבוטן-לערע.

דער רמב״ם האַלט, אַז גלויבן דאַרף נישט באַשטיין אין פּראָדוצירן אומצייליקע ווערטער, אַרויסגעבראַכטע דורך מענטשלעכע ליפּן, בכדי צו לויבן און פּרייזן דעם באַשעפער. גלויבן דאַרף זיך באַזירן אויף איבערצייגונג, אַז דאָס, וואָס מען שטעלט זיך פאָר במחשבה, עקזיסטירט אויך מחוץ דעם דענקען, ד. ה. אין דערווירקלעכקייט, און אַנטשפּרעכט אינגאַנצן דער געדאַנקלעכער פאָרשטעלונג דערוועגן. אויב וועגן גאָט קאָן מען נאָר טראַכטן און וואָס ווינציקער אים שילדערן מיט ווערטער, ווערט אויך פאַרשטענדלעך, אַז מען קאָן אים לגמרי נישט צושרייבן קיין שום אַטריבוטן.

די אַטריבוטן לאָזן זיך איינטיילן אין פינף גרופּן: *1*) דעפיניציעס, *2*) טיילן פון דעפיניציעס, *3*) קוואַליטעטן, *4*) באַציאונגס-פּרעדיקאַטן און *5*) ווירקונגס-אַטריבוטן.

צי לאָזט זיך גאָט דעפינירן? — ניין! גאָט איז דאָך נישט באַשטימט דורך קיין שום פריערדיקער סיבה. צי לאָזן זיך אויף גאָט אָנווענדן טיילן פון דעפיניציעס? — אוודאי נישט. טיילן פון דעפיניציעס, וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט וועגן וועלכער ס׳איז זאַך, שאַפן דעם איינדרוק, ווי די אייגנשאַפטן וואָלטן נויטווענדיק צוגעקומען פון דרויסן. דאָס לאָזט זיך אָבער וועגן גאָט נישט זאָגן, ווייל וואָלט גאָטס וועזן באַשטאַנען פון טיילן, וואָלט עס געווען אַ צונויפגעזעצט וועזן. צי קאָנען מיר גאָטס וועזן קוואַליפיצירן? — אויך נישט. קוואַליטעטן זענען אַקצידענצן, און גאָט קאָן דאָך נישט זיין קיין גרונט, פאַר וועלכן ס׳איז מקרה. קוואַליטעטן פאַלן זיך פונאַנדער אין דויערהאַפטיקע, גייסטיקע אָדער זיטלעכע צושטאַנדן, פאַסיווע אייגנשאַפטן און אַפעקטן. דאָסדאָזיקע לאָזט זיך

אין קיין פאַל נישט אָנווענדן לגבי גאָטס וועזן. דאָס זעלביקע לאָזט זיך אויך זאָגן וועגן די באַציִונגס-פּרעדיקאַטן. קיין צייטלעכע און רוימלעכע באַציִונגען לאָזן זיך נישט פאַרבינדן מיט גאָטס וועזן, ווייל זיי זענען נוגע נאָר קערפּערלעכע קעגנשטאַנדן. דערביי מוז מען איינזען די נפקא מינא צווישן אייגנטלעכע און אוּמאייגנטלעכע שייכותן. רעלאַציעס זענען זיך סומך אויף רעציפּראָציטעט און מוזן פאָראויסזעצן אַ געוויסע פאַרגלייכבאַרקייט. עס לאָזן זיך אויך נישט אָנווענדן קיין אוּמאייגנטלעכע שייכותן דערפאַר, ווייל זיי זענען מעגלעך נאָר צווישן זאַכן פון דעם זעלביקן מין. עס איז דאָך נישט שייך צו זאָגן, אַז ברוין איז שטאַרקער פון געל, הגם ביידע זענען פאַרבן. אַזוי לאָזט זיך אויך נישט איינשטעלן קיין שייכות צווישן הונדערט קלאַפטער און דער זיסקייט פון האָניק.

דאָס איינציקע, וואָס איז יאָ מעגלעך, זענען — ווירקונגס-אַטריבוטן. מען דאַרף זיך קלאָר מאַכן דעם אונטערשייד צווישן „תארי מעשה" און „תארים עצמיים". דער רמב"ם לאָזט נישט צו קיין שום אַטריבוטן, וואָס זאָלן פּאָזיטיוו באַשטימען גאָטס וועזנטלעכע אייגנשאַפטן. גאָט איז אין זיין עצם אוּמדערקענבאַר, ממילא איז איבעריק עפּעס אַרויסצוזאָגן דערוועגן. מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז גאָט איז אין הימל און מיר אויף דער ערד, וואָס-זשע קאָנען מיר וועגן אים וויסן און וואָס קאָנען מיר וועגן אים זאָגן? דער רמב"ם פאַררופט זיך טאַקע אויף די רייד פון קהלת: „כי האלהים בשמים ואתה על הארץ, על כן יהיו דבריך מעטים". דער רמב"ם איז דעריבער אויך קעגן די תפילות, וואָס אַנטהאַלטן איבערגעטריבענע גאָט-עפּיטעטן. ווען מיר דערלויבן זיך גאָט צו באַצייכענען מיט די אייגנשאַפטן פון „רחום וחנון" אָדער „הגדול, הגבור והנורא", אין דער צייט, ווען מיר ווייסן נישט לחלוטין וואָס צו זאָגן וועגן זיין עצם, רעדוּצירן מיר דערמיט זיין פוּלקאָמענהייט. מען קאָן דאָך אים נישט פאַרגלייכן מיט זאַכן, וואָס געפינען זיך אויסער אים, ווייל גאָט, אַלס אַ בתכלית-השלמותדיק וועזן, איז אַלץ אין זיך כולל. היות גאָטס וועזן, אַלס אַבסאָלוטער הכרח, איז בכלל אוּמפאַר-

גלייכבאַר, זענען ממילא נישט מעגלעך קיין שום עסענציאַנעלע אַטריבוטן.

עס זענען אָבער יאָ מעגלעך ווירקונגס-אַטריבוטן, וואָס באַצייכענען אייגנטלעך די ריכטונגען און וועגן פון גאָטס האַנדלונגען, וועלכע דינען דעם מענטש אַלס מוסטער פאַר זיינע אייגענע זיטלעכע האַנדלונגען. פון גאָטס פילפאַכע ווירקונגען טאָר מען אָבער נישט מאַכן קיין אויספיר, אַז אויך זיין וועזן זאָל מכלומרשט זיין פאַרשיידנאַרטיק. איין און דאָס זעלביקע פייער קאָן אַ געוויסן שטאָף צעשמעלצן, אַן אַנדערן ווידער — פאַרהאַרטעווען, איין מאַטעריאַל מאַכן ווייס און אַ צווייטן — שוואַרץ. עס איז דעריבער לייכט איינצוזען, אַז די פאַרשיידנפאַכיקע ווירקונגען דרינגען אַרויס פון איין און איינציקער קוואַליטעט. דעם רמב"מס פילאָזאָפיע איז נישט קיין הענאָטעאיסטישע, נאָר אַ מאָנאָטעאיסטישע, זי שטיצט זיך נישט אויף דער השגה פון איין גאָט, נאָר — פון דעם איין-און-איינציקן גאָט.

אַזויווי גאָט איז אַ מחויב המציאות, ד. ה. ער עקזיסטירט נויטווענדיק, איז נישט דערלאָזבאַר אים צוצושרייבן אַזעלכע אַקצידענצן, ווי: עקזיסטענץ, איינהייט, מעכטיקייט, קלוגשאַפט, לעבן, אייביקייט א. ד. גל. הגם ער עקזיסטירט, איז איינער, מעכטיק, קלוג, לעבט און איז אייביק. ער עקזיסטירט אָבער נישט מחמת דער, דורך דעם מענטש צוגעשריבענער, עקזיסטענץ. דער רמב"ם זאָגט עס בפירוש: „גאָט איז נויטוועדיקע עקזיסטענץ, זיין עקזיסטענץ איז זיין וואָרהאַרפטע עסענץ, זיין עסענץ און זיין עקזיסטענץ („אמרנו עליו, יתעלה, שהוא מחויב המציאות, תהיה מציאותו עצמו ואמתתו ועצמו מציאותו", — „מורה נבוכים", חלק ראשון, פרק נ"ז).

ער איז איינציק, אָבער נישט דורך דער מענטשלעך צוגעשריבענער איינהייט: „עס וואָלט געווען פאַלש גאָט צוצוגעבן דעם אַקצידענץ פון איינהייט, ד. ה., אַז די איינהייט איז נישט עפּעס אַזוינס, וואָס מען איז מוסיף צו דער עסענץ, נייערט ער איז איינציק, אָבער נישט דורך דער איינהייט" („כן הוא השקר עליו

מקרה האחדות, ר״ל, כי אין האחדות ענין נוסף על עצמו, אבל הוא אחד לא באחדות״, — דאָרטן).

אַזוי איז עס אויך מיט זיין לעבן, וויסן, מעכטיקייט, קלוגשאַפט א. אַ. וו. „ער לעבט, אָבער נישט דורך לעבן; ער ווייסט, אָבער נישט דורך וויסן; ער איז מעכטיק, אָבער נישט דורך מאַכט; ער איז קלוג, אָבער נישט דורך קלוגשאַפט״ („חיי לא בחיים, ויודע לא במדע, ויכול לא ביכולת, וחכם לא בחכמה״ — דאָרטן).

גאָט, וואָס עקזיסטירט נויטווענדיק און האָט נישט קיין סיבה אויסער זיך, קאָן מען נישט צושרייבן קיין צופעליקע אייגנשאַפטן און באַשטימונגען. עס קאָן זיין וועזן (עסענץ) פון דרויסן גאָרנישט צוקומען. זיין עקזיסטענץ מיט זיין וועזן און זיין וועזן מיט זיין עקזיסטענץ זענען א י ד ע נ ט י ש.

ווען מיר זאָגן, אַז גאָט איז אייביק, איז דערדאָזיקער אויסדרוק נישט קיין גענויער. מיר זענען טאַקע דערמיט אויסן אונטערצושטרייכן, אַז גאָט איז נישט אַנטשטאַנען, אָבער אייביק איז דאָך שייך צו זאַכן, וואָס אינטערליגן דער צייט. צייט ווידער איז אַ רעלאַטיווע אויפפאַסונג, וואָס האָט צו טון מיט „פריער״ און „שפעטער״. דאָס איז אַן אַקצידענץ פון באַוועגונג, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ קערפער. „דאָס אָבער, אויף וועלכן דער צייט-אַקצידענץ איז נישט אָנווענדבאַר, קאָן באמת נישט באַצייכנט ווערן אַלס אייביק אָדער אַנטשטאַנען״, „פונקט ווי מען קאָן דאָס זיסע נישט באַצייכענען אַלס קרום אָדער גלייך, דאָס קול אַלס געזאַלצן אָדער געשמאַקלאָז״ („כמו שלא יאמר במתיקות לא מעות ולא ישרה, ולא יאמר בקול לא מליח ולא תפל״, — דאָרטן).

אויב אין ישעיה ווערט געזאָגט וועגן גאָט (מ״ד, ו׳) „אני ראשון ואני אחרון״ — איז עס דאָס זעלביקע, ווי מען וואָלט אים געשילדערט מיט אויגן און אויערן. גאָט אָבער, אַלס אַבסאָלוט-נויטווענדיקע עקזיסטענץ, איז נישט אונטערגעוואָרפן קיין שום פאַרענדערונגען און עס קאָן אין אים גאָרנישט אַנטשטיין. אינדעראמתן ווערן דיזאָזיקע ווערטער אָנגעווענדט לויט דעם מענטש-

לעכן שפּראַך־געברויך („ואמנם אלו המלות כולם כלשון בני אדם" — דאָרטן).

דער באַגער אַרויסצורוימען דאָס מיטאָלאָגישע איז אויך קענטיק אין רמב"מס באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם פון השארת־הנפש.

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז דער רמב"ם גיט זיך אָן אַלס גרויסער פאַרערער און אין אַ באַדייטנדער מאָס אויך אַלס אָנהענגער פון אַריסטאָטעלעסעס פילאָזאָפיע. מען טאָר אָבער נישט פאַרגעסן, אַז דער רמב"ם איז געווען אַ מיטלאַלטערלעכער פילאָזאָף. די מיטלאַלטערלעכע פילאָזאָפיע האָט אויף אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן שטייגער אויפגענומען דעם אַריסטאָטעליזם. בעת דער רמב"ם ווענדט אָפּ אַ טייל פון אַריסטאָטעלעסעס אויספירונגען, מיט וועלכע ער האָט זיך אגב באַקאַנט פון דער אַראַבישער איבערזעצונג, האָט ער אין זינען די שפּעטערדיקע אַריסטאָטעלישע שול. ער איז געווען אונטער דער השפעה פון אבן־סינא (אַוויצעננאַ — 980–1037 און אבן־ראשד (אַווערראָעס, 1126–1198).

די מיטלאַלטערלעכע פילאָזאָפיע איז, כידוע, געווען שטאַרק אַריינגעטון אין דעם אוניווערסאַליען־פּראָבלעם. עס האָבן זיך דעמאָלט אויסגעטיילט דריי ריכטונגען: עקסטרעמע רעאַליסטן, קאָנצעפּטואַליסטן און מעסיקע רעאַליסטן. די עקסטרעמע רעאַליסטן זענען געווען נוטה צו פּלאַטאָס אידעאַליזם. זיי האָבן געהאַלטן, אַז די אידעען בילדן אַ באַזונדערע וועלט, די ווירקלעכקייט איז נאָר אַ קאָפּיע, אַ בלאַסע אָפּשפּיגלונג פון דער אידעע. אַזוי אַרום עקזיסטירט די אידעע פריער, איידער די קאָנקרעטע זאַך (אַנטע רעם). די קאָנצעפּטואַליסטן ווידער האָבן געהאַלטן, אַז קודם־כל עקזיסטירן ממשותדיקע זאַכן און שפּעטער ערשט אַרבעט דער שכל אויס אַלגעמיינע באַגריפן (קאָנצעפּטוס) דערוועגן. די מעסיקע רעאַליסטן האַלטן, אַז קעגנשטאַנדן עקזיסטירן נישט איינס לעם אַנדערן, נאָר איינס אין אַנדערן. זיי דרינגען זיך געמיינזאַם דורך (אין רע), ביי אַריסטאָטעלעסן איז דער גייסט (פאָרם) נישט אָפּגעטיילט פון חומר, נאָר זענען ביידע פאַראייניקט. דער

רמב"ם האַלט אויך, אַז אין מענטשן זענען פאַראייניקט מאַטע־ריע און פאָרם, צייטלעכע און אייביקע, גוף און נשמה.

דער רמב"ם גלויבט, אַז די נשמה באַשטייט פון צוויי יסודות: 1) די אינדיווידועלע לעבנס־קראַפט פון יחיד און 2) דער אוניווערסאַלער מענטשלעכער גייסט (שכל מופרד). די אינדיווידועלע לעבנס־קראַפט דויערט צוזאַמען מיט דעם גוף. קוים שטאַרבט אָפּ דער גוף, ווערט זי אויך פאַרשווינדן. דאַקעגן דער אוניווערסאַ־לער גייסט איז אומשטערבלעך. דער וועג צום מענטשנס אומ־שטערבלעכקייט ווערט געפירט דורך דעם שכל הפועל. דער מענטש פאַרמאָגט פּאָטענציעלע פאָרברייטונג, ד. ה. אַ כוח־הכנה צו פאַר־פולקאָמען זיין פאַרשטאַנד. אויב דער מענטש באַווייזט צו אַנט־וויקלען זיינע מעלות שכליות, קאָן ער אַ דאַנק דער אינטעלעקטוע־לער טוגנט אַקטואַליזירן זיין פּאָטענץ, ד. ה. איבערגיין מן הכוח אל הפועל. אַרויסשלאָגנדיק פון דער אייגענער פּאָטענץ אינטע־לעקטועלע פונקען, וואָס פאַראייניקן אים מיט דעם אוניווערסאַלן פלאַם פון אַקטיוון וועלט־שכל, ווערט דער מענטשלעכער גייסט אומשטערבלעך.

צו דערדאָזיקער מדרגה קאָנען זיך דערשלאָגן נאָר גייסטיקע ריזן, יחידי סגולה; דער גרויסער, אומוויסנדער המון גייט פאַר דער אייביקייט לאיבוד. די אומשטערבלעכקייט געהערט נאָר דעם אדם בפועל. דאָס איז אַ פולשטענדיקע אַנטיטעזע צו דער איינגע־גלויבטקייט, אַז שוין דורך קאָנסערווירן דעם טראַדיציאָנעלן דאָג־מאַטיזם קאָן יעדער ייד דערווערבן אומשטערבלעכקייט (כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא).

אין הסכם דערמיט דערקלערט דער רמב"ם אויך זיין בליק אויף דעם ענין פון השגחה פרטית. די השגחה איז חל נאָר אויף פאַרנונפטיקע מענטשן, ביי וועלכע דאָס דענקען איז געווענדט אויף גאָט. וואָס שלימותדיקער עס איז דעם מענטשנס אינטעליגענץ, אַלץ מער ווערט ער באַשטראַלט פון דער געטלעכער השגחה. זי אַנטפּלעקט זיך נאָר צו מענטשן, ביי וועלכע עס ליגט פאַרבאָרגן דער טייל פון דער גאָטהייט — דער שכל מופרד.

דער רמב"ם — אַלס ריטער פון די מיטלאַלטערלעכע פילאָ־זאָפן — האָט מיט אינטעלעקטועלן טעמפעראַמענט אַמקאָנסעק־ווענטסטן אויפגעריסן די מיטלאַלטערלעכע גאַזן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט במשך פון טויזנטיעריקער פילאָזאָפי־שער אומפאַרדייערלעכקייט.

אַריסטאָ־טעליזם

עס איז קלאָר, אַז די יידישע גייסטיקייט איז אין אַ גרויסער מאָס באַהערשט געוואָרן דורך אַ זייטיקן שטראָם — אַריסטאָטעליזם. ער האָט זיך ממש איינגע־געסן אין די יידישע ביינער. בכלל איז אַריסטאָטעלעס׳ אויטאָרי־טעט אין דער יידישער וועלט געוועזן אין לשער. מען האָט אים געהאַלטן פאַר דעם איינציק־באַרופענעם אויסלייגער פון די נאַ־טור־סודות — בפרט, אַז ער איז געוועזן מער פיזיקער און נאַטור־ראַליסט, איידער מאַטעמאַטיקער און אַסטראָנאָם. עס האָט זיך אַרום אים געשאַפן אַ שפּאַר ביסל יידישע לעגענדעס, וועלכע דערציילן, אַז ער איז געוועזן אַ גר אָדער גאָר אַ ייד פון שבט בנימין. איין לעגענדע פאַרבינדט אים מיט ר׳ גמליאלן; אַן אַנ־דערע דערציילט, אַז אין דער צייט, ווען אַלכסנדר מוקדון האָט דעראָבערט ירושלים, איז מיט אים אַריסטאָטעלעס מיטגעווען; דאָרט איז ער געוואָרן אַ תלמיד פון שמעון הצדיק, וועלכער האָט אים באַקענט מיט די געהיים־שריפטן, וואָס זענען פאַרבליבן פון שלמה המלך.

חוץ דעם האָט דער אַריסטאָטעליזם באַקומען אַ דריסת הרגל אין דער יידישער אידעען־וועלט צוליב זיין דערהויבענער גאָט־פאָרשטעלונג, דעצידירטער נטיה צום מאָנאָטעאיזם און טעאָ־לאָגישן באַטראַכטונגס־שטייגער. פון דעם מענטשנס באַציִונג צו גאָט האָט אַריסטאָטעלעס באַזייטיקט אַלע ערדישע מאָטיוון, ווי: אָפּהענגיקייטס־געפיל, שרעק, נויט און מורא, און אויף זייער אָרט אַריינגעפירט דאָס געפיל פאַר שיינקייט און האַרמאָניע, האַלטנ־דיק, אַז נאָר באַוווּנדערונג פירט צום גלויבן. לויט אים האָט דער וועלט־סדר אַ תכלית און ווערט רעגירט דורך אַן איין־און־איינצי־קער סיבה. דערצו לויבט ער דידאַקטיקע סיבה מיט התלהבותדיקער באַגייסטערונג. ער צעשטערט גריכנלאַנדס פילגעטעריי, זיין פּראָטעסט

קענען זיך גענצנדיגערישער וועלט אילוסטרירט ער מיט האַפּאָריס אַ פערז: „די פילהערשאַפט איז נישט גוט, איין קיניג דאַרף זיין, ווייל אויך די וועלט וויל זיין גוט רעגירט". אויף יעדן אַטאָם פון אוניווערסום האָט גאָט אויסגעפּרעסט זיין מאָנאַרכישע חתימה.

נישט אין אַ קלענערער מאָס האָט דאָ מיטגעהאָלפן זיין עטישער וועלט-באַנעם. פּלאַטאָ האָט געקעמפט קעגן די ליידנשאַפטן, ער האָט זיי געוואָלט אויסוואָרצלען; אַריסטאָטע-לעס, דאַקעגן, האָט זיי געוואָלט איינאָרדענען, אָרגאַניזירן. זיין טוגנט באַשטייט אין אַריינפירן גלייכגעוויכט צווישן די ליידנשאַפטן דורך דעם „גאָלדענעם מיטן".

אַריסטאָטעלעס' אויפטוען אין דער פיזיק זענען פאַר יע-נער צייט געווען רעוואָלוציאָנערישע. צוליב מאַנגל אָבער אין כעמי-שער מיטהילף (די „סצענציאַ כימע" האָט זיך אַנטוויקלט אַ סך שפּעטער) איז אַ טייל פון זיינע פיזישע טעזן אויסגעפאַלן פעלער-האַפטיק. ער האָט פון דער יאָנישער שול בירושה איבערגענומען די היפּאָטעזע פון פיר עלעמענטן: ערד, וואַסער, פייער און לופט, ווי אויך פיר אַנטקעגנגעזעצטע אייגנשאַפטן: קאַלט און הייס, פייכט און טרוקן. אַ דאַנק זייער גראַנגל זאָלן אין דער פיזישער וועלט אַנטשטיין ענדערונגען. אַריסטאָטע-לעס האָט זיי געגעבן אַן אַנטשפּרעכנדיקע פאָרם, דערגאַנצנדיק זיי לויט אַן אייגענעם סיסטעם.

אַלע קערפּער באַשטייען פון צוויי זאַכלעך-פאַרשיידענע באַ-שטאַנד-טיילן: פון אַ פּאַסיוו-גלייכגילטיקן עלעמענט — מאַטע-ריע, פון אַ ספּעציפישן עלעמענט, פון וועלכן יעדער קערפּער שעפּט זיינע אייגנשאַפטן און קרעפטן — פאָרם.

אין דער יידישער פילאָזאָפיע איז דער קולמינאַטיווער פונקט פון אַריסטאָטעליזם דערגרייכט געוואָרן ביים רמב"ם, וועלכער האָט איינגאַנצן איבערגענומען אַריסטאָטעלעס' סובלונאַרע וועלט (תחת גלגל הירח).

אין „שמנה פרקים להרמב"ם" באַמיט זיך דער רמב"ם אויפ-צוקלערן דעם „גילדענעם מיטן", וואָס דאַרף זיין דער יסוד פון דער זיטלעכקייט. אויב דער מענטש געפינט זיך צווישן פיזור

(פאַרשווינדערישקייט) און כילות (קאַרגשאַפט), דאַרף ער אויסקלייבן דעם מיטלפונקט — נדיבות; צווישן התנשאות (גאווה) און פחיתות (דערנידערונג), דאַרף מען אויסוויילן ענוות (באַשיידנקייט).

אַלע מענטשלעכע באַמיאונגען איינצוהאַלטן דאָס געזונט פון גוף האָט דעם אויסשליסלעכן צוועק צו דערמעגלעכן די — גאָט-דערקענטעניש. די נאַטור-וויסנשאַפט און מאַטעמאַטיק זענען נאָר אַ מיטל צו שאַרפן דעם שכל, בכדי בעסער דורכצומאַכן דעם פראָצעס פון גאָט-דערקענטעניש. דער רמב״ם פאַרלאַנגט נישט, אַז דער מענטש זאָל תמיד זיין אָנגעברוגזט און טויט-ערנסט. פאַרקערט — געמיט און הייטערקייט פאַררעכנט ער צו די פּאָזיטיווע דערשיינונגען ביים דענקענדיקן מענטש. ער פאַררופט זיך אויף דעם: „איתא דרבה מקמי דפתח להו לרבנן אמר מלתא דבדיהותא”.

אַ קורץ-געפאַסט בילד פון דעם אַריסטאָטעליזם, ווי אַזוי ער איז איבערגעפלאַנצט געוואָרן אויף דעם יידישן באָדן, איז קענטיק פון די פינף און צוואַנציק פּרעמיסן, וואָס דער רמב״ם ברענגט אין דער איינלייטונג צום צווייטן טייל פון „מורה נבוכים” אַלס זיינע פילאָזאָפישע גרונט-זאַצן.

שוין די ערשטע פּרעמיסע זאָגט: „עס איז אומדענקבאַר די עקזיסטענץ פון איין אומענדלעכער שטח-גרויסקייט.

אַריסטאָטעלעס באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז צוליב פאָלגנדיקע טעמים קאָן לגמרי קיין רייד נישט זיין וועגן איין אומענדלעכער גרויסקייט. עס איז דאָך גאַנץ פשוט. דאָס אומענדלעכע קאָן נישט זיין קיין עצם, ד. ה. עפּעס אַזוינס, וואָס עקזיסטירט אין דער ווירקלעכקייט, ווייל קוים איז עס טיילבאַר, מוז אַלץ, וואָס מען נעמט דערפון, אויך זיין אומענדלעך. איין און די זעלביקע זאַך קאָן דאָך נישט אַנטהאַלטן קיין סך אומענדלעכקייטן. לאָגיש גענומען איז אוממעגלעך צו גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון אַן אומענדלעכן קערפּער, ווייל דער באַגריף וועגן אַ קערפּער לאָזט דאָך צו, אַז ער איז באַשרענקט דורך פלאַך-גרענעצן; פיזיש

געזען, שטעלט זיך אַרויס, אַז דער אומענדלעכער קערפּער קאָן נישט זיין צוזאַמענגעזעצט אָדער אפילו איינפאַך. ער קאָן נישט זיין צוזאַמענגעזעצט, בעת זיינע עלעמענטן זענען לויט זייער מענגע ענדלעך. אומענדלעך, ווידער, אין דער מענגע, קאָנען די עלעמענטן אויך נישט זיין, ווייל דעמאָלט וואָלט יעדער פון זיי געמוזט זיין אומענדלעך אויסגעשפרייט. עס איז דאָך אָבער אַ שטות צו טראַכטן וועגן אַ סך אומענדלעכקייטן, עס קאָן אויך איינער פון זיי נישט זיין אומענדלעך. וואָלט עס אַזוי געווען, דעמאָלט מוז דער אומענדלעכער עלעמענט איינשלינגען און פאַרניכטן די איבעריקע.

נעמען מיר די צווייטע פּרעמיסע: „עס איז אומדענקבאַר דאָס גלייכצייטיקע זיין פון אומענדלעכע שטח-גרויסקייטן אין אַן אומענדלעכער צאָל“.

אַריסטאָטעלעס האַלט פאַר נישט מעגלעך, געדאַנקלעך צוצולאָזן די עקזיסטענץ פון אַן אומענדלעכער צאָל ענדלעך גלייכצייטיק-עקזיסטירנדיקע גרויסקייטן. יעדע צאָל מוז דאָך זיין „גראָד“, אָדער „אום“, ד. ה. שטענדיק ציילבאַר.

וואָס טראַכט אַריסטאָטעלעס וועגן באַוועגונג?

די פינפטע פּרעמיסע: „יעדע באַוועגונג איז אַ פאַרענדערונג און איבערגאַנג פון מעגלעכן צוםווירקלעכן“.

די אַכטע פּרעמיסע: „אַלץ, וואָס באַוועגט זיך צופעליק, מוז נויטווענדיק טיילמאָל רוען, ווייל זיין באַוועגונג גייט נישט פאַר זיך אין דער וועזנהייט. ממילא איז עס אוממעגלעך, אַז דידאָזיקע צופעליקע באַוועגונג זאָל שטענדיק געדויערן“.

ניינטע פּרעמיסע: „קיין שום קערפּער קאָן נישט באַוועגן קיין אַנדערן קערפּער, אַז ער זאָל צו דער זעלביקער צייט, ווען ער באַוועגט, אַליין נישט זיין אין באַוועגונג“,

דרייצנטע פרעמיסע: „קיין שום אַרט פאַרענדערונג קאָן נישט דויערן אומאויפהערלעך, אויסער דער שטח־באַוועגונג און צו דער זעלבער באַלאַנגט די ראָטאַציע־באַוועגונג".

צו די פאַרשיידענע מינים פאַרענדערונגען געהערן: ווערן און פאַרגיין, אַנדערש ווערן, צונעם און אָפּנעם. בנוגע דער ראָטאַציע־באַוועגונג איז כדאי אָנצומערקן, אַז אַריסטאָטעלעס באַווייזט, אַז צווישן אַנטקעגנגעזעצטע באַוועגונגען מוז אומבאַדינגט זיין אַ צייט־אינטערוואַל. די קרייז־באַוועגונג קאָן יאָ שוין דויערן אָן איבעררייס. היות אין דער ערשטער פרעמיסע איז שוין געזאָגט געוואָרן, אַז עס זענען גאָרנישט בנמצא קיין אומענדלעכע גרויסקייטן, מוז דעריבער די באַוועגונג, ווען זי מעסט דורך די גאַנצע ענדלעכע גרויסקייט, צוריקלויפן. דאָס קאָן אָבער באין אופן נישט געשעען אָן רו־הפסקות.

צוויי און צוואָנציקסטע פרעמיסע: „יעדער קערפער איז נויטווענדיק צוזאַמענגעזעצט און ווערט על פי הכרח אונטערגעוואָרפן צופעליקע אומשטענדן. עס זענען אָבער פאַראַן צוויי זאַכן, וואָס באַצייכענען זיין עקזיסטענץ: שטאָף און פאָרם".

פיר און צוואָנציקסטע פרעמיסע: „דאָס, וואָס איז אין דער פּאָטענץ (בכוח), מוז נויטווענדיק פאַרמאָגן מאַטעריע (חומר), ווייל דאָס מעגלעכע (אפשרות), מוז תמיד זיין אין שטאָף".

אַלע פינף און צוואָנציק פרעמיסן גילטן אַלס פילאָזאָפישע לייטזאַצן, וואָס דאַרפן באַווייזן די באַשיינפּערלעכקייט פון גאָטס עקזיסטענץ, איינהייט און אומקערפּערלעכקייט. (מציאות השם ואחדותו והרחקת הגשמיות).

רלב״ג

די רמב״מישע ליניע ווערט ווייטער געצויגן דורך דעם רלב״ג (1288–1344), וועלכער טרעט אָפּטמאָל אַרויס

ראַציאָנאַליסטיש אַ סך קאָנסעקווענטער, איידער זיין גרויסער פאָר־
אויסגייער. אין דער קריסטלעכער וועלט איז דער רלב״ג באַקאַנט אונ־
טער דעם נאָמען Magister Le de Bagnols (דרום־פראַנקרייך).
ער איז געווען באַרימט אַלס אַסטראָנאָם. זיינס אַן אָפּהאַנדלונג איז
געוואָרן איבערזעצט אין לאַטיין. ס׳איז באַוווּסט, אַז קעפּלער האָט
זיך באַמיט צו באַקומען דעם רלב״גס לאַטיינישע פּובליקאַציע. באַ־
זונדערס האָבן אין דער קריסטלעכער וועלט אויסגענומען דעם
רלב״גס קאָמענטאַרן צום אַריסטאָטעליזם. דער באַקאַנטער געשיכט־
שרייבער פון דער מיטלאַלטערלעכער פילאָזאָפיע קאַרל פאָן
פּראַנטל שטעלט דעם רלב״ג אַלס לאָגיקער העכער פון רמב״ם.

קודם־כל קערט זיך דער רלב״ג אָפּ פון אַלע אויטאָריטעטן,
וואָס שטערן אים זיך צו דערשלאָגן צום אמת. ער איז פאַר זיין
צייט געווען דער זעלבסטשטענדיקסטער און פרייסטער יידישער
פילאָזאָף, וועלכער האָט מוטיק געזוכט דעם אָביעקטיוון אמת. ער האָט
לגבי די קאַנאָניזירטע דאָגמען אָקעגנגעשטעלט דעם פרייען קריטישן
געדאַנק, וואָס ווייסט נישט פון קיין שום אָפּהאַלט. דער ווערט פון
לעבן באַשטייט אייגנטלעך אין דענקען. זיין דעוויז: „לעבן —
הייסט דענקען!“ (ההשגה היא החיים) איז מיט דריי הונדערט יאַר
פאָראויסגעלאָפן דעם דעקאַרטישן גרונט־פּרינציפּ: „Cogito ergo
sum!“. די גאַנצע גליקזעליקייט פון מענטשנס לעבן באַשטייט אין
זאַמלען און מערן וויסן און דערקענען. גלויבן אָן וויסן איז פאַר
אים בכלל זינלאָז.

עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז ער האָט, באַנוצנדיק
זיך מיטן ראַציאָנאַליסטישן מעטאָד, טריי געהאָלפן אַראָפּנעמען דעם
מיטאָלאָגישן שלייער. ער האָט אַלעגאָריסטיש געטייטשט די זעל־
ביקע פסוקים, וועלכע עס האָט שפּעטער אויך אַן ענלעכן שטייגער
קאָמענטירט ספּינאָזאַ. דער קלאַסישער „שמש בגבעון דום“ זאָל
אויסדריקן יהושע בן נונס באַגער, אַז דער נצחון איבערן פיינט זאָל
קומען וואָס גיכער, ד. ה. נאָך פאַר דעם זון־אונטערגאַנג. דעם
שיר השירים־סיוזשעט טייטשט ער אויך אַן אייגנאַרטיקן שטייגער.
„ירושלים“ זאָל זיין דער סימבאָל פון ד ע נ ק ע ן; „בנות
ירושלים“ דאַרפן אויסדריקן דעם מענטשנס גייסטיקע איינג־

שאַפֿטן; שלמה המלך — דעם מענטשנס שכלדיקע סובסטאַנץ א. ד. ג.

דאָס זענען אָבער נאָר זייטיקע מאָמענטן לגבי די צענטראַל־פילאָזאָפֿישע געדאַנקען, וועלכע ער באַהאַנדלט אין זיין הויפט־ווערק „מלחמות השם". אין דאָזיקן טראַקטאַט באַקענט ער זיך אַלס איבערגעגעבענער אַריסטאָטעליקער. אַלץ איז ביי אים טאַקע דורכגעפֿלאָכטן מיט די שול־קאָנטראָווערסן פֿון אַריסטאָטעליזם. זיין אַריסטאָטעלישע איבערגעגעבנקייט דערגייט אָבער ביזן אויסגעפֿינען אַן אייגענעם שטאַנדפונקט, וועלכער איז אָפּטמאָל מסוגל צו רעוואָלטירן קעגן דעם געאַכטעטן לערער און מייסטער. ער קאָן אין אַ מער באַרעכטיקטער מאָס איידער דער רמב"ם זאָגן וועגן זיך: Amicus Aristoteles (אַ פֿריינט פֿון אַריסטאָטעלעס), אָבער magis amica veritas (אַ גרעסערער פֿריינט פֿון אמת). לויט דעם אַנאַליז־צוגאַנג איז „מלחמות השם" אַ סכאָלאַסטיש ווערק.

דריי גרונט־פּראָבלעמען באַהאַנדלט דער רלב"ג: 1) השארת הנפש 2) דאָס וויסן פֿון נבואה און 3) דער שטרייט וועגן וועלט־באַשאַף.

שוין אין דער הקדמה ווערן צווישן אַנדערע אָנגעדייט די הויפּט־שאלות.

די ערשטע פֿראַגע: „צי איז די פֿאַרנונפֿטיקע זעלע אומשטערבלעך, הגם זי האָט נאָר דערגרייכט אַ טייל פֿון איר שלימות? אויב יאָ, שטעלט זיך אַרויס אַן אַנדערע פֿראַגע: צי זענען פּרט פֿון אומשטערבלעכקייט אין פֿאַרהאַן פֿאַרשיידענע מענטשלעכע מדרגות? די דאָזיקע פֿראַגע איז זייער וויכטיק און פּראָבלעמאַטיש; אַ טעות ביי איר לייזונג איז עלול שטאַרק צו דערווייטערן דעם מענטש פֿון זיין גליקזעליקייט" (אם תשאר הנפש המדברת כשהשלמה קצת שלמות. ואם תשאר, האם תתחלף מדרגת האנושית בזה ההשארות).

די צווייטע פֿראַגע: „צי דאָס, וואָס דער מענטש דערוויסט זיך וועגן דער צוקונפֿט אין חלום, דורך צויבעריי און נבואה, ווערט ער געוויער סובסטאַנציעל אָדער אַקצידענטעל (בעצם או במקרה), ד. ה. אָן ווירקנדיקע סיבות? אויב דאָס געשעט דורך אַ ווירקנדיקע סיבה, אַנטשטייט ווידער אַ פֿראַגע: וואָס

איז דאָס פאַר אַ מין סיבה און ווי אַזוי ווערט דורך איר די מיט־טיילונג וועגן דער צוקונפט פערפעקט? (אין טעקסט שטייט — „ואיך תשלח", אַ טייל לייענען — ואיך תשלם).

די דריטע פראַגע (אין טעקסט — די זעקסטע):
„צי איז די וועלט אָן אייביקע אָדער אַ באַשאַפענע? אויב זי איז אַ באַשאַפענע, טאָ ווי אַזוי איז פאַרגעקומען איר באַשאַפונג? אויך דידאַזיקע פראַגע איז זייער אַ פּראָבלעמאַטישע, ווייל פון איר זע־נען אָפּהענגיק די געביטן, וואָס פירן דעם מענטש צו אינטע־לעקטועלער און; פּאָליטישער גליקזעליקייט" (אל הצלחתן המרעית והמדינית).*)

לאָמיר דידאָזיקע ענינים באַטראַכטן כסדר:

השארת הנפש. — דאָס פּראָבלעם פון השארת הנפש פאַרנעמט ביים רלב"ג דאָס ערשטע אָרט. אויף דעם געביט טרעט ער באַדייטנד אָפּ פון דער אַריסטאָטעלישער גענעראַל־ליניע, וואָס האָט באַהערשט די מיטלאַלטערלעכע פילאָזאָפיע. ער ווייזט דער־ביי אַרויס גרויס זעלבסשטענדיקייט אין דענקען. אָבער שוין אין ערשטן מאמר פון „מלחמות השם" ווערט קלאָר דער סכאָלאַסטי־שער כאַראַקטער פון דאָזיקן ווערק. איידער ער טרעט צו צום ענין האָלט ער פאַר נויטיק צו באַקענען דעם לייענער מיט די מיינונ־גען פון די פריערדיקע פילאָזאָפן, דעות הקודמים במהות השכל האנושי. ער דיסקוטירט מיט זיי אויף אַ חריפותדיקן שטייגער און לסוף פירט ער פון זיי אַרויס אייגענע מסקנות. אין ערשטן פרק זאָגט דער רלב"ג אָט וואָס:

„היות דער שכל איז אויף אַזוי פיל דער אָנזעעוודיקסטער טייל פון מענטשלעכן נפש, אַז מען האָלט אים פאַר אומשטערב־לעך און אייביק, אין דער צייט, וואָס בנוגע אַנדערע טיילן פון נפש איז באַוווּסט, אַז צוזאַמען מיטן פאַרניכטן דעם חומר ווערן זיי אויך פאַרשווינדן, און היות זיי פירן אויס זייער פונקציעס אָן דער מיטהילף פון קערפּערלעכע אָרגאַנען, לאָמיר פאַר אַלעם

*) „מלחמות השם", לייפּציג תרכ"ו ז'ק.

אויספאָרשן די אומשטערבלעכקייט פון גייסט: צי איז זי פאַרהאַן אָדער נישט, ווען זי איז פאַרהאַן, טאָ ווי אַזוי געשעט עס. לאָמיר עס פאָרשן אויף דעם יסוד פון וועזן פונם מענטשלעכן אינטעלעקט, ווייל אומשטערבלעכקייט און מענטשלעך גליק געהערן דאָך צום אינטעלעקטס-אַטריבוטן. ס'איז אָבער נישט שייך צו פאָרשן די אַטריבוטן פון אַן אָביעקט, איידער מיר האָבן דערקענט דאָס וועזן פון זעלביקן אָביעקט. אויב דאָס וועזן איז נישט דערקענט, וועט מען אויך זיינע אַטריבוטן נישט דערקענען. אַזוי ווי אויף דעם געביט הערשט צווישן די פילאָזאָפן אַ גרויסע פלוגתא, מוזן מיר צוערשט זיך באַקענען מיט זייערע אָנשויאונגען".

„די אַמאָליקע פילאָזאָפן האָבן אין דערדאָזיקער פראַגע אַרויסגעפירט דריי פאַרשיידענע מיינונגען:

„די מיינונג פון א ל כ ס נ ד ר איז אַזעלכע — ער האַלט, אַז דער אָנלאָג (מעגלעכקייט, הכנה), ד. ה. דעם שכל היולאַני (הילישער אינטעלעקט) איז אינם נושא ווי די זעלע בכלל אָדער איינע פון אירע טיילן, ווי די פאָרשטעלנדיקע זעלע (כמו הנפש המדמה) אָדער פאָרשטעלנדיקע פאָרמען (או הצורותה דמיונות), וואָס געפינען זיך אין איר. פאַר זיך גענומען איז עס נאָר ענטע־לעכיע (הכנה)".

„די צווייטע מיינונג שטאַמט פון ת מ ס ט י ו ס און זיי־נע אָנהענגער. ער האַלט, אַז דידאָזיקע הכנה איז אָפגעזונדערטער אינטעלעקט (שכל נבדל), וואָס אַנטשטייט נישט און פאַרגייט נישט".

„די דריטע מיינונג איז א ב ן ר ש ד "ס אין זיין קאָ־מענטאַר צום ספר הנפש (De anima). ער האַלט, אַז די הכנה איז דער שכל הפועל בעצמו (דער ריינער אַקטיווער אינטעלעקט), אָבער מצד זיין פאַרבונדנקייט מיט אונז שאַפט ער אַן ענטעלעכיע און איז ביכולת צו באַגרייפן אַלץ, וואָס איז פאַרהאַן אויף דער וועלט. סובלונאַרע וועלטן, ד. ה. יענע אינטעלעגיביליאַ (המושכלות), וועלכע זענען זיך סומך אויף זינלעכע זאַכן, וואָס געפינען זיך מחוץ לנפש. ווי מיר וואָלטן געזאָגט: אַלץ, וואָס איז לעבעדיק — פילט, יעדער מענטש רעדט א. ד. גל. דאַקעגן פאַר זיך גענומען איז

דער אַקטיווער אינטעלעקט אַ שכל, וואָס באַגרייפט זיין אייגענעם מהות, אָבער נישט דאָס סובלונאַרישע (ומצד עצמו הוא שכל משכיל עצמותו ולא ישכיל מה שבכאן)."

„די פערטע מיינונג שטאַמט פון אַ טייל שפעטערע פון אונזער צייט. זיי האַלטן, אַז דידאָזיקע הכנה איז סעפּאַראַטער אינטעלעקט, וואָס איז נישט אַנטשטאַנען פון קיין אַנדערער זאַך, נאָר דורך זיך גופא (שזאת ההכנה הוא שכל נבדל הווה בעצמותו לא מדבר)".*)

דער רלב"ג אָבער פון זיין זייט איז גענייגט צו דער שיטה פון גריך אלכסנדר, וועלכער האָט ביי די אַראַבער געגאָלטן אַלס דער אויטאָריטאַטיווסטער אויסטייטשער פון אַריסטאָטעליזם. ווי מיר האָבן שוין געזען, קומט אויס — לויט אים — אַז דער מענטשלעכער גייסט איז נישט בלויז הכנה, וואָס עקזיסטירט ווייניק פאַר איר פאַרווירקלעכונג אַקוראַט ווי דאָס נישט געשריבענע אויף דעם לוח. אַלס טרעגער פון דערדאָזיקער הכנה איז — די זעלע. ערשט אין דער באַשטענדיקער ווירקלעכקייט און ווירקזאַמקייט (דורך טראַכטן און פאָרשן) פון עקזיסטירנדיקן גייסט ווערט די הכנה פאַרווירקלעכט. דערדאָזיקער גייסט איז נישט קיין מענטשלעכער נאָר אוניווערסאַלער, ד. ה. געטלעכער. דעם בזה האופן פאַרווירקלעכטן גייסט באַצייכנט אַלכסנדר אַלס ד ע ר וו אָ ר ב ע נ ע ם.

דער רלב"ג האַלט, אַז דער אַקטיווער אינטעלעקט איז לויט זיין מהות דורכאויס אומּמאַטעריעל; זיינע פאָרמען שטראָמען אַרויס אויף דער ערדישער וועלט, אַקטואַליזירנדיק דעם מענטשלעכן שכל.

גענויער זעט די זאַך אויס אַזוי. — דער יולאַנישער גייסט דינט אַלס סדר פאַרן דערקענען דידאָזיקע זאַכן, דאַקעגן דורך דעם ענערגעטישן, ד. ה. אַלגעמיינעם גייסט ווערט אויף אַ געוויסן שטייגער דערקענט דער סדר גופא. דער אַלגעמיינער גייסט פאַרווירקלעכט דאָסדאָזיקע דורך אַרויספירן פונם מאַטעריעלן אַ פאָר-

---

*) מלחמות השם' ז. 12, 13.

מעלע עקזיסטענץ. דעם דערמאָנטן סדר אינם אַלגעמיינעם גייסט שטעלן מיר זיך פאָר אַזוי, ווי אַלע פאָרמען זאָלן אין אים זיין באַשטימט דורך קעגנזייטיקע באַציאונגען, פון וועלכע עס בילדעט זיך אויס אַן איינהייט. די מאַטעריע שטייגט פאָרויס פון שטאַפּל צו שטאַפּל, צו וואָס אַמאָל נייערע פאַרווירקלעכונגען. איין הכנה פאַרמיטלט די אַנדערע און אַזוי ציט זיך אַ קייט פון הכנות ביז עס ווערט דערגרייכט די לעצטע ענטעלעכיע, וואָס אַנטהאַלט אַלע אַדורכגעלאָפענע שטאַפּלען פון וו ע ר ן.

דער שכל הנקנה איז יענע שלימות, וואָס ווערט דורך דעם אַקטיוון שכל רעאַליזירט אינם יולאַנישן. דידאָזיקע שלימות באַשטייט פון צוויי מינים: פ אָ ר ש ט ע ל ו נ ג און וו ע ר י פ י ק אַ צ י ע (והנה זה השלמות הוא שני מינים, מין יקרא ציור, ומין יקרא האמתה).

דער דערוואָרבענער שכל איז אינגאַנצן פריי פון גשמיות, ער איז אָפּגעזונדערט, אַ נבדל. אמת, עס איז פאַרהאַן אַ באַשטימטער מין פאַרשטאַנד־דערקענטעניש,˝ וואָס ווייזן אויס צו האָבן אַ זינלעכן צומיש; דידאָזיקע שטיצן זיך אָבער אויף דעם וואָרנעמען פון די חושים. אין תוך אָבער איז דער שכל הנקנה אייביק, אַלץ, וואָס ער דענקט איז פאַרגונפט אַן אַ וועלכן עס איז שמץ פון מאַטעריע. דאָס אונטערגיין פון זאַכן האָט קיין שום שייכות נישט מיט צורה נאָר דרינגט בעיקר אַרויס פון חומר. די מאַטעריע איז לויט איר מהות צעשטערבאַר. קוים האָט די מאַטעריע נישט באַוויזן צו נעמען אויף זיך פאָרב, איז זי ממילא שוין גורם דאָס פאַרניכטן און פאַרשווינדן. דאַקעגן פון דער צורה שטאַמט: ע ק־ ז י ס ט ע נ ץ און ג ו ט ס (המציאות והטוב), ווייל דעם נישט מאַטעריעלן פעלן פשוט באַדינגונגען פאַר אונטערגיין.

די אַמאָליקע אַריסטאָטעליקער האָבן זיך געטראַכט אַזוי: דער שכל הנקנה איז זיך דאָך סומך אויף אַ חושימדיק עמפינדן. היות אָבער דאָס חושימדיקע עמפינדן איז נישט אייביק נאָר פאַרשווינדט, קומט דעריבער אויס, אַז צוזאַמען מיטן פאַרשווינדן פון זינלעכן יסוד פאַרשווינדט אויך דער שכל הנקנה. אָדער גאָר אַזוי: דער דערוואָרבענער שכל איז דאָך די ענטעלעכיע פון

מענטשלעכן נפש, אַזוי ווי דער נפש גייט אונטער, פאַרשווינדט אויך
זיין ענטעלעכיע.

דער רלב״ג צעקלאַפּט דידאָזיקע ראיות, באַווייזנדיק, אַז זיי
זענען פולשטענדיק פאַלשע. מען דאַרף פּשוט פאַרשטיין די גרונט-
נפקא מינה צווישן סובסטאַנציעלע (עצמדיקע) און אַקצידענטעלע
(געלעגנהייטלעכע) סיבות. די עצמדיקע אורזאַך פון די עקזיסטירנ-
דיקע זאַכן, ווי אויך פון אַלע זינלעכע פאָרמען, איז דער סדר אינגם
אַלגעמיינעם גייסט, ד. ה. אין שכל הפועל. אויב מען האַלט ווי-
דער, אַז די זינלעכע פאָרמען און זייער וואָרנעמען זענען די
סיבות פון דערוואָרבענעם שכל, זענען זיי דאָך געלעגנהייטלעכע
(מקרהדיקע) סיבות. זיי זענען נאָר אַ מיטל, אָבער באין אופן נישט
קיין עצמדיקע אורזאַך, וואָס זאָל זיין דער יסוד פון דער עקזיס-
טענץ. דאָס אומהילישע האָט נישט קיין שום מניעה פאַר איר דוי-
ערהאַפטיקער עקזיסטענץ, ריכטיקער — קיין שום מאָטיוון פאַר איר
פאַרשווינדן. אין אַריסטאָטעלעס׳ „פיזיק״ און „מעטאַפיזיק״ איז
באַוויזן, אַז נאָר דאָס מאַטעריעלע איז פאַרמשפּט אונטערצוגיין,
אָבער אין קיין פאַל נישט דאָס פאָרמעלע. די פאָרם רעסאָרטירט
פון זיך די עקזיסטענץ און דאָס גוטע (כי הצורה היא אשר יהיה
ממנה המציאות והטוב). אַ זאַך גייט דעמאָלט אונטער, ווען די
אָפּיצירטע כוחות זענען שטאַרקער איידער די אַפּיצירנדיקע. היות
מאַטעריע באַדינגט דאָס אונטערגיין, און דאָס אומהילישע איז דאָך
נישט קיין חומר, איז ממילא נישטאָ קיין שום סיבה פאַר איר אונ-
טערגיין.

אויך די טענה, אַז די עקזיסטענץ פון שכל הנקנה איז גע-
בונדן מיט פיזישע פערצעפּציעס איז נישט באַגרינדעט. אין דער
אמתן פאַרשווינדט יעדע פאַראורזאַכטע דערשיינונג תיכף נאָכן
פאַרשווינדן פון איר אורזאַך. אָבער במה דברים אמורים? — ווען
דאָס פאַראורזאַכטע האָט איר באַשטאַנד אינעווייניק אין דער אור-
זאַך (כאשר היה עמידת המסובב הסבה ההיא). אין דעם פרט
וואָלט די סיבה געמוזט זיין ס ו ב ס ט אַ נ צ י ע ל .
פאַקטיש אָבער בילדן די פיזישע פערצעפּציעס פאַר דעם שכל הנקנה
נאָר אַקצידענטעלע און נישט קיין סובסטאַנציעלע סיבות. נאָכ-

מער, דידאָזיקע פיזישע פערצעפציעס זענען דאָך נאָר גורם צו רעאַליזירן דאָס וויסן, אָבער נישט די עקזיסטענץ פון איר אינטעליגיבעלן סדר.

אונזער שכל הנקנה איז אַ ווירקונג פון אוניווערסאַלן גייסט, בלויז פאַרמיטלט דורך די חושים. היוצא מדברינו: אויב די חושים זענען דעם מענטשנס איינציק מיטל צו דערקענען דעם גייסטיקן סדר, ווי ער באַשטייט אינם אַלגעמיינעם שכל, איז פאַרשטענדלעך, אַז נאָך דעם טויט קאָן דער מענטש נישט דערווערבן קיין נייע דערקענטעניש. עס איז דעריבער דורכ-אויס פאַלש צו מיינען, אַז דער מענטשלעכער גייסט אַליין אַלס ריין-גייסטיקער פראָדוקט פון אַ ריין-גייסטיקן פאַקטאָר זאָל פאַרשווינדן, ד. ה. זיין שטערבלעך. דער שכל הנקנה איז דורכאויס אַ נצחי.

דער מענטש דערגרייכט השארת הנפש נאָר אַ דאַנק דעם שכל הנקנה, דורך דערווערבן אַבסטראַקטע ווערטן און אמתן. וואָס מער דער יחיד דערשלאָגט זיך מיטן דערוואָרבענעם שכל צו אַלגעמיינע נישט צופעליקע און אומפערזענלעכע באַגריפן, אַלץ מער נעמט ער אַרום די וועלט-איינהייט און אַלץ מער ווערט ער באַשטראַלט מצד דער געטלעכער השגחה. און אין דעם באַשטייט עס מענטשנס אומענדלעכע פרייד און גליק.

רוח הנבואה

דער רמב״ם באַהאַנדלט דאָס נבואה-פּראָבלעם פסיכאָלאָגיש; אים אינטערעסירט בעיקר די פראַגע: ווי אַזוי דערגרייכט דער מענטש די מדרגה פון אַ נביא? דער רלב״ג דאַקעגן האָט צום דאָזיקן ענין אַ מעטאַפיזישן צוגאַנג; ער פרעגט: ווי איז בכלל מעגלעך דער רוח הנבואה, ד. ה. פאָראויסזען און פאָראויסוויסן די צוקונפט? דעמדאָזיקן ענין אַנאַליזירט דער רלב״ג אויספירלעך (מאמר שני — בעני, החלום והקסם והנבואה). ער זאָגט:

„...דאָס פּאָראַויסוויסן די צוקונפט, וואָס דער מענטש פאַרמאָגט אַ דאַנק חלומות, צויבעריי און נבואה, דאַרף נישט באַטראַכט ווערן אַלס צופאַל, ווייל דאָס צופעליקע איז נוגע בלויז אַ קורצער מעטע און אויך אַ באַגרענעצטער צאָל קעגנשטאַנדן, ווי עס רעדט זיך דערוועגן אין צווייטן בוך „פיזיק“ (השמע). פון דער צווייטער זייט איז דאָך בזמננו אַ באַקאַנטע זאַך, אַז געוויסע מענטשן זאָגן פאָראויס געשעענישן אויף גאָר אַ לאַנגע צייט, נעמלעך: די אַ. ג. צויבערער (קוסמים). נאָך קלאָרער איז דאָס שייך דער נבואה, וואָס האָט געגאָלטן צווישן אַלע פעלקער, ווייל זי אַנטשפּרעכט דער גערעכטיקייט. דאָס זעלביקע באַציט זיך אויך צו די וואָרע חלומות, אַ סך פון אירע בילדער שטימען אינגאַנצן מיטן עתיד. אַזוי זעט עמעצער אין חלום: צוויי מענער גייען אויף אַ באַשטימט אָרט און טרעפן דאָרט צוויי אַנדערע. עס אַנטשטייט צווישן זיי אַ מחלוקה; איינער זאָגט אַזוי, דער צווייטער זאָגט אַנדערש, ביז עס דערגייט דערצו, אַז איינער שלאָגט דעם צווייטן אויף אַ באַשטימטן אופן. און אָט ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס זעלביקע קומט פאָר אין דער ווירקלעכקייט. דאָס קאָן אָבער באַין אופן נישט פאַרענטפערט ווערן מיט קיין צופאַל. עס זענען פאַרהאַן מענטשן, וואָס האָבן אָפטמאָל ריכטיקע חלומות, בפרט שוואַרצע מענטשן (האנשים השחורים — שווערמוטיקע; נוטה לשחורה, מרה־שחורה). דאָס אַלץ באַווייזט, אַז די דאָזיקע אַנטפּלעקונג איז נישט קיין צופעליקע“.

„קיים שטעלט מען פעסט, אַז דער אָרט מיטטיילן איז זיך נישט סומך אויף קיין צופאַל, איז דערפון בפירוש צו דרינגען צוויי זאַכן: ערשטנס: די קינפטיקע געשעענישן, פאַר וועלכע עס אַנטשטייט דאָס וויסן, מוזן זיין פּרעסטאַבילירט, ד. ה. עס איז פאָרויס באַשטימט געוואָרן דער אופן פון זייער מקוים ווערן. וואָלט דערדאָזיקער רעאַליזירונגסשטייגער נישט געווען פּרעסטאַבילירט, וואָלט עס געהייסן, אַז דאָס פאָראויסוויסן שטיצט זיך נאָר אויף אַ צופאַל, דאָס,

וואָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך. צווייטנס: עס מוז דאָ זיין אַ באַשטימטער עפּעס, וואָס ווייסט פון יענער פּרעסטאַביליזאַציע, לגבי וועלכער עס באַציט זיך דאָס פאָראויסוויסן. דערדאָזיקער עפּעס שאַפט דאָס אונזער פאָראויסוויסן. ווייל דאָס דערמאָנטע פאָראויסוויסן פאַרמאָגן מיר ערשט דעמאָלט in actu (בפועל), ווען מיר האָבן עס פריער געהאַט in potentia (בכוח)"*).

באַווייזנדיק, אַז דאָס פאָראויסוויסן איז פּרעסטאַבילירט און דעטערמינירט, באַמיט זיך דער רלב"ג גרינדלעך צו פאָרשן די אופנים פון פּרעסטאַביליזאַציע און דעטערמינאַציע. עס איז פאַר אים קלאָר, אַז דער **פּועל פון וויסן, וואָס ווערט אין אונז פאַרווירקלעכט, איז** — דער אַקטיווער שכל, וועלכער פירט אויס זיינע פונקציעס אָן אַ קערפּערלעכן אָרגאַן.

דער רלב"ג האַלט, אַז די נבואה-אַנטפּלעקונג איז זיך סומך אויף דעם גענעראַל-וויסן פון אַקטיוון שכל, אויפגענומען לויט אַן אינדיווידועלער פאָרם, ד. ה. דער גייסט פון נביא ווענדט אָן בנוגע אַ קאָנקרעטן פאַל אַ גענעראַל-צוזאַמענהאַנג, וואָס איז אים מיטגעטיילט געוואָרן דורך דעם שכל הפועל. עס קומט דעריבער אויס, אַז פון שכל הפועל שטאַמט נאָר דער גענעראַלער צוזאַמענהאַנג אַלס אַזעלכער, וואָס איז אָבער אָנווענדבאַר אויף אַ געוויסער צאָל פּרטים.

דערביי קומט אין באַטראַכט דער אַסטראָלאָגישער מאָמענט, צוליב וועלכן דער רלב"ג איז מחולק מיטן רמב"ם. דער רמב"ם האָט נישט געגלויבט אין דעם ווערט פון דער אַסטראָלאָגיע, וועלכע איז פאַר אים געווען הוילע פאַנטאַסטיק. דער רלב"ג אָבער גלויבט, אַז אַלץ, וואָס געשעט אויף דער ערדישער וועלט, איז אָפּהענגיק פון דער הימל-וועלט, ד. ה. דער געזעצמעסיקייט פון דער אַסטראָלאָגישער קאָנסטעלאַציע. די קאָנסטעלאַציע, אונטער

---

*) פון אָריגינאַל „מלחמות השם" ז. 92, 93.

וועלכער דער מענטש איז געבוירן, דעצידירט וועגן זיין עצם און גורל. אַזוי איז אויך דאָס לעבן פון די פעלקער באַשטימט דורך דעם גאַנג פון די שטערן.

עס ווערט דעריבער קלאָר די נפקא מינה צווישן וואָרזאָגער און נביא. די וואָרזאָגעריי איז זיך סומך אויף פאַנטאַזיע, וועלכע שטאַמט נישט פון ריינעם שכל הפועל, וואָס איז באַווירקט פון די הימל־קערפער.

דעם היינטצייטיקן לייענער קלינגט אַוודאי מאָדנע אַזאַ מין פונאַנדערשרייבן זיך וועגן אַסטראָלאָגישע השפעות אויף דעם רעאַלן גאַנג פון לעבן. בפרט ווען עס רעדט זיך אין נאָמען פון אַ פרייען פילאָזאָף, וועלכער האָט הויך געשעצט דעם קריטישן געדאַנק. מען טאָר אָבער נישט פאַרגעסן די צייט, אין וועלכער דער רלב״ג האָט געווירקט. עס איז אין הסכם מיט די שטימונגען פון יענער צייט, ווען דער רלב״ג דערציילט וועגן פאַרשיידענע וואָרזאָגערייען. ער דערציילט וועגן אַ זיבניעריק יינגל, וואָס האָט געהאַט דעם כּוח פון וואָרזאָגן; וועגן איינעם, וועמען עס איז אין חלום אָנגעגעבן געוואָרן עפּעס אַן אומבאַקאַנטע רפואה פאַר זיין קראַנקהייט, ער איז טאַקע אַ דאַנק דערדאָזיקער רפואה געזונט געוואָרן א. אַ. וו.

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס דער רלב״ג דערציילט וועגן זיך גופא — אין דער צייט ווען ער איז געווען אינגאַנצן אַריינגעטון אין דער מעטאַפיזישער ספעקולאַציע, איז אים אָפט אויסגעקומען אין חלום אויס פאַרשיידענע הנחות אַרויסצופירן ריכטיקע מסקנות.

דעם רלב״גס געדאַנקען־וועג איז פיל־וויניק אַזעלכער: אויב עס איז בכלל פאַרהאַן אַ פאָראויסוויסן פון עתיד, מוז דאָס אַנטשטיין פון קינפטיקן לכתחילה זיין געאָרדנט און באַשטימט. עס מוז אַלס דערקענטעניש פאָראויס געדאַכט זיין דורך אַן אינטעליגענץ, וועלכע דינט אַלס מקור פאַר דער נבואה אין אירע פאַרשיידענע מדרגות.

אויב עס איז ווידער אַזוי, אַז אַלץ איז פון פריער באַשטימט, קומט דאָך אויס, אַז דער גאַנג פון די געשעענישן איז נישט קיין

מ ע ג ל ע כ ע ר נאָר אַ נ ו י ט וו ע נ ד י ק ע ר. וואָס בלייבט דעמאָלט איבער פאַר דעם מענטשנס ווילנס-פרייהייט? עס פאַרשווינדן דאָך דעמאָלט די „צופעליקייטן" און „לפי ערך-דיקייטן".

אין דער אמתן — האַלט דער רלב"ג — זענען דעם מענשנס גורלות, נטיות, מחשבות און מעשים אָפּהענגיק פון דער שוין גע-דאַכטער קאָנסטעלאַציע. פון דער אַנדערער זייט ווידער איז דעם מענטשנס שכל און פרייער ווילן מסוגל דורכצוקרייציקן און אָפּ-שאַפן דאָס, וואָס איז באַווירקט דורך די הימל-קערפּער. דאָס, וואָס פאַרשיידענע מענטשן ווייזן אַרויס פאַרשיידענע נטיות צו באַזונדע-רע באַרופן, מיינט, אַ צוגעבונדנקייט דורך פאָראויסבאַשטימונג.

ווער באַווירקט אָבער דאָס פאָראויסוויסן אין דעם פאָראויסוויסנדיקן מענטש? — ד ע ר ע נ ע ר ג ע ט י ש ע ר ג ײ ס ט, ד. ה. דער שכל הפועל. די הימל-קערפּער זענען נאָר אַן אָרגאַן פון אַקטיוון אינטעלעקט.

צי איז די נבואה אויך שייך וויסנשאַפטלעכע קעגנשטאַנדן, וועלכע מען דערגרייכט געוויינלעך דורך פאָרשן? — די דערפאַ-רונג ענטפערט: יאָ! דער ישוב-הדעת זאָגט: ניין! די דערפאַ-רונג זאָגט זיך דערוועגן אַרויס פּאָזיטיוו, ווייל נישט בלויז די נביאים, נאָר אפילו גאַנץ פּשוטע מענטשן דערגייען נישט איינמאָל דורך חלומות-מיטטיילונגען צו ספּעקולאַטיווע אמתן, צו וועלכע מען דערשלאָגט זיך געוויינלעך דורך פאָרשן.

די שכלדיקע באַטראַכטונג זאָגט זיך אָבער אַרויס נעגאַטיוו, ווייל זי האַלט, אַז וויסן קאָן מען דערגרייכן נאָר דורך חושימדי-קער וואָרנעמונג און דורך אויפשטעלן לאָגישע הנחות.

דאָ רוקט זיך אַרויס אַ נייע קשיא: היות דער שכל הפועל דינט אַלס מקור פון וויסן סיי פאַר דעם נביא, סיי פאַר דעם גע-וויינלעכן וואָרזאָגער, קומט דאָך אויס, אַז דאָס וויסן, וואָס שטראָמט פון איין און דעם זעלביקן קוואַל פאַר אַלע, קאָן נישט זיין פון אינדיווידועלער נאַטור. פונדעסטוועגן באַגעגנט מען דאָס פאָראויס-וויסן ביי באַשטימטע איינצלנע געשעענישן, באַשטימטע איינצלנע פערזאָנען און באַשטימטע איינצלנע צייטן. ווי אַזוי דערקלערט

זיך דאָס? — דער רלב״ג ענטפערט: די מיטטיילונגען פון שכל הפועל זענען נישט נוגע דעם יחיד אַלס אַזעלכן, נאָר דעם יחיד אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל ער איז געבוירן אונטער דעם זעלביקן שטאַנד אָדער מזל פון הימל-קערפער. היות ווי אַלע, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אונטער דעם זעלביקן שטערן האָבן געמיינזאַמע אייגנשאַפטן, איז קלאָר, אַז די השפעה איז פון אַלגעמיינער נאַטור. דאַקעגן דעם יחיד, וואָס איז מקבל די השפעה ווייזט זיך אויס, אַז זי איז אינדיווידועל.

— פונוואַנען נעמט זיך עס ווידער, וואָס דער וואָרזאָגער זאָגט גיכער פאָראויס דעם גורל פון זיינע באַקאַנטע, פריינט אָדער מיטשטאַמער פון זעלביקן שבט, איידער דעם שיקזאַל פון פרעמדע מענטשן? — דער רלב״ג טייטשט עס אויס דערמיט, וואָס ביים השפעה-פלוס דאַרף מען רעכענען אויף דער מיטווירקונג פון דעם, וואָס איז מקבל די השפעה. עס קומען אין באַטראַכט פ ל ײ ס און ר י כ ט ו נ ג. דער נביא נעמט אויף השפעות לגבי אַזעלכע אמתן, פערזאָנען און פרטים, אויף וועלכע עס איז געווענדט זיין דענקען און טראַכטן.

— מיט וואָס דערקלערט זיך אויך די מדרגות-פאַרשיידנקייט פון דער אַקטיווער השפעה? צי איז דער חילוק צווישן נבואה און וואָרזאָגעריי נאָר אַ קוואַנטיטאַטיווער אָדער אויך אַ קוואַליטאַטיווער? — דער נביא מוז אויך זיין אַ חכם, דאַקעגן דער וואָרזאָגער מוז נישט דווקא זיין אַ חכם, ווייל אויך קינדער און נאַראָנים צייכענען זיך אויס מיט וואָרזאָגעריי. נבואה איז על פי רוב אומפעלבאַר, קענען וועלכער דעם מענטשנס פרייער ווילן בונטעווען זיך צמאָל. די וואָרזאָגונג אָבער פאַרפירט, ווייל זי איז נישט ביכולת צו דערקענען די נאַטירלעכע נויטווענדיקייט.

דער אונטערשייד איז דעריבער אַן איכותדיקער. די מדרגה פון נבואה ביי יעדן נביא איז אָפּהענגיק פון דער באַזונדערער גייסטיקער פולקאָמענקייט-מדרגה, אויף וועלכער עס שטייט דער נביא. און אומגעקערט — ביים וואָרזאָגער אַנטשיידט די פאַנטאַזיע, ממילא קאָן זי זיך „אַנטפּלעקן״ אפילו דעם גייסטיק-אומרייסן

מענטש. דער איינפלוסגיביקער און איינפלוסנעמענדיקער פאַקטאָר זענען הא בהא תליא.

בסך הכל באַטייט נבואה — השפעה פון גייסט אויף גייסט. דער הויפט־באַדינג פאַר נבואה איז דאָס שטאַרקן דעם גייסטיקן עלעמענט אין זיך. דער נביא מוז זיין מסוגל צו איזאָלירן דעם גייסט פון אַלעם, וואָס האָט אַ שייכות צו חושים און פאַנטאַזיע, בכדי ראוי זיין אויפצונעמען די השפעה פון אַלגעמיינעם וועלט־גייסט.

ווער עס צייכנט זיך אויס מיט אינטעלעקטועלער שלימות און לייכטן איזאָלירטקייט־כוח פון דער חושים־וועלט (קל ההתבודדות), דער קאָן אויף דעם געביט פון נבואה דערגיין ביז פערפעקטקייט. עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די נבואה פאַלט זיך פונאַנדער אויף מדרגות. לויט איר תוכן קאָן מען צונויפשטעלן אַ ספּעציפיקאַציע פון השפעות. דאָס אַפּערציפּירן עמאַנאַציע־קעגנשטאַנדן איז ביי יעדן פאַרשיידן, קומט ביי איטלעכן פאַר אַנדערש, אָפּהענגיק פון דעם אַפּערציפּירנדיקן מענטש. אַלס מוסטער־נביא שטעלט דער רלב״ג אַרויס משה רבינו, וועלכער האָט סינטעטיזירט אין זיך די דערמאָנטע דריי מאָטיוון: אַ באַזונדערע אינטעלעקטועלע שלימות, לייכטע איזאָלירגאָב, און אויסשליסלעכע נטיה צו שכלדיקער גליקזעליקייט (וידמה במשה רבינו ע״ה שבו השתתפו שלשת הסבות האלו אשר זכרנו, רצוני שהיה שלם השכל מאד, וקל ההתבודדות, והיתה מחשבתו נוטה בהצלחת השכל לבד״*).

וועלט־אייביקייט אדער וועלט־באַשאַף

אַלס דעם רמב״מס נאָכפאָלגער באַקעמפט דער רלב״ג די אַריסטאָטעלישע מיינונג וועגן דער וועלט־אייביקייט. מיט אַריסטאָטעלעסן איז דער רמב״ם מסכים נאָר אין דער העלפט, דערנענטערנדיק זיך האַרטער צו פּלאַטאָס אָנשויאונגען. בכלל גענומען אָבער איז ביים רמב״ם די פראַגע וועגן קדמות העולם און יש מאין געלייזט געוואָרן נישט אַזוי שטרענג־פילאָזאָפיש.

---

*) מלחמות השם׳ ז, 119.

לויט אַריסטאָטעלעסן זענען די נאַטור-געזעצן פעסטע, וואָס לאָזן זיך נישט ענדערן. ביי אַזאַ באַשטאַנד קאָן נישט געמאָלט זיין קיין פרייע באַציאונג פון גאָט צו דער וועלט, ממילא קאָנען נישט געשען קיין נסים. אַנדערש טראַכט דערוועגן פלאַטאָ (אין זיין שריפט „טימעוס", אין וועלכן ער באַהאַנדלט די קאָסמאָלאָגיע און נאַטור-פילאָזאָפיע). ער האַלט, אַז די מאַטעריע עקזיסטירט טאַקע פון אייביק אָן, זי האָט נישט קיין אָנהויב, דערפאַר איז אָבער דער הימל באַשאַפן געוואָרן. ער גלויבט דעריבער אין דער עקזיסטענץ פון אַ פרייער סיבה.

דער רלב"ג, וועלכער קנופט אָן אין רמב"ם, באַמיט זיך אָפצושפאַלטן די קדמות העולם און בריאת העולם-טעזן פון דער פראַגע יש מאין אָדער מאַטעריע-אייביקייט, וואָס ווערט אַקטואַליזירט אין דער צייט. ער אַנטשליסט זיך לסוף קעגן דער טעזע פון וועלט-אייביקייט. ער האַלט, אַז בלויז די פאָרם און באַוועגלעכע מאַטעריע זענען אייביק, דאַקעגן די פאָרמלאָזע מאַטעריע האָט נאָר עקזיסטירט פאָטענציעל און איז געוואָרן אַקטועל ערשט, ווען זי האָט דורך באַוועגונג זיך אַנטפלעקט אין דער פאָרם.

עס קומען אין באַטראַכט דריי מאָמענטן: *1*) נאָר וועגן אַנטשטאַנענעם לאָזט זיך זאָגן, אַז עס האָט אַ תכלית, ווייל אין דעם, וואָס איז נישט אַנטשטאַנען, איז נישט לאָגיש צו זוכן אַ צוועק. *2*) ביים אַנטשטאַנענעם איז נישט שייך צו זוכן אַן אוממיטלבאַרע פון זיין נאַטור פליסנדיקע אויפקלערונג, ווייל מען קאָן זיך פאַררופן אויף די כוונות פון באַשעפער. פאַרקערט ביים אומאַנטשטאַנענעם מוז אַלץ זיין נויטווענדיק. *3*) אין אַנטשטאַנענעם קאָן מען געפינען אַזוינס, וואָס איז פאַרהאַן אַ דאַנק עמעצנס ווילן, דאַקעגן ביים אומאַנטשטאַנענעם קאָן גאָר קיין רייד נישט זיין וועגן אַ וועלכן עס איז אימאַנענטן אָדער טראַנסצענדענטן תכלית*).

דער רלב"ג מעסט טאַקע דאָס באַהאַנדלטע פראָבלעם מיט דער הילף פון דידאַקטישע דריי קריטעריעס. אַז די וועלט איז אַ באַ-

---

*) דאַסדאָזיקע ווערט שפעטער שאַרף אָפגעוואָרפן דורך ספינאָזאַ.

שאַפֿענע זאָגט עדות איר צוועקמעסיקייט. מצד דער טעלעאָלאָגישער סטרוקטור פֿון די זאַכן איז באַשיינפּערלעך צו דרינגען, אַז זיי זענען אַ רעזולטאַט פֿון אַ צוועקפֿולער סיבה. דאָס איז נוגע נישט נאָר איינצלנע וועזנס, נאָר דעם גאַנצן דאָזיין. קוים האַלט מען, אַז די וועלט איז באַווירקט דורך גאָט, מוז מען אויך על פּי הכרח אָנערקענען, אַז זי האָט אַ צ ײ ט ל ע כ ן אָנהויב.

בנוגע דעם ערשטן מאָמענט איז פֿאַר דעם רלב״ג קלאָר, אַז אויך די הימל־קערפּער זענען אַנטשטאַנען און זענען דערביי איינגעאָרדנט לויט אַן אינעווייניקסטן סדר, פֿון וועלכן עס פֿליסט אַרויס אַ באַשטימטער תּכלית. וואָס שייך ווידער וועגן צייטלעכן אָנהויב פֿון דער וועלט, איז כּדאַי אונטערצושטרייכן, אַז אויך דער צייט־באַגריף, אין וועלכערס קאָנטינואירלעכע מאָמענטן עס אַנטשטייט עפּעס, באַלאַנגט אויך צו די באַשאַפֿענע זאַכן.

אַריסטאָטעלעס האָט לכתּחילה אָנערקענט די ריין־אידעאַלע זייט פֿון דער צייט, שפּעטער האָט ער געהאַלטן, אַז די צייט עקזיסטירט אינמיטן, ד. ה. צווישן רעאַלן און אידעאַלן. אויך בנוגע צייט קומט אין באַטראַכט דאָס פּאָטענציעלע און אַקטועלע. עס איז שווער איר צוצושרייבן אַווירקלעכע עקזיסטענץ, מחמת אין עבֿר עקזיסטירט זי ש ו י ן נ י ש ט, און אין עתיד עקזיסטירט זי נ אָ ך נ י ש ט, דאַקעגן דער הווה, דער איצט, איז דאָך בסך הכּל אַ פֿאַרשווינדנדיקער פּונקט, אַ גרענעץ־פּינטל צווישן פֿאַרגאַנגענקייט און צוקונפֿט. ממילא קומט אויס, זי עקזיסטירט נאָר פּאָטענציעל.

קומט דער רלב״ג און טענהט, אַז עס איז דאָך אוממעגלעך אָנצווענדן פּאָטענץ אויף דעם פֿאַרגאַנגענעם, ד. ה. אויף דעם, וואָס איז שוין רעאַליזירט געוואָרן, ווייל דאָס איז דאָך אינגאַנצן סותר אַריסטאָטעלעס׳ הויפּט־באַגריף פֿון פּאָטענץ. מילא, וועגן עתיד לאָזט זיך זאָגן, אַז ער עקזיסטירט נאָר פּאָטענציעל. דעם עבֿר קאָן מען ווידער נישט באַטראַכטן אַלס איצט רעאַל עקזיסטירנדיקן. אויב אַזוי איז דאָך פֿאַרשטענדלעך, הלמאי די פֿאַרגאַנגענע צייט דאַרף באַהאַנדלט ווערן אַלס רעאַלער און מקוים־געוואָרענער כּמות.

ווען מען נעמט דאָס אין באַטראַכט זעט מען, אַז קעגן דער

טעזע פון וועלט-אייביקייט זאָגט אויך בפירוש די אוממעגלעכקייט צו טראַכטן וועגן דער אָפּגעלאָפּענער צייט אַלס אוממענדלעכע אין קעגנזאַץ צו אַריסטאָטעלעסן, וועלכער האַלט, אַז די פּאָטענציעלע צייט ווייסט לגמרי נישט פון אַ וועלכן עס איז אָנהויב.

דער רלב״ג האַלט, אַז די הימל-קערפּער מיט זייערע אַקצי-דענצן, ווי: באַוועגונג און צייט זענען אַנטשטאַנען. דאָס באַציט זיך אויך צו דער סובלונאַרער וועלט.

ווי אַזוי-זשע שטעלן מיר זיך פאָר די וועלט-אַנטשטייאונג?

גאָט האָט נישט באַשאַפן די וועלט ex nihilo, נאָר פון דער פּרעעקזיסטירנדיקער מאַטעריע, פון דעם חומר היולי, וועלכער דאַרף באַטראַכט ווערן אַלס סובסטראַט פאַר דעם, וואָס געשעט און האַלט אין ווערן. דידאָזיקע פּרעעקזיסטירנדיקע מאַטעריע פאַרמאָגט נישט קיין שום באַשטימטע דיספּאָזיציעס; זי איז אַן אינדעפערענטער חומר פון ווערענס-מעגלעכקייטן. זיין פּרעעקזיס-טענץ איז זיך נישט סומך אויף קיין צייט, ווייל צייט לאָזט זיך נאָר פאַרשטיין אינערהאַלב פון דער וועלט. אויב די גאָט-עקזיס-טענץ ווערט באַגריפן *איבערצייטלעך*, דאַרף די עק-זיסטענץ פון דעם אומגעפאָרמטן חומר באַגריפן ווערן *אונטערצייטלעך*.

אוודאי קאָן מען קעגן דערדאָזיקער, קאָנצעפּציע אַרויסרוקן פאַרשיידענע באַוואָרענישן: אויב די וועלט איז טאַקע אַנטשטאַ-נען פון חומר היולי, קומט דאָך אויס, אַז דאָס באַשאַפן די וועלט איז אָפּהענגיק געווען פון אַ צופאַל. חוץ דעם בילדעט דאָך לעם גאָט דערדאָזיקער פון אייביק-אָן עקזיסטירנדיקער חומר אַ צווייי-טע אייביקייט. ווייטער ווערט דאָך רייף די שאלה: וואָס האָט אייגנטלעך גורם געווען, אַז גאָט זאָל אין אַ באַשטימטן צייט-מאָ-מענט פּלוצים אָנהויבן ווירקן? צי האָט ער ביז צום באַשטימטן מאָמענט געהאַט וועלכע עס איז מניעות? ווי קאָן מען זיך בכלל פאָרשטעלן, אַז דער חומר זאָל במשך פון אַן אוממענדלעכער צייט עקזיסטירן אָן פאָרם. עס איז דאָך ידוע, אַז מאַטעריע מוז תמיד זיין געפּאַסט אין פאָרם א. א. וו.

דערויף ענטפערט דער רלב״ג: בנוגע דער ערשטער פראַגע

דאַרף מען פאַרשטיין, אַז גאָט איז דורך זיין שאַפן נישט געוואָרן שלימותדיקער; עס איז נאָך פאַר דעם ווילטעטער נישט קיין שום פאַרשמעלערונג פון זיין שלימות, ווען עס געפינט זיך נישט אַזוינס, וואָס זאָל זיין ביכולת אויפצונעמען זיינע ווילטאַטן. אָבער אויך די צווייטע פראַגע ווענן דעם, אַז די הילע זאָל באַדייטן אַ צווייטע געטלעכע קראַפט, איז נישט באַרעכטיקט. גאָט איז גאָט לויט זיין אַבסאָלוטער שלימות. די מאַטעריע אַלס די סאַמע אומפולקאָמענסטע איז לחלוטין דערווייטערט פון געטלעכן. וואָס שייך דער דריטער פראַגע, דאַרף געזאָגט ווערן, אַז גאָט שאַפט נישט לויט זיין אייגענעם ווילן, נאָר אויס ג ו ט ס און ח ס ד. דידאָזיקע ג ו ט ס און ח ס ד זענען אין זיך אַליין נישט באַגרענעצט, זיי ווערן נאָר באַגרענעצט מצד דעם, וואָס איז זיי מקבל. די פערטע פראַגע ווערט פאַרענטפערט דערמיט, וואָס עס קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן צייט קודם דער וועלטבאַשאַפונג. ממילא איז פאַלש צו זאָגן, אַז מען לאָזט צו די מיינונג, אַז די הילע זאָל האָבן במשך פון אַן אומענדלעכער צייט עקזיסטירט אָן פאָרם. עס איז דאָך קלאָר, אַז ערשט נאָך דעם שאַפונגס-אַקט באַקומט די הילע גרונט-פאָרמען פאַר אירע אַלע ווייטערדיקע גלגולים.

אויסבליק פון דאָזיקן איז צו זען, אַז דער רלב״ג גייט אויף דעם רמב״מס ליניע אויפצורייסן דאָס נאַיִוו-טעאָלאָגישע, וואָס פאַרשמעלערט די האָריזאָנטן פון דער יידישער גייסטיקייט. אוודאי איז זיין וועג נישט געווען קיין גראָדער, אָפטמאָל שלענגלט ער זיך איבער נאַטירלעכע און אויפגעצווונגענע סתירות. דער פאַרנעם און אויסבליק איז לכתחילה געווען אַ רעוואָלטירנדיקער. שוין אין דער הקדמה זאָגט ער אָפן, אַז אויב דער וואָרטלעכער פרוש המלות פון דער תורה ווידערשפּרעכט די ראַציאָנאַליסטישע אויסטייטשונגען, מוז מען די ווערטער פון דער תורה אַזוי קאָמענטירן, אַז זיי זאָלן זיין אין הסכם מיט דער ספּעקולאַטיווער פילאָזאָפיע („ואם היה שתחלוק עליו התורה לפי מה שיראה מפשוטי דבריה, הנה ראוי שיפורשו הדברים ההם בדרך שיאותו אל העיון" — „מלחמות השם" ז. 6).

נעמט מען אָבער אין אַכט, אַז דער רלב״ג האָט זיין ווערק געשריבן במשך פון צוועלף יאָר, איז פאַרשטענדלעך, אַז אין לויף פון דידאַקטיש יאָרן האָט ער מסתמא איינגעזען אַ נויטווענדיקייט זיך צוצופּאַסן צו די צענזור-מניעות. דאָס איז בעיקר קענטיק פון פערצנטן פרק (מאמר א׳):

„אויב עמעצער מיינט, אַז על פּי אמונה מוז די מענטשלעכע גליקזעליקייט זיין אַן אַנדערע, איידער די, וועלכע מיר האָבן דערמאָנט, און נעמלעך אויף דעם סמך פון פשוטן וואָר-באַטייט פון די שפּרוכן, וואָס זענען פאַרהאַן אין די מדרשים, אגדות ווי אויך ביי די נביאים, וואָס הייסן אונז גלויבן אין גן-עדן און גיהנום, דאַרף ער וויסן דעם אמת, אַז מיר זענען נאָר דעמאָלט נוטה צו אָנערקענען די רעזולטאַטן פון דער ספּעקולאַציע, ווען מיר זעען איין, אַז זיי זענען אין הסכּם מיטן דעת פון אונזער תורה. עס איז נישט דערלויבט זיך סומך צו זיין אויף דעם ספּעקולאַטיוון דענקען, אויב דאָס ווידערשפּרעכט דער תורה. (כּי לא יותר ההמשך לעיון שימצא חולק על האמונה״ — דאָרטן ז. 91).

מען דאַרף אָבער נישט נעמען צו ערנסט דעמדאָזיקן אָפּזאָג, וואָס מאַכט גיכער דעם איינדרוק פון אַן אינטערפּאָלאַציע (און אפשר גאָר פון אַן אויטאָאינטערפּאָלאַציע מצד דעם עלטערן רלב״ג לגבי דעם יינגערן) און בעסער זיך רעכענען מיט דעם גייסט, מיט וועלכן דעם רלב״גס ווערק איז אין אַלגעמיין דורכגעדרונגען. פון דעם שטאַנדפּונקט גענומען, ווערט בולט דער אינעווייניקסטער געראַנגל, וועלכן דער רלב״ג האָט בלי ספק אַדורכגעמאַכט. דאָס איז געווען אַ געראַנגל צווישן מיטאָס און אַלעגאָריע לויט אַ טיפן אויסבליק אויף מעטאַפיזיק.

III

דער וועג צו זיך

איבערגאַנג ווי געלייטערט די יידישע גייסטיקייט זאָל נישט האָבן געוואָרן דורך דעם ראַציאָנאַליסטישן מעטאָד, איז זי פונדעסטוועגן, אין איר עצם, שטופנווייז אָפּגעפּרעמדט געוואָרן. איר צורה האָט צוביסלעך אָנגעהויבן צו פאַרלירן די אייגנאַרטיקע שטריכן. דאָס אַרויסרוקן דעם פּרימאַט פון אַבסטראַקטן אינטעלעקטואַליזם איבער דער וואָלונטאַריסטישער זיטלעכקייט איז געווען אַ גרויסער איינבּרוך אין דער יידישער מענטאַליטעט. עס איז דעריבער אַרויסגעקומען אַ געפעלשט בילד פון דער ריין־יידישער פּסיכישער איינשטעלונג, וואָס איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט איר היסטאָרישן גורל. מען האָט אָנגעהויבן איינזען, אַז דאָס איבערגעטריבענע פּרייזן אינטעלעקטועלע השתלמות (מעלות שכליות) אַלס דעם העכסטן אידעאַל, וואָס איז מסוגל צו געבן דעם מענטש טיפע גליקזעליקייט, איז עפּעס נישט שוה־בשוה מיט דער גרונטטענדענץ פון דעם יידישן וועלט־באַנעם, וואָס האָט תמיד געשטרעבט צו עטישן פּאַטאָס. עס האָט אַזוי אַרום געדראָט אַ געפאַר פון אַ *קולטור־פילאָזאָפישער פסיידאָמאַרפאָזע*; די אינעווייניקסטע סטרוקטור האָט אָנגעהויבן ווידערשפּרעכן דעם אויסנווייניקסטן געבוי.

חסדאי קרשקש אויף דעמדאָזיקן באָדן איז אַנטשטאַנען אַ נייע שטרעמונג, וואָס איז אויסן געווען פונאַנדערצורייסן דעם פאַלשן בונד צווישן יידנטום מיט אַריסטאָטעליזם. די שווערע ראָל פון אַ קעמפער קעגן דעם שוין כמעט אומעטום איינגעוואָרצלטן אַריסטאָטעליזם, האָט אויף זיך גענומען — *חסדאי קרשקש* (1340–1410), וועלכער איז ביז נישט לאַנג געווען

ווייניק באַקאַנט אָדער אינגאַנצן פאַרגעסן (אמת, שוין יהודה הלוי האָט אָנגעהויבן פירן אַ קאַמף קעגן דער הוילער ספּעקולאַטיווקייט, אָבער זיין מעטאָד איז נישט קיין פילאָזאָפישער, נאָר אַ רעליגיעז־אַפּאָלאָגעטישער.).

מען איז דעמאָלט געווען בלינד איינגעגלויבט אין דער פעסטער אומדערשיטערלעכקייט פון אַריסטאָטעלעס׳ טעזן. עס האָט פאַרפעלט מוט צוצולאָזן דעם געדאַנק, אַז אויך אַריסטאָטעלעס האָט זיך געקאָנט טועה זיין. חסדאי האָט געהאַט מוט אַרויסצוטרעטן קעגן דעם אָנווענדן אַ צווייפאַכן אמת: אַ פילאָזאָפישן און טעאָלאָגישן. עס קאָנען נישט זיין קיין צווייערליי סותרדיקע אמתן וועגן איין און דער זעלביקער זאַך. נישט קוקנדיק אויף זיין אָרטאָדאָקסישקייט, איז חסדאי, צוליב דעם באַפעסטיקן דעם איינהייטס־פּרינציפּ אין דער דערקענטעניש, געווען פאָראויסלויפער פון אַ ריי פילאָזאָפן פון דער רענעסאַנסצייט.

די, וואָס זענען נאָר שלעגיש געווען באַקאַנט מיט קרשקש׳ס „אור ה׳״ (גאָטס ליכט), האָבן אויף אַ לייכטזיניקן שטייגער פאַרשפּרייט אַ מיינונג, אַז דאָסדאָזיקע ווערק טראָגט גיכער אַ דאָגמאַטישן כאַראַקטער, איידער אַ פילאָזאָפישן. אַ נענטער אַריינדרינגען אָבער אין פנימיות פון קרשקש׳ס געדאַנקען־גאַנג פירט באַלד אַרויס פון דעם פאַטאַלן טעות. מען האָט זיין קאָנסעקווענטע קריטיק פון אַריסטאָטעליזם אויסגעטייטשט אַלס קעגנערשאַפט צו פילאָזאָפיע בכלל. אין דער אמתן איז ער אַנטשידן אַרויסגעטרעטן קעגן דער מאַניער אַלץ צו אינטעלעקטואַליזירן.

שטעלונג צו אריסטאָטעלעס׳ פיזיק

קודם־כל איז חסדאי צוגעטרעטן קריטיש צו אַנאַליזירן אַריסטאָטעלעס׳ פיזיק. בכלל האַלט ער, אַז אַריסטאָטעלעס׳ אידעען האָבן אינגאַנצן פאַרבלענדט (פאַרטונקלט) די יידישע אויגן. שוין זיין באַגריף וועגן רוים, זיין באַהויפּטונג, אַז עס איז נישט פאַרהאַן קיין ליידיקער שטח, קומט חסדאין אויס לגמרי פאַלש. רוים איז דאָך אַ פלאַך פאַר זאַכן, אַן אויסגעשפּרייטקייט, וואָס מען מוז נויטווענדיק אָננעמען אַלס אומענדלעכקייט. וואָלט די וועלט טאַקע געווען באַגרענעצט, וואָלט

דאָך מחוץ דער וועלט געמוזט זיין אַ ליידיקער שטח. דערדאָזיקער שטח וואָלט אויך געמוזט זיין אומענדלעך, ווייל אויב נישט, וואָלט ער תמיד געמוזט ווערן באַגרענעצט דורך אַ פולן אָדער ליידיקן שטח. קרשקש האַלט דעריבער, אַז עס עקזיסטירט אַן אומענדלעכע אימאַטעריעלע אויסגעשפּרייטקייט.

אין זיין קריטיק פון אַריסטאָטעלעס' פיזיק איז זיך קרשקש נישט סומך אויף קיין אייגענער נאַטור־קאָנצעפּציע, נאָר פירט גיכער אַדורך אַן אימאַנענטע קריטיק, צעגלידערנדיק אַריסטאָטעלעס' טעאָריעס אויף אַ באַגריפלעך־דיאַלעקטישן שטייגער.

נעמען מיר דעם ענין אַ ביסל גענויער. אַריסטאָטעלעס באַווייזט, אַז די וועלט איז ענדלעך און אַז עס איז נישט דערלאָזיבאַר צו מיינען, אַז עס עקזיסטירט אַן אומענדלעכע רייע פון סיבות. פּרעציז און קלאָר באַמיט זיך קרשקש אָפּצושלאָגן פּונקט נאָך פּונקט די אַריסטאָטעלישע פיזיק און אָנטאָלאָגיע בעיקר, ווי זיי זענען געפּאַסט געוואָרן ביים רמב"ם אין די שוין דערמאָנטע פינף און צוואָנציק פּרעמיסן.

קרשקש גייט קודם־כל אַרויס פון דער הנחה, אַז דער געמיינזאַמער יסוד פאַר די פיר עלעמענטן איז די גרונט־מאַטעריע, וועלכערס עקזיסטענץ איז לגמרי נישט אָפּהענגיק פון אַ וועלכער עס איז פאָרם; דידאָזיקע גרונט־מאַטעריע איז לויט איר אינעווייניקסטן מהות פעיִק צו אַ זעלבשטענדיקער אַקטועלער עקזיסטענץ, אַזוי אַרום הערט די מאַטעריע פאַר אונז אויף צו גילטן בלויז אַלס עקזיסטענץ־מעגלעכקייט, נאָר ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ זעלבשטענדיקער קערפּערלעכער סובסטאַנץ, וואָס ווערט קאָנקרעטיזירט דורך די פאָרמען פון די איינצל־עלעמענטן.

בנוגע דעם שטח־פּראָבלעם טרעט קרשקש שאַרף אַרויס קעגן אַריסטאָטעלעס' אויפפאַסונג. קרשקש באַווייזט די עקזיסטענץ־מעגלעכקייט פון ליידיקן רוים. אַריסטאָטעלעס שיידט נישט אונטער שטח פון אָרט, וואָס איז פאַרנומען דורך אַ באַשטימטן קערפּער. שטח האָט דעריבער די באַדייטונג פון גרענעצן, וואָס רינגלען אַרום דעם קערפּער, ד. ה. די גרענעץ צווישן דעם קער־

פער, וואָס נעמט־אַרום, אין דעם, וואָס ווערט אַרומגענומען. מהאי טעמא איז פשוט נישט מעגלעך קיין שטח אָן קערפּער. קרשקש ווידער מיינט, אַז אַזאַ קאָנצעפּציע קאָן פירן צו משונהדיקע אויספירונגען, ווייל מען קאָן נישט דעם שטח באַגרייפן בלויז אַלס באַציונגס־פונקט לגבי דעם קערפּער. שטח דאַרף גיכער פאַרשטאַנען ווערן אַלס פאָרויס־עקזיסטירנדיק לגבי דעם קערפּער. מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז יעדער קערפּער פאַרנעמט אַ פּלאַץ, וועלכער איז אים גלייך אין דער אויסשפּרייטונג. דידאָזיקע אויסשפּרייטונג, וואָס האָט די מעגלעכקייט אויפצונעמען דעם קערפּער, בילדעט דאָס וואָרהאַפּטיקע וועזן פון שטח. אפילו אין דעם אויסגעפולטן שטח באַטייט די אויסגעשפּרייטקייט גופא, ד. ה. אַלס קערפּער־פרייער רוים — אַ פאָרויסיקע עקזיסטענץ בנוגע דעם אויסגעשפּרייטן קערפּער. אַריסטאָטעלעס׳ ווייטערדיקע רוים־דיפערענצירונגען האָבן אַ זין נאָר אין דעם ענדלעכן שטח, ווו מען אָפּערירט מיט „מעלה" און „מטה". קרשקשס אומענדלעכע אויסגעשפּרייטקייט ווייסט אָבער נישט פון קיין „מיטן", „אויבן" און „אונטן". *שטח איז הוילע אויסשפּרייטונג.*

ער לייקנט אין דער עקזיסטענץ פון אַבסאָלוטע שטח־גרענעצן, וואָרים אפילו אויף „יענער זייט" פון די מכלומרשטע גרענעצן מוז דאָך ווידער זיין אַן אויסגעפולטער אָדער ליידיקער שטח. אין דעמדאָזיקן אַלץ־אַרומנעמענדיקן, אומטיילעוודיקן שטח זעט קרשקש דאָס *אומעטומיקע געטלעכע בייזיין*.

מיט דערדאָזיקער אומענדלעכקייט־השגה בינדט זיך אויך די פאָרשטעלונג וועגן אַן אומענדלעכקייט פון סיבות. די זאַך קומט אויס אַ ביסל אויסטערליש דערמיט, וואָס קרשקש לאָזט צו די מעגלעכקייט פון אַן אומענדלעכער שורה אורזאַכן און ווירקונגען, אָנערקענענדיק דערביי אַן ערשטע סיבה פון אַלדאָס עקזיסטירנדיקע. דער חשבון איז אַזעלכער: פונקט ווי עס איז מעגלעך, אַז צוליב דעמדאָזיקן טעם זאָל אַרויסגעפירט ווערן אַן אומענדלעכע צאָל קאָאָרדינירטע אָביעקטן, אַזוי איז אויך דערלאָזבאַר אָנצונעמען אַן אומבאַגרענעצטע שורה ווירקונגען, וואָס זאָלן, אַלס גאַנצ־

קייט, פאַרדאַנקען זייער עקזיסטענץ איין און דער זעלביקער אורזאַך. על-כל-פנים טאָר די ענדלעכקייט פון דער וועלט נישט גילטן אַלס איינציקע ראיה פאַר דער גאָט-עקזיסטענץ.

דעם שטחס אומאָפּהענגיקייט פון די קערפּערס באַווייזט, אַז די מאַטעריע עקזיסטירט אַבסאָלוט זעלבשטענדיק. אין דער באַציונג פונם שטח צו די קערפּערס שפּיגלט זיך אָפּ גאָטס וועזן. אויך דער תּלמוד באַצייכנט גאָט אַלס „מקום”. גאָט, אַלס פּאַרמירנדיקער פּרינציפּ פון אַלע זאַכן, איז צוגלייך זייער געמיינזאַם אָרט. גאָט, אַלס „צורה לכל המציאות”, ווערט צונויפגעגאָסן מיט דער וועלט-אויסשפּרייטונג : די זעלביקע וועלט-אויסשפּרייטונג, אַלס אומענדלעכע רחבות, ווערט דערהויבן צו אַ גאָט-אַטריבוציע. „...כּי הוא מחדשו ומיחדו ומגבּילו השאילו השם הזה, בּאמרם תּמיד : בּרוך המקום...”

אין דעם זעלביקן זין באַטראַכט קרשקש די פּראָבלעמען פון צ יי ט און צ אָ ל. די באַגריפן פון „גרעסער” און „קלענער” קאָנען אָנגעווענדט ווערן נאָר לגבּי ענדלעכע קעגנשטאַנדן. אין דער וועלט אָבער פון אומענדלעכע קעגנשטאַנדן און אומבאַגרענעצטע ווייטן האָבן דידאָזיקע באַצייכענונגען קיין שום זין און ווערט. פאַר דעם אומענדלעכן עקזיסטירט בּכלל נישט קיין שום מאָס.

קרשקש האָט לכתּחילה פונאַנדערגעריסן דעם בּונד פון שטח מיט קערפּער. איצטער שפּאַלט ער אָפּ די צ יי ט פון דער אַריסטאָטעלישער פאַרבינדונג מיט דער ב אַ וו ע ג ו נ ג. אַריסטאָטעלעס דערקלערט די צייט אַלס צאָל, מיט וועלכער מען קאָן מעסטן יעדן געדויער פון דער באַוועגונג. קרשקש באַווייזט אָבער, אַז דער צייט-באַגריף לאָזט זיך אָנווענדן סיי אויף דער ב אַ וו ע ג ו נ ג (תּנועה), סיי אויף ר ו (מנוחה). די צייט דאַרף גילטן אַלס מעסטער פון ר ו און ב אַ וו ע ג ו נ ג. אויך דאָס געדויער פון ר ו קאָן באַצייכנט ווערן אַלס „גרויס” אָדער „קליין”.

פּונקט ווי דער שטח איז נישט געבונדן מיט קיין שום קערפּערלעכן אָביעקט, נאָר עקזיסטירט אַלס ר יי נ ע א ו י ס,

שפּרייטונג, אַזוי איז אויך די צייט נישט געבונדן מיט קיין שום פּראַקטישע געשעענישן, נאָר עקזיסטירט אַלס *רייִנער געדויער*. די צייט איז אַ *קאָנטינויִרלעכע גרויסקייט*.

פון דער אויבן געבראַכטער צווייטער פּרעמיסע דרינגט קלאָר אַרויס, אַז אַריסטאָטעלעס לייקנט שטיין און ביין אין דער עקזיסטענץ פון אַן אומענדלעכער צאָל גרויסקייטן, מחמת יעדע צאָל מוז דאָך זיין „גראָד“ אָדער „אום“, ד. ה. שטענדיק צייל־באַר און ממילא ענדלעך. דערדאָזיקער בליק קומט קרשקשן אויס אַ ביסל ווידערזיניק, ווייל דאָס „גראָדע“ און „אומגראָדע“ איז חל נאָר אויף ענדלעכע צאָלן. די אומענדלעכע צאָל, דאַקעגן, ווייסט אינ־גאַנצן נישט פון אַזעלכע אונטערשיידן און בכלל פון אַ וועלכן עס איז אָפּשלוס. דאָס זעלביקע איז אויך נוגע דער צייט, וואָס ווייסט לגמרי נישט פון קיין אָנהויב.

זיין בליק אויף דעם פּראָבלעם פון אייביקייט אָדער באַ־שאַפנקייט פון דער וועלט דרינגט אַרויס פון זיין צייט־באַגריף. אין דאָזיקן פּרט איז קענטיק אַ שאַרפע נפקא מינה צווישן קרשקשן און די פּעריפּאַטעטיקער. דאָס אָננעמען, אַז עס איז פאַרהאַן אַן אָנ־הויב פון דער וועלט און פון דער באַוועגונג, הייסט נאָך באין אופן נישט, אַז דערמיט איז דערלאָזבאַר אַן אַבסאָלוטער צייט־אָנ־הויב. היות די צייט נעמט באַגלייך אַרום *אי רו, אי באַ־וועגונג*, איז איר עקזיסטענץ אינגאַנצן נישט אָפּהענגיק פון דער וועלט. דער באַגריף פון באַשאַפונג פאַרלירט אַזוי אַרום יעדן זין.

דערקענטעניש־קוואַל

ווו איז דער מקור פון גאָט־דערקענטעניש? דער רמבּ״ם וואָלט דערויף געענטפערט: דער *שכל*. ווי אַזוי קאָן זיך דער מענטש דערשלאָגן צו דער השגה וועגן גאָטס איינציקייט? דערויף וואָלט דער רמבּ״ם געענטפערט: דורכן *ספּעקולאַטיוון דענקען*. אָט־דאָ גייען זיך טאַקע פונאַנדער די וועגן צווישן דעם גרויסן אַריסטאָטעליקער און דעם אויטאָר פון „אור ה׳“. דער לעצטער — וואָס אַ וואָר־

הייט — באַווייזט אויף אַ ריין־ספּעקולאַטיוון און דיאַלעקטיש־געשליפענעם שטייגער אָפּצוּוועגדן די אַריסטאָטעלישע גרונט־טעזן. ווען עס קומט אָבער אויס אַליין צו באַגרינדן דעם פילאָזאָפישן בליק אויף דעם גאָט־וועזן, פאַרלאָזט דערדאָזיקער חריף דאָס פעלד פון ראַציאָנאַליסטישן טראַכטן, איבערגעבנדיק זיך אינגאַנצן דעם גלויבן. פאַר דעם שכל בלייבט דאָס גאָט־וועזן אַן אייביקער סוד, אַ וועלט־מיסטעריע, צו וועלכער דער „אָרימער" פאַרשטאַנד טאָר זיך גאָרנישט צורירן.

דעם היינטיקן לייענער זעט אַזאַ „ברוגזן זיך" אויף דער אַלמאַכט פון שכל גאָרנישט אויס אַזוי ווילד. אדרבה, דעם בידנעם שכל איז קיינמאָל נישט געגאַנגען אַזוי מיט דער פוטער אַראָפּ, ווי גראָד אין די „טעג פון אונזער לעבן". ווען מען זאָל זיך אפילו נישט פאַררופן אויף די סאַמע מאָדערנע פילאָזאָפן, איז דאָך אָבער גענוג זיך צו דערמאָנען אָן אַנרי בערגסאָן, וועלכער האָט ביי דעם ספּעקולאַטיוון דענקען אַוועקגענומען די בכורה און מצרף געווען מיט די חושים, געפיל און ווילן. צום élan vital קאָן מען זיך גיכער דערשלאָגן מיט דער אינטואיציע, איידער מיט דעם סאַמע אינטענסיווסטן לאָגישן דענקען. דווקא דער שכל פעלשט די ווירקלעכקייט. ער קאָן העכסטנס דינען פאַר פּראַקטישע צוועקן. ווען דער שכל קומט צו דער גאָט־דערקענטעניש, זאָגט קרשקש, בלייבט ער שטיין פאַר פאַרמאַכטע טויערן („ננעלו דלתי העיון").

פונדעסטוועגן באַגרינדעט ווייטער קרשקש זיינע אַנטי־אַריסטאָטעלישע טעזן לויט אַ ריין־פאַרנונפטיקן מעטאָד.

אַטריבוטן

פון דעם רמב"מס אַטריבוטן־לערע דרינגט ער אַרויס, אַז מען קאָן גאָט נישט צושרייבן קיין שום פּאָזיטיווע אייגנשאַפטן, ווייל דאָס פאַרגלייכבאַרע מוז אומבאַדינגט פירן צו אַנטראָפּאָמאָרפיזירונג. אין בעסטן פאַל מעג מען אָנערקענען בלויז נעגאַטיווע אַטריבוטן. קוים אָנערקענט מען יאָ פּאָזיטיווע אַטריבוטן, צעשטערט מען דערמיט די איינהייטלעכקייט און אומקערפּערלעכקייט פון דעם גאָט־באַגריף. דאָס איז על־פּי אַריינצופירן אַ פאָרשטעלונג פון פילאָרטיקייט.

קרשקש דערקלערט אָבער, אַז מען טאָר נישט פאַרטוישן די באַגריפלעכע פיל־אַרטיקייט מיט דער רעאַלער פיל־אָרטיקייט. אַנדערש זעט אויס צו זיין די דערשיינונגס־פאָרם פון די פאַרשיידנאַרטיקע אייגנשאַפטן, און גאַנץ אַנדערש קאָנען די זעלביקע אייגנשאַפטן זיין אין זייער נושא. אין אונזער מענטשלעכער עמפינדלעכקייט קאָנען זיי דערשיינען אַלס פילערלייאיקייט, אין גאָט אָבער זענען זיי האַרמאָניש־איינהייטלעך. בעצם איז גאָט דאָס אַבסאָלוטע גוטס; דאָסדאָזיקע גוטס אַנטפלעקט זיך פאַר אונז אין פאַרשיידענע גוטע אייגנשאַפטן. פון דעם קאָן מען נאָך באין אופן נישט דרינגען, אַז דאָס אַבסאָלוטע גוטס איז צונויפגעזעצט פון אַ סך אייגנשאַפטן. היות מיר נעמען אָן, אַז גאָט עקזיסטירט נויטווענדיק, וואָלט געווען אַ פולשטענדיקע סתירה צו דערלאָזן, אַז ער איז צונויפגעזעצט.

דאָ פרעגט זיך קרשקש: היתכן, אַז פרעדיקאַטן, וואָס זענען נאָר פון ריין־לאָגישער נאַטור, אָן יעטוועדן רעאַלן תוכן, זאָלן נישט טאָרן אַרויסגעזאָגט ווערן אין דער געוויינלעכער באַדייטונג פון וואָרט?

דאָס, וואָס דער רמב"ם מיינט, אַז מיט דער הילף פון נעגאַטיווע אַטריבוטן וועט אים געלינגען אויסצומיידן פאָזיטיווע אייגנשאַפטן, וועלכע קאָנען נאָך, חס ושלום, דערפירן צו פאַרגלייכבאַרקייט, איז — לויט קרשקשן — נישט מער, ווי אַ דמיון. אַלע נעגאַטיווע אייגנשאַפטן, וועלכע מיר שרייבן צו גאָט, זענען אין זייער לעצטן סך־הכל — פאָזיטיווע. ווען מיר זאָגן, אַז גאָט קאָן נישט זיין אומוויסנדיק, הייסט עס, אַז גאָט איז וויסנדיק; אַז גאָט איז נישט אָנמעכטיק, איז ער ממילא מעכטיק, א. א. וו. דערצו דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז יעדע נעגאַציע איז אַ רעזולטאַט פון אַ פאַרגלייך, וואָס ווערט געמאַכט צווישן ממשותדיקע, פאַרגלייכבאַרע זאַכן. קוים באַצייכענען מיר גאָט אַלס וויסן, לייקענען מיר דערמיט גופא זיין נישט־וויסן; דידאָזיקע נעגאַציע פון אומוויסן איז אַ פאָזיטיווע באַצייכנונג פון וויסן. די נעגירונג פון אַ נעגאַציע גיט תמיד אַ פאָזיטיוון אויסגאַנג.

גאָטס אומקערפּערלעכקייט באַטראַכט קרשקש פאַר אַ פּועל-יוצא פון דער אָנגענומענער גאָט-איינקייט; דאָס קערפּערלעכע קאָן געדאַכט ווערן נאָר אַלס נאָמען, אָבער נישט אַלס זאַכלעכער באַשטאַנד.

דעם רמב״מס גאָט-פאַרשטעלונג אידענטיפיצירט זיך מיט דעם העכסטן דענקען, דאַקעגן דער תּוכן פון קרשקשס גאָט-באַגריף, איז נישט דאָס דענקען, נאָר דאָס ג ו ט ע. דאָס גוטע דינט אַלס איינהייט-יסוד, וואָס קנופּט צונויף אַלע אַטריבוטן אין איין גאַנצקייט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס דענקען איז אַ וואָגיקער מאָמענט אין קרשקשס גאָט-באַנעם, אָבער עס ווערט ביי אים באין אופן נישט דערפירט צו קיין מיטל-פונקט. דער אַלצדינג-אַרומנעמענדיקער גוטסקייט-פּרינציפּ איז אויך כּולל דאָס דענקען.

גליקזעליקייט די געטלעכע זעליקייט ווערט ביי די אַריסטאָטעליקער געצייכנט לויט דעם מענטשנס גליק און פרייד, וואָס באַזירט זיך אויף דעם דענקען. צוזאַמען מיט דער דערקענטעניש שטייגט דעם מענטשנס הנאה. יעדע דערקענטעניש פאַרשאַפט דעם מענטשן פאַרגעניגן; וווקס פון דערקענטעניש איז גורם צום שטייגן פון באַפרידיקונג. עס קומט דעריבער אויס, אַז גאָט אַלס פולקומסטע דערקענטעניש איז אויך די שלימותדיקע פרייד. דאָס איז זעלבסט-גענוס און תּענוג, וואָס שטראַלט אַרויס פון דעם עצם דערקענען.

דידאָזיקע הנחה קומט קרשקשן אויס אַ שפּאָר ביסל משונהדיק; גליק אָדער נחת-געפיל ווערט געבוירן בעתן איבערגאַנג פון אומוויסן צו וויסן. דער דערקענענדיקער מענטש ווערט שטאַרק נתפּעל פון דעם נייעם און אומבאַקאַנטן, אַז עס נעמט אים אַרום אַ שטראָם פון פרייד. נחת דרינגט נישט אַרויס פון סטאַבילן באַזיץ, נאָר פון כּסדרדיקן דערווערבן דערקענטעניש. דאָס קאָן אָבער נישט חל זיין אויף גאָט, ווייל כּביכול דערווערבט נישט קיין וויסן, נאָר פאַרמאָגט עס תּמיד; זיין דערקענען איז אוממיטלבאַר. אַנדערש וואָלט עס געווען אַ גרילצנדיקער ווידערשפּרוך לגבי זיין שלימותדיקייט, מחמת פרייד שטאַמט ס׳רוב פון באַזייטיקן אַ באַ-

שטימטן חסרון. חוץ דעם איז גלאַט נישט שייך ביי גאָט, וואָס איז הווילער אינטעלעקט, צו זוכן נחת, פרייד און תענוג. שמחה איז זיך דאָך סומך אויף געפיל און געמיט, אָבער אין קיין פאַל נישט אויף דעם ריינעם דענקען. פון קרשקשס גאָט־פאָרשטעלונג דאַקעגן איז שוין גאָר שווער צו עלימינירן דעם מאָמענט פון שמחה, ווייל ביי אים איז גאָט אַ פילנדיק און ווילנדיק וועזן. אין די כתבי הקודש, ווי אויך ביי די חכמים, איז די רייד וועגן גאָטס שמחה, ווי פון אַן עצמדיקער באַשטימונג פון דער גאָט־עקזיסטענץ. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס גאָט ווערט באַטראַכט אַלס שעפער פון אַלדאָס פאַראַנענע. דאָס שעפערישע איז נישט רעאַליזירט געוואָרן אַלס איינמאָליקער אַקט. גאָט איז אַ שטענדיקער שעפער, זיין דערהאַלטונגס ווערק איז אַ תמידיקער פראָצעס. פון דעם איז צו זען, אַז די „אינטעלעקטואַליסטן״, קוים שרייבן זיי צו גאָט די אייגנשאַפט פון פרייד, פאַלן זיי — קעגן זייער ווילן — אַריין אין אַ נעץ פון אַנטראָפּאָמאָרפיזמען.

פון דעם גוטן און שלימותדיקן שטראַלט אַרויס אומענדלעכע ליבע, וועלכע איז צוגלייך אמתדיק גליק. דער היפוך פון ליבע איז נישט צער, ווייל חשק און יסורים זענען נאָר זעלישע אַפעקציעס, רעזולטאַטן פון געראָטן אָדער אומגעראָטן. גאָטס ליבע, וואָס אידענטיפיצירט זיך מיט גליק, איז זיינס אַן עצמדיקע אייגנשאַפט. עס איז פאַרהאַן אַקטיווע און פּאַסיווע פרייד, וואָס דרינגט אַרויס פון געבן און נעמען גליק. גליקזעליקייט ווורצלט נישט נאָר אין דעם מקבל זיין, נאָר אויך אין דעם משפּיע זיין, ד. ה., אין דעם באַגליקן אַנדערע. דאָס פרייען זיך מיט דעם גוטן, וואָס דער בורא שאַפט, ווערט פאַרוואַנדלט אין ליבע צו די באַשאַפענע. די דאָזיקע ליבע פונם באַשעפער, וואָס איז לויט איר פאַרנעם שלא בערך גרעסער, איידער די ליבע פון די באַשעפענישן צו אים, איז ביכולת זיך מער צו פרייען מיט איר אָביעקט, איידער דאָס ווערק גופא — מיט דעם מייסטער (ישמח ה׳ במעשיו). אין דעם זין קאָן נישט געמאָלט זיין קיין פאַרגלייך צווישן דער געטלעכער און דער מענטשלעכער ליבע. גאָטס ליבע איז אַ סובסטאַנציאָנעלער אַטריבוט, און מהאי טעמא קאָן צו איר נישט

פאַרגליכן ווערן דאָס ביסל מענטשלעכע גליק און פרייד.

דעם מענטשנס ליבע צו גאָט דאַרף אייגנטלעך זיין אַ ליבע צום אַבסאָלוט-גוטן. אַלס אהבה שאינה תלויה בדבר, טאָר זי נישט זיין אויסגערעכנט אויף ווערכער ס׳איז אַנדערער באַלוינונג, ווייל דעמאָלט וואָלט דער עיקר-צוועק געווען נאָר די „זייטיקע" באַלוינונג, נישט די ליבע גופא. דער עטיש-געלייטערטער מענטש טאָר זיך דעריבער נישט איבערנעמען מיט דער מ י ט אָ ל אָ ג י ש ע ר שילדערונג פון דעם עולם-הבא-שכר, שור-הבר, לויתן און יין המשומר. די ליבע צו גאָט איז אַ פּאָסטולאַט פון דער עלנטער מענטשלעכער פסיכיק, וועלכע איז איבערגעפולט מיט עטישן פּאַטאָס און גייט אויס פון בענקשאַפט נאָך זעלישער דערהויבנקייט, וואָס איז פאַרהוילן אין דער וועלט-מיסטעריע.

דערדאָזיקער אָפּזאַץ איז רעוואָלוציאָנעריש נישט נאָר אין מויל פון חסדאי במו״ה אברהם קרשקש, „שהיה רב בסרוגותא בשעת השמד בשנת אל ק נ א" (אַזוי שטייט אויף דעם שער-בלאַט פון ספר „אור ה׳" — וויען, 1860. דרוק אונד פערלאַג פון אַדאלב. דעללאַ טאררע), נאָר אפילו אין מויל פון דעם דענקענדיקן מענטש אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

אויך דער היינטצייטיקער מענטש, נישט קוקנדיק אויף די ריזיקע דערגרייכונגען פון דער מאָדערנער פיזיק, פילט זיך פונדעסטוועגן אומבאַפרידיקט און איינזאַם. אונזער גאַנץ ביסל באַוווסטזיין, מ׳שטיינס געזאָגט, דערגייט בלויז צו אַן עלעקטראָנען-טאַנץ אין מוח, יעדע עמאָציע איז גאָר אַן אַנדערע פיגור פון דעם זעלביקן טאַנץ. דאָס מענטשלעכע וועזן האָט דאָך אָבער אויך אַן א י נ ע ר ל ע כ ע וועלט, וואָס לאָזט זיך באַין אופן נישט באַנעמען מ ע ט ר י ש און איבערפלאַנצן אויף דעם באָדן פון שטח און צייט. דאָס איז אַ וועלט, וואָס לאָזט זיך נישט אַנאַליזירן, נאָר מוז אינערלעך דורכגעלעבט ווערן.

אָט בלעטערן מיר איצט דאָס אויסגעצייכנטע בוך פון באַדייטנדיקן ענגלישן אַסטראָנאָם אַרטור עדדינגטאָן א. נ. „דאָס נייע וועלט-בילד" (די וועלט-אַנשויאונג פון דער מאָדערנער פיזיק). נאָכדעם, ווי דער אויטאָר באַהאַנדלט אויספירלעך די גרונט-פּראָבלעמען

פון דער מאָדערנער פיזיק, רעלאַטיוויטעט, צייט, דערשיינונגסגאַנג, קאָסמאָס, גראַוויטאַציע, קוואַנטן-טעאָריע, וועלט-געבוי א. אַ וו., בלייבט ער שטיין הילפלאָז פאַרן סוד הקיום. ער וויל זיך נישט צופרידנשטעלן מיט דער וועלט פון מאַטעריעלער דערפאַרונג, נאָר שטרעבט „פונאַנדערצוּוויגן ביים מענטשן די פאַנטאַזיע אויפן געביט פון העכערע איבערלעבונגען". ער שרעקט זיך נישט פאַר קיין שום אילוזיע, ווייל אויך די חושימדיקע וועלט איז נישט פריי פון אילוזיעס. ער באַמיט זיך אַריבערצוּוואַרפן אַ בריק צווישן וויסנשאַפט און מיסטיק. ער פירט אויס:

„דער מיסטיקער וועט זיך נישט צוריקציען פון זיין פאָזיציע אפילו, ווען ער וועט מודה זיין, אַז דאָסדאָזיקע פראָגראַם איז מסיג-גבול די עקזאַקטע וויסנשאַפט און, אַז עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן, אַז עס וועט זיך לגבי דערדאָזיקער אומגעבונג לאָזן ווען עס איז אָנווענדן ספעקולאַטיווע דערקענטעניש, ער וועט זאָגן, אַז פון דעם, וואָס מיר זענען נישט מסוגל געננוי צו שילדערן אונזער סביבה, דרינגט נאָך נישט אַרויס, אַז עס איז בעסער צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז מיר לעבן אין אַ ליידיקייט".

אַפנים, אַז אויך דער היינטצייטיקער מענטש, וואָס איז על פי רוב איינגעשטעלט מאַטעריאַליסטיש, קאָן זיך נישט אויסניכטערן פון דער „פאַרשאָלטענער" מיסטיק. אין אונזער געגעבענעם פאַל דריקט עס זיך אויס אין גרויסן באַגער צום אַבסאָלוטן, עטישן פאַטאָס, וואָס אַנטפלעקט זיך דעם מענטשן אין אומבאַגרעניצטער ליבע.

קרשקש באַהאַנדלט אויך דעם ענין פון וועלט-תכלית. דער רמב"ם האָט נישט באַוויזן אויפצוקלערן דעם אייגנטלעכן צוועק פון דער וועלט-באַשאַפונג. נאָך אַ לאַנגער חקירה פירט ער אויס מיט רעזיגנאַציע: „כן רצה השם או גזרה חכמתו". קרשקש דערקלערט אָבער דעם זעלביקן ענין גאַנץ פשוט — היות גאָט איז לויט זיין מהות דאָס העכסטע גוטע, איז ממילא דאַרף זיין שאַפן דאָס גוטע גילטן אַלס לעצטער און ענדלעכער תכלית. קרשקש באַטראַכט די וועלט-עקזיסטענץ אַלס

אומאויפהערלעכן, שטרענג־וואָלונטאַריסטישן פּראָצעס. (מאָדנע: קרשקש באַמערקט נישט, אַז זיין הויפּט־בר־פּלוגתא, דער רמב״ם, רעדט דאָך אויך וועגן גאָטס ווילן — „כּן רצה השם״). קרשקש האַלט, אַז גאָט איז ווילן; גאָט באַגרענעצט זיך נישט מיט אייגנליבע, ער האָט ליב דאָס שלימותדיקע, וואָס ווערט פאַרווירקלעכט אין דעם באַשאַפענעם. אין דעם פּרט איז קרשקש שאַרף מחולק מיט די אַריסטאָטעליקער, וואָס באַטראַכטן גאָטס ליבע צו דעם באַשאַפענעם אַלס אומווירדיקן אַפעקט. לויט קרשקשן איז דאָס נישט קיין אַפעקט, גאָטס ליבע איז גיכער באַזירט אויף ספּאָנטאַניטעט.

דאָס סאַמע מערקווירדיקסטע דערביי איז, וואָס קרשקש האַלט פאַר אומזיניק צוצושרייבן גאָט עטוואָס אַזוינס, וואָס איז סותר די געזעצן פון שכל.

פונדעסטוועגן פירט דער וועג צום זעלביקן גאָט, וואָס פאַרטראָגט נישט קיין ווידערזיניקייטן. נישט דורך אינטעלעקטועלער דערקענטעניש, נאָר דורך ליבע. דער רמב״ם האָט אין זין געהאַט נאָר יחידי סגולה, גייסטיקע ריזן, וואָס זענען ראוי דורך אינטעלעקטועלער השתלמות זיך צו פאַרבינדן מיטן שכל הפועל. קרשקש דאַקעגן דערקלערט, אַז די השגחה פליסט אַרויס פון דעם העכסטן מקור — דער ליבע. („ולפי שהשגחה הזאת מצד האהבה מהבורא אל ברואיו, מבלי בחינה אל ההשכלה כלל״).

השארת־הנפש

אין הסכם מיט דידאָזיקע אויספירונגען איז אויך פאַרשטענדלעך קרשקשס בליק אויף דעם פּראָבלעם פון השארת־הנפש. ער האַלט, אַז דאָס זעלישע אין מענטשן איז — פונקט ווי ביי אַריסטאָטעלעסן — די פאָרם פון קערפּער. די פאָרם איז אָבער דערביי אַ גייסטיקע סובסטאַנץ, וואָס איז דיספּאָנירט צו דערקענטעניש (מוכן אל השכל). פון דאַנען דרינגט אַרויס סובסטאַנציעלע אומשטערבלעכקייט. ער טרעט גאָר שאַרף אַרויס קעגן מאַכן אָפּהענגיק די אומשטערבלעכקייט פון דעם דערוואָרבענעם פאַרשטאַנד (שכל הנקנה). ווען מען זאָל גלויבן אין דערדאָזיקער יידיש־פּעריפּאַטעטישער שיטה, וועט אויסקומען, אַז די אַלע לויטערע גייסטער, וואָס האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות

אויף די שײַטערהויפֿנס, שטאַרבנדיק על קידוש השם, גײַען לאיבוד, עס בלײַבט נישט פֿון זײ קײן שריד ופליט, װײַל זײ האָבן זיך נישט פֿאַרנומען מיט קײן פֿילאָזאָפֿישער חקירה. און פֿאַרקערט, די ערגסטע רשעים און אױסװורפֿן, קוים האָבן זײ געשאַרפֿט זײער פֿאַרשטאַנד דורך ספּעקולאַטיװן דענקען, זענען פֿאַר זײ שױן אױפֿגעפּראַלט די טױערן פֿון אומשטערבלעכקײט.

קרשקש לײקנט אין דעם, אַז נאָר דער דערקענענדיקער טײל פֿון דעם מענטשנס גײַסטיקײט איז אומשטערבלעך; אױך װילן און געפֿיל זענען גובר דעם טױט און אין דעם באַשטײט, אײגנטלעך, די אײביקע גליקזעליקײט.

דעטערמיניזם

בכדי גרינטלעכער צו באַנעמען אָט דעם מין װאָלונטאַריזם, איז כדאַי אַ ביסל זיך גענױער אָפּצושטעלן אױף דעם פּראָבלעם פֿון װילנס־פֿרײַהײט, װי אַזױ עס װערט באַהאַנדלט בײַ קרשקשן.

אין דער ייִדישער פֿילאָזאָפֿיע איז עס בכלל דער ערשטער פּרוּװ צו פֿאַראײניקן װילנס־פֿרײַהײט מיט קױזאַליטעט־געזעץ. קרשקש טראַכט זיך טיפֿער אַרײַן אין דעמדאָזיקן ענין און פֿרעגט: צי קומט אין דער װעלט אַלץ פֿאָר צופֿעליק לױט דעם מעגלעכן, אָדער גאָר פֿאַרקערט — אַלץ געשעט לױט אַ באַשטימטער נױטװענדיקײט? צי האַנדלט דער מענטש פֿרײַ לױט זײַן אײגענעם רצון, װינטשן און באַגערן (בחירת חפשית), אָדער זענען אַלע זײַנע טאַטן דורכױס הכרחדיקע?

כדי אױף דעם צו ענטפֿערן, דאַרף מען אױך ענפֿערן אױף אַ קודם־פֿראַגע, נעמלעך: מיט װאָס דערקלערט זיך בכלל דאָס „מעגלעכע" געשעען? — די עקזיסטענץ פֿון יעדער זאַך איז געבונדן מיט פֿיר אַריסטאָטעלישע סיבות: װירקנדיקע אורזאַך, חומר, פֿאָרם, און ענד־צװעק. עס קאָן פֿונדעסטװעגן געמאָלט זײַן דאָס װירקן נאָר פֿון אַ טײל פֿון די דערמאָנטע סיבות. כל־זמן אָבער עס לאָזט זיך נישט פֿעסטשטעלן דער אָנטײל פֿון אַלע פֿיר סיבות, קאָן מען זאָגן, אַז די זאַך עקזיסטירט אין דער מעגלעכקײט (באפשרות), אָבער נישט אין

דער *ווירקלעכקייט*, ווייל דעמאָלט קאָן די זאַך יאָ אָדער נישט עקזיסטירן. בעיקר ווערט עס אַזוי פאַרשטאַנען בנוגע דעם מענטשנס רצון. היות דער מענטש ווייזט אָפּט אַרויס אַ געוויסע וואַקלעניש לגבי זאַכן און האַנדלט לסוף אין הסכם מיט דעם אייגענעם ווילן אָדער אומווילן, דרינגט מען דערפון, אַז דעם מענטשנס רצון איז אַ *פרייער* און נישט קיין *נויטווענדיקער*. קוים מוז זיך דער מענטש *נויטווענדיק* אַנטשיידן, ווערט שוין זיין ווילן ממילא מגולגל אין צוואַנג (הכרח). אַן איינצלנע, אָפּגעריסענע דערשיינונג ווייזט אפשר אויס צו זיין צופעליק. באַטראַכט מען זי אָבער אין דער לאַנגער שנור אורזאַכן און ווירקונגען, ווערט באַלד קלאָר, אַז אַלץ קומט פאָר לויט אַן אומפאַרמיידלעכן דעטערמינירטן גאַנג פון געשעענישן. נישט דער פרייער ווילן דעצידירט, נאָר דאָס אייזערנע געזעץ.

איצט פאַלט דער מענטש אַריין אין אַ פאַרלעגנהייט. אויב עס איז באמת אַזוי, אַז אַלץ אין דער נאַטור און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן קומט פאָר לויט דער אינעווייניקסטער געזעצמעסיקייט, אָן דעם מענטשנס מיטהילף. טאָ מה רעש? וואָס קאָכט זיך אַזוי דער מענטש? וואָס שטרענגט ער זיך אַזוי אָן אויסצובעסערן די וועלט? צווואָס לייגט ער איין וועלטן, אַז סך-הכל קומט אַלץ סיי-ווי-סיי פאָר אָן אים, היות ער איז דאָך נאָר אַ פּאַסיווער צוקוקער? און וואָס בלייבט מיט דעם ענין שכר ועונש? אויב מען באַשטראָפט נישט פאַר דעם שלעכטן און מען באַלוינט נישט פאַר דעם גוטן, טאָ צוואָס טויגן די געבאָטן און פאַרבאָטן? איבעריקנס, וואָס קאָנען, מ׳שטיינס-געזאָגט, העלפן געבאָטן, אַז דער מענטש איז דאָך בעצם נישט פריי אין זיינע האַנדלונגען. אויף אונזער היינטיק לשון וואָלט עס געהייסן, אַז עס איז פאַרהאַן אַ באַשרייבלעכע עטיק, אָבער נישט קיין נאָרמאַטיווע. ביי אַזאַ צושטאַנד קאָן נישט זיין קיין רייד פון וועלכע עס איז אימפּעראַטיוון, וועגן וועלכע עס איז, למשל, אַ רייד ביי קאַנט אָדער ניטשע.

דעם שטאַנדפּונקט פון *מעגלעכן* אַנטוויקלט קרשקש אין אַ באַזונדער קאַפּיטל, וועלכעס מיר וועלן דאָ ציטירן:

כלל ה׳-פרק א׳*).

„די מיינונגס-באַגרינדונג פון דעם, וואָס האַלט, אַז עס עקזיסטירט די נאַטור פון מעגלעכן“.

„מיר וועלן דאָ אויפקלערן דעם ענין פון דעם שטאַנדפונקט פון ספעקולאַטיוון דענקען, ווי אויך לויט דער ביבלישער טראַדיציע.

וואָס שייך דער ספעקולאַטיווער זייט קומען אין באַטראַכט אַזעלכע ראיות:

א) עס איז באַקאַנט, אַז דאָס זיין פון זאַכן, נאַטירלעכע אָדער קינסטלעכע, מוז פריער האָבן פיר סיבות: ווירקנדיקע, מאַטעריעלע, פאָרמעלע און צוועקמעסיקע, וועלכע זענען אויפגעקלערט געוואָרן אין „פיזיקע אַקראָאַזיס“ (ספר השמע). מיר זעען ביי פאַרשיידענע קעגנשטאַנדן, אַז טייל סיבות זייערע עקזיסטירט יאָ און טייל עקזיסטירט נישט. עס קאָן אויך געמאָלט זיין, אַז אַלע זאָלן עקזיסטירן אָדער נישט עקזיסטירן. אָט פון דער (עקזיסטענץ)-מעגלעכקייט פון דידאָזיקע סיבות פון זאַכן, דרינגט נויטווענדיק די עקזיסטענץ-מעגלעכקייט פון די זעלביקע זאַכן.

ב) מיר זעען אַ סך זאַכן, וואָס זענען אונטערגעוואָרפן דעם ווילן. פון דער אַנדערער זייט איז קלאָר, אַז וועלן אָדער נישט-וועלן איז נוגע דעם מענטשן; קוים וואָלט דער מענטש געווען געצווונגען, וואָלט נישט געווען קיין אָרט פאַר רצון, נאָר פאַר צוואַנג און נויטווענדיקייט (הכרח וחיוב). עס ווערט דעריבער קלאָר, אַז עס עקזיסטירט די נאַטור פון מעגלעכן (טבע האפשר נמצא).

ג) אין הסכם דערמיט, וואָס עס איז געזאָגט אין „פיזיקע אַקראָאַזיס“ (ספר השמע), עקזיסטירן קעגנשטאַנדן, וואָס האָבן צו

---

*) איבערגעזעצט פון אָריגינאַל, דף מ״ח, ב, לויט דער אויבן-ציטירטער אויסגאַבע.

פאַרדאַנקען זייער זיין דעם צופאַל און אורזאַכן, וואָס געפינען זיך אין זיי גופא. ווען אַלע זאַכן וואָלטן אָבער עקזיסטירט נויטווענדיק, ווי וואָלט עס טאַקע געווען קאָנסעקווענט, ווען עס וואָלט נישט געווען די נאַטור פון מעגלעכן, דעמאָלט וואָלט עקזיסטענץ פון יעדער זאַך געווען אַ נויטווענדיקייט; וואָס איז שייך ווידער דעם, וואָס עקזיסטירט נויטווענדיק, קאָן מען נישט זאָגן, אַז עס פאַרדאַנקט איר עקזיסטענץ דעם צופאַל. עס וואָלט געווען נישט ריכטיק זיך אויסצודריקן וועגן מאָרגנדיקן זון-אויפגאַנג, אַז ער וועט פאָרקומען צופעליק. אַזוי אַרום ווערט פאַרשטענדלעך, אַז נישט אַלע זאַכן זענען נויטווענדיקע און אַז עס עקזיסטירט די נאַטור פון מ ע ג ל ע כ ן.

ד) ווען עס וואָלט נישט געווען די נאַטור פון דעם מעגלעכן, וואָלט דער מענטש אין זיינע מעשים געווען געבונדן דורך נויטווענדיקייט. עס וואָלט געווען אומנוציק יעטוועדע אָנשטרענגונג און פלייס. פון דעם וואָלט נויטיק געדרונגען די נישט-צוועקמעסיקייט פון יעדער לערע, אומזיניקייט פון יעדער פאָרברייטונג און געשיקטער באַמיאונג צו דערווערבן ערדישע גיטער און אַלע נוצלעכע זאַכן, ווי אויך דאָס אויסמיידן אַלע שעדלעכע זאַכן. דאָס אַלץ איז אָבער אַ סתירה צום אַלגעמיין-אָנגענומענעם, ווי אויך צו דער אוממיטלבאַרער דערפאַרונג.

ה) נעמענדיק אין אַכט דעם פאַקט, אַז דעם מענטשנס ווילן פליסט אַרויס פון דער פאַרנונפטיקער נשמה (נפש מדברת), וואָס איז אָפּגעטיילט פון דער מאַטעריע, איז נישט שייך צו באַהויפּטן, אַז זי וואָלט געווען באַווירקט דורך עפּעס אַ מאַטעריעלן קעגנשטאַנד, אַקוראַט ווי די ספערישע קערפּערס באַווירקן די ערדישע. עס איז באַוווּסט, אַז דער אויסגעטיילטער (אינטעלעקט) האָט די ווירקונגס-אייגנשאַפט, דאַקעגן די מאַטעריע האָט די אייגנשאַפט אַרונטערפאַלן אונטער ווירקונגען, ווי די זאַך ווערט באַהאַנדלט אין דער מעטאַפיזיק. עס איז דעריבער נישט שייך אָנצונעמען, אַז די קערפּערלעכע ספערן באַווירקן די מענטשלעכע נשמה, אויסאיבנדיק אויף איר אַ צוואַנג, נאָר דער ווילן האַנדלט אויף אייגענעם באַראָט און איז פריי פון יעטוועדן צוואַנג. פון אָט די אַלע

ספעקולאַטיווע ראיות איז געדרונגען, אַז עס עקזיסטירט די נאַ־טור פון דעם מעגלעכן.

צו דעם זעלביקן קלאָרן אויספיר קאָן מען קומען, ווען מען איז זיך סומך אויף דער ביבלישער טראַדיציע. אויך דאָ זענען פאַראַן פאַרשיידענע ראיות:

א) ווען אַלע זאַכן וואָלטן געווען נויטווענדיקע און דעם מענטשנס טאָטן — געווי באַשטימטע, וואָלטן אַלע ביבלישע גע־באָטן און וואָרנונגען נישט געהאַט קיין שום זין. זיי וואָלטן נישט געהאַט קיין פעולה, וויבאַלד דעם מענטשנס מעשים זענען דעטער־מינירט און אונטערליגן נישט זיין ווילן און מאַכט.

ב) ווען דער מענטש וואָלט געווען דעטערמינירט אין זיי־נע האַנדלונגען, וואָלטן דאָך די דורך גאָט באַשטימטע לוין און שטראָף געווען נישט ראַציאָנעל; דאָס קאָן מען אָבער געדאַנק־לעך נישט דערלאָזן. עס איז דאָך באַקאַנט, אַז גאָט האָט באַשטימט שכר ועונש נאָר פאַר יענע מענטשלעכע האַנדלונגען, וואָס פליסן אַרויס פון אייגענעם ווילן. וואָס איז שייך ווידער דעטערמינירטע האַנדלונגען, קאָן לגבי זיי נישט גילטן קיין שכר ועונש.

נעמענדיק אין אַכט דעם פאַקט, אַז דער גלויבן אין באַ־לוינונג און שטראָף איז איינע פון די פונדאַמענטאַלע דאָגמעס פון דער לערע (שרש משרשי התורה), דרינגט דערפון אומצווי־דייטיק, אַז דער מענטש איז אַ בעל־רצון, אַז זיין ווילן איז פריי און נישט געהעמט דורך קיין שום צוואַנג (נקי מכל אונס והכרח). פון דעם איז קלאָר, אַז עס עקזיסטירט די נאַטור פון דעם מעג־לעכן, וואָס דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז אויסן געווען צו באַווייזן".

קרשקש באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם אַנטינאָמיש. ער באַ־קענט אונז אויך מיט דעם צווייטן שטאַנדפּונקט, וואָס זאָגט זיך אַרויס פון אַ ר עקזיסטענץ פון דער אַבסאָלוטער נויטווענדי־קייט. קרשקש ווייזט אַרויס מער נטיה צום דעטערמיניסטישן בליק.

מיר האָבן שוין אויבן געזען, אַז די סיבות פון מעגלעכע זאַכן האָבן אַ ברירה יאָ אָדער נישט צו זיין. עס איז אָבער נישט אַזוי. יעדע סיבה איז נויטווענדיק פאַראַן אָדער נישט פאַראַן,

ווײַל זי איז באַדינגט דורך אַ גאַנצער רײ אַנדערע אורזאַכן, וואָס ווערן, אין דער לעצטער שורה, דערפירט צו דער אומבאַדינגטער סיבה — צו גאָט. פון גאָט, ווידער, ווערט אַלץ אַרויסגעפירט אויף אַ נויטווענדיקן שטייגער.

וואָס שייך דעם מענטשנס ווילן, קאָן ער זיך — וואָס אַן אמת — אַנטשליסן פאַר אײנער פון די בײדע מעגלעכקײטן. אָבער אפילו דידאָזיקע, לפנים זעלבשטענדיקע אַנטשליסונג איז בלי ספק באַווירקט דורך אַ באַשטימטער סיבה.

אמת, דער מענטש האָט אַ רצון, ער איז ביכולת זיך צו אַנטשליסן צו האַנדלען אַזוי אָדער אַנדערש, ד. ה., האַנדלען אויף דעם אײגענעם באַראָט. דער „עפּעס" אָבער, וואָס איז מכריע, אַז דער מענטש זאָל האַנדלען דווקא אַזוי און נישט אַנדערש, זאָגט עדות, אַז דידאָזיקע אַנטשײדונג איז באין אופן נישט קײן צופעליקע און הפקרדיקע, נאָר אַ פאַראורזאַכטע. דערפאַר, וואָס מיר גיבן זיך נישט אָפּ קײן חשבון פון דעם אויסנווייניקסטן צוואַנג, דאַכט זיך אונדז אויס, אַז אונזער ווילן-אַנטשײדונג איז אַ פרײַע; אין דער אמתן איז זי אַן אונסדיקע, ווײַל זי איז אָפּהענגיק פון אַ רײ סיבות.

לאָמיר ווידער געבן דאָס וואָרט קרשקשן אַלײן, בכדי אויסצוהערן די דעטערמיניסטישע באַגרינדונג.

כלל ה׳ פרק ב׳*).

„די מײנונגס-באַגרינדונג פון דעם, וואָס לײקנט, אַז עס עקזיסטירט די נאַטור פון מעגלעכן".

„דערדאָזיקער בליק לאָזט זיך אויפקלערן לויט דעם ספּעקולאַטיוון דענקען, ווי אויך אויף דעם סמך פון דער ביבלישער טראַדיציע.

וואָס שייך דעם ספּעקולאַטיוון דענקען זענען פאַראַן פאָלגענדע באַווײַזן.

---

*) איבערזעצט פון אָריגינאַל לויט דער ציטירטער אויסגאַבע, דף מ״ז.

א) מיר ווייסן פון דער נאַטור-געשיכטע, אַז די עקזיסטענץ פון זאַכן, וואָס פאַלן אַרונטער דער קאַטעגאָריע פון אַנטשטיין און פאַרשווינדן, מוז נויטווענדיק פריער האָבן פיר סיבות. קוים טרעט איין דידאָזיקע סיבות, מוזן נויטווענדיק אָנהויבן צו עקזיסטירן די פאָלגן פון דידאָזיקע סיבות אַזוי, אַז די עקזיסטענץ פון די פאָלגן איז נויטווענדיק, נישט נאָר מעגלעך. און ווען מיר וועלן זיך פאַרטראַכטן אויך איבער דער עקזיסטענץ פון די אורזאַכן, וועט זיך אַרויסווייזן, אַז דידאָזיקע סיבות האָבן פריער געמוזט האָבן נויטווענדיק אַנדערע סיבות אַזוי, אַז די עקזיסטענץ פון די ערשטע סיבות וועט אומפאַרמיידלעך מיטציען נאָך זיך די אַנדערע סיבות; זייער עקזיסטענץ וועט דעריבער זיין נויטווענדיק, נישט נאָר מעגלעך. און ווען מיר וועלן פאַר דידאָזיקע סיבות זוכן ווייטערדיקע סיבות, וועט דער מעטאָד פון ספּעקולאַטיוון דענקען פאַרבלייבן דער זעלביקער. אַזוי אַרום וועלן מיר דערגיין צו דעם אורשפּרינגלעכן זיין, וואָס עקזיסטירט נויטווענדיק – צו ג אָ ט. מיר האָבן דעריבער אויפגעקלערט, אַז די נאַטור פון מעגלעכן עקזיסטירט נישט.

ב) עס איז באַקאַנט און אויך אַלגעמיין אָנגענומען אין דער אָנטאָלאָגיע, אַז ווען אַ קעגנשטאַנד קאָן יאָ עקזיסטירן און צוגלייך נישט, מוז זיין וועלכע עס איז סיבה, וואָס גיט איבערגעוויכט דעם זיין איבער דעם נישט זיין. ווען עס וואָלט אָבער אַזוי נישט געווען, וואָלט פאַרבליבן דער צושטאַנד פון נישט זיין. ווען מיר וועלן דעריבער צולאָזן די עקזיסטענץ פון מעגלעכן, וואָלט ער נויטווענדיק געמוזט פריער האָבן אַ ווירקנדיקע סיבה, וואָס האָט געגעבן איבערגעוויכט דעם זיין איבער דעם נישט זיין. אַזוי, אַז די עקזיסטענץ, וועלכע האָט לויט דער הנחה געזאָלט זיין מעגלעך, איז (אין דער ווירקלעכקייט) נויטווענדיק. און ווען מיר וועלן זיך אויך פאַרטראַכטן איבער דער ווייטערדיקער סיבה, טאָ אויב זי ווערט צוגעלאָזט אַלס מעגלעכע, אין זי דורך דעם אַליין, אָנערקענט אַלס עקזיסטירנדיקע; עס וועט איר דעריבער נוגע זיין די זעלביקע נויטווענדיקייט, וועלכע מיר האָבן פעסטגעשטעלט בעת דער ערשטער דערלאָזטער מעגלעכקייט. בזה האופן

וועלן מיר דערגיין צו דער ערשטער סיבה און ערשטן זיין, וואָס עקזיסטירט נויטוועגדיק, ד. ה. צו גאָט.

ג) עס איז דאָך אַליינפאַרשטענדלעך און אויך אַלגעמיין אָנערקענט, אַז אַלץ, וואָס גייט אַרויס מן הכח אל הפועל, איז אָפּהענגיק פון אַן אויסנווייניקסטן גורם, וואָס רעאַליזירט עס. פון דעם איז געדרונגען קאָנסעקווענט, אַז ווען עס אַנטשטייט אין מענטשן אַ ווילן אויסצופירן אַ טעטיקייט, האָט געמוזט זיין אַן אויסנווייניקסטער גורם, וועלכער האָט אַרויסגעפירט דעמדאָזיקן ווילן פון דער מעגלעכקייט צום אַקט. דער זעלביקער גורם האָט פאַראורזאַכט, אַז דער כח, וואָס וועקט זיך ספּאָנטאַן, זאָל זיך קאָנצענטרירן, צופּאַסנדיק זיך צו דער פאָרשטעלונגס-קראַפט, וואָס קאָנסטיטואירט דעם ווילן, ווי עס איז דערוועגן אַ רייד אין „ספר הנפש". דעריבער, ווען עס פאָלגט דידאָזיקע קאָנצענטראַציע, וואָס איז די אורזאַך פון ווילן, איז דורך דעם אַליין אויך דער ווילן נויטוועגדיק, אַזוי איז אויך נויטוועגדיק די קאָנצענטראַציע גופא, ווען עס טרעט אַרויס דער אינעווייניקסטער שטויס. ווען מיר וועלן אָבער זאָגן, אַז דער שטויס פון דאָזיקן ווילן איז דער ווילן אַליין, אַלס קעגנזאַץ צו דער נויטוועגדיקייט, וועט פון דעם אַרויסדרינגען איינע פון די צוויי מעגלעכקייטן: אָדער מיר וועלן זאָגן, אַז עפּעס אַ זאַך איז די שטויס-קראַפט פון זיך גופא, וואָס פירט זי אַרויס פון מעגלעכן צום אַ ק ט י וו ן, — דעמאָלט וועט עס זיין אין ווידערשפּרוך צו דער אַלגעמיין-אָנערקענטער הנחה; אָדער דערדאָזיקער ווילן האָט פאַר זיך אַ פריערדיקן ווילן, וועלכער באַוועגט אים און פירט אים אַרויס מן הכח אל הפועל. יענער ווילן וועט האָבן נאָך אַ פריערדיקן ווילן, אַזוי, אַז דערדאָזיקער ווילן וועט נאָך זיך ציען פריערדיקע ווילנס — און אַזוי ביז צו דער אומענדלעכקייט.

דאָס איז אָבער אינגאַנצן אוממעגלעך.

ד) עס איז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז אַלץ, וואָס איז ניי-אַנטשטאַנען, מוז האָבן אַ באַשעפער, ווייל אַ זאַך באַשאַפט זיך דאָך נישט אַליין. מען קאָן זיך דעריבער נישט פאָרשטעלן, אַז פון צוויי מענטשן אין דעם זעלביקן מצב, פון גלייכאַרטיקע

טעמפּעראַמענטן, אייגנשאַפטן און באַציִונגען צו איין און דעם זעלביקן קעגנשטאַנד, זאָל איינער אויסוויילן דעם ז יי ן און דער אַנדערער — דעם נ י ש ט ־ ז יי ן פון דאָזיקן קעגנשטאַנד. דאַקעגן איז נויטווענדיק, אַז איינער זאָל אויסקלויבן דאָס זעלביקע, וואָס עס האָט אויסגעקליבן און צוגענומען דער אַנדערער. וואָרים, ווען זיי זאָלן זיך אונטערשיידן אין אויסוואַל, ווי אויך אין דעם באַשלוס, וואָלט געמוזט זיין עפּעס אַ גורם נאָכדעם, ווי דערדאָזיקער וואַריאַנט איז אַ ניי־געשאַפענער. וואָס איז, אַלזאָ, די סיבה פון דעם ניי־אַנטשטאַנענעם אונטערשייד ? זאָל עס מיר עמעץ אויפקלערן (מי יתן ואדע), וויבאַלד זיי זענען צוערשט געווען גלייך לויט דעם טעמפּעראַמענט, קאָנסטעלאַציע און כאַראַקטער. עמעץ וועט זאָגן, אַז די עקזיסטענץ פון אַזעלכע צוויי גלייכאַרטיקע מענטשן איז אוממעגלעך; אָבער דידאָזיקע קאָנסעקווענץ דרינגט נישט אַרויס אויף אַזוי פיל, ווי דאָס איז אוממעגלעך, נאָר אויף וויפיל דאָס איז מעגלעך. היינט, ווען עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער ווילן מוז נויטווענדיק זיין איין און דער זעלביקער, קאָן ער דורכאויס נישט זיין בלויז מעגלעך.

ה) שוין אין דעם ערשטן כלל פון דאָזיקן טראַקטאַט האָבן מיר פעסטגעשטעלט, אַז גאָטס וויסן נעמט אַרום אַלע פּרטים אַלס אַזעלכע, ווען זיי עקזיסטירן אפילו נישט, ד. ה., ווען זיי זענען נישט דערגאַנגען צו דער ווירקלעכקייט. דאָס מוז אָבער נויטווענדיק פאָלגן. אין פאַרקערטן פאַל וואָלט דאָס נישט געווען קיין וויסן, נאָר (ליידיקער) געדאַנק אָדער איינבילדונג (לא היתה ידיעה, אבל מחשבה או טעות). אַזוי אַרום איז דאָס, וואָס האָט לכתחילה געזאָלט זיין נאָר מעגלעך, אומבאַדינגט נויטווענדיק.

ו) ווען עס וואָלט עקזיסטירט די נאַטור פון מעגלעכן, וואָלטן מיר געמוזט אָנערקענען בהכרח, אַז עס עקזיסטירט אַ רצון פון צוויי אַלטערנאַטיוון, פריי פון אַ באַצווינגענדיקער סיבה. פון דעם וואָלט אָבער געדרונגען, אַז דאָסדאָזיקע וויסן פליסט נישט אַרויס פון גאָטס וועזן, אַז דאָס וויסן, וואָס נעמט אַרום קעגנשטאַנדן, איז נישט זייער אורזאַך, נאָר (פאַרקערט) עס איז עפּעס דערוואָרבנס און אָפּשטאַמענדיקס לגבי דער עקזיסטענץ (פון

די קעגנשטאַנדן). עס ליגט זיך אָבער לגמרי נישט אויפן שכל, אַז גאָטס וויסן זאָל שטאַמען מחוץ אים.

ז) עס איז אָנערקענט אַלס פעסטער אמת, אַז השגחה פרטית מוז זיך סומך זיין אויף דער ליטונג, וואָס נעמט אַלץ אַרום, ווי אַ גאַצקייט (הסדור הכולל), ווייל אין פאַרקערטן פאַל וואָלטן מיר געהאַט צו טון מיט אַ הילישן כח (כח היולי), וואָס ווידערשפרוכט גאָטס וועזן. ווען עס וואָלט דעריבער עקזיסטירט אַ מעגלעכקייט פון אַ וועלכער ס׳איז אַלטערנאַטיוו, וואָס איז פריי פון אַ באַצווינגנדיקער סיבה, דעמאָלט וואָלט אויף איר נישט חל געווען די אַלצאַרומנעמענדיקע ליטונג.

פון די אַלע ספעקולאַטיווע אַרגומענטן זעט מען באַשיינפערלעך, אַז די נאַטור פון מעגלעכן עקזיסטירט נישט. וואָס איז ווידער שייך דער ביבלישער טראַדיציע, קאָן בלי ספק באַוויזן ווערן אויפן יסוד פון דעם, וואָס מיר האָבן דערמאָנט וועגן גאָטס וויסן. וואָרים דאָסדאָזיקע וויסן נעמט אַרום אַלע פרטים, נישט אַכטנדיק דערויף, צי זיי עקזיסטירן אין דערווירקלעכקייט. חוץ דעם איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די נביאים האָבן אַ סך פרטים פאַרויסגעזאָגט, איידער זיי זענען מקוים געוואָרן. דאָס איז אויך שייך יענע זאַכן, וואָס זענען אָן און פאַר זיך נישט קיין נויטווענדיקע, נעמלעך — ביז אַ באַשטימטן ווילן, אָפּהענגיק פון דער אייגענער דעציזיע, ווי דער ענין מיט פרעה*).

דאָס אַלץ איז אַ באַשיינפערלעכער באַוויז, אַז די נאַטור פון מעגלעכן עקזיסטירט נישט, און דאָס איז געווען די אויפגאַבע פון דאָזיקן קאַפיטל".

אַזוי אַרום ווערט פאַרשטענדלעך, הלמאי דער מענטש דאַרף זיך באַמיִען און שטרעבן צו דערגרייכן וואָס מער דערפאָלג, מחמת דערפאָלג איז נישט קיין נויטווענדיקייט פאַר זיך, נאָר עס עקזיסטירט אין שייכות מיט דער „אורזאַך"; די לעצטע ווידער באַשטייט פון פ ל יי ס און ש ט ר ע ב ן (חריצות והשתדלות).

---

*) קרשקש מיינט אווראי: „ואני אקשה את לב פרעה".

דאָס מקיים זיין די ביבלישע געבאָטן האָט די באַדייטונג פון פלייט בלויז אַלס מיטל צו אַ גליקלעך לעבן. דאָס זעלביקע לאָזט זיך זאָגן וועגן שכר ועונש, וואָס ווידערשפּרעכט אין פלוג דעם מענטשנס אומפרייהייט. די באַלוינונג דרינגט אַרויס אוממיטלבאַר פון די גוטע מעשים, די שטראָף איז אַ רעזולטאַט פון שלעכטע האַנדלונגען. דאָס אַלץ פאָלגט, ווי דאָס באַחירקטע פון אַן אורזאַך. פונקט ווי עס איז פאַרשטענדלעך, אַז ווער עס דערנענטערט זיך צום פייער (מעג זיין אומגערן) מוז פאַרברענט ווערן („...כמו שאיננו עול הקרבות אל האש שישרף ואם היה קרבתו בזולת רצון").

אָבער אויך כביכול אַליין איז אין זיין שאַפונגס-פּראָצעס נישט-פרייוויליק, נאָר בלויז ווילִיק. אין זיין טבע ליגט די שאַפונגס-באַדערפעניש; די מעשה בראשית איז אַ נויטווענדיקער און דערביי באַוווסטזיניקער אַקט.

לעולם אונטערשיידן מיר פרייוויליקע האַנדלונגען פון אומפרייוויליקע. פאַר די ערשטע טראָגט דער מענטש אחריות, פאַר די אַנדערע — נישט. דעם מענטשנס בחירה איז אָבער אַן אילוזאָרישע. עס איז נישטאָ קיין האַנדלונג, וואָס זאָל זיין אַ ריינער פּראָדוקט פון פרייען, אומבאַגרענעצטן ווילן. אַלץ איז אַ רעזולטאַט פון אומשטענדן און באַדינגונגען. נישט מער: אונזערע האַנדלונגען ווייזן זיך אונז אויס צו זיין דעמאָלט פריי, ווען מיר שפּירן נישט קיין אויסנווייניקסטן צוואַנג. דאָסדאָזיקע פרייהייט-באַוווסטזיין צעשטערט אָבער באין אופן נישט דעם פאַקטישן, אָביעקטיוו-עקזיסטירנדיקן הכרח. דער גרונט-חילוק צווישן זיי באַשטייט דעריבער אין דעם, וואָס אין ערשטן פאַל – שפּירט זיך דער מענטש פריי, אין צווייטן — בפירוש נישט. אין צווייטן האָט ער דאָס געפיל פון צוואַנג. אויב עס איז טאַקע אַזוי, — פרעגט זיך קרשקש, — פאַרוואָס ווערט דער מענטש אויך נישט באַשטראָפט פאַר זיינע אומפרייוויליקע שלעכטע האַנדלונגען, אַקוראַט ווי די שטראָף דרינגט דעטערמינירט אַרויס פון די מכלומרשט פרייוויליקע האַנדלונגען?

בנוגע דער הכרחדיקער פאָרויסבאַשטימונג איז כדאי אָנצו-

מערקן, אַז קרשקש באַמיט זיך אַריינצושניידן אַ דין שפּעלטעלע. די פֿאָרויסבאַשטימונג האָט נעמלעך געוויסע גרענעצן. עס קומט אויס, ווי גאָט וואָלט בלויז געפֿירט דעם מענטשנס מחשבות, אָבער נישט זיינע מעשים. דער מענטש דאַרף צופּאַסן זיינע מעשים צו די גוטע מחשבות.

ווייטער פֿאַרענטפֿערט קרשקש דעם ענין מער־ווינציקער אַזוי: דער וואָרער תּכלית פֿון די „פֿרומע" האַנדלונגען איז די פֿרייד פֿון דעם רצון צו טון דאָס העכסטע גוטס. היות גאָט איז די העכסטע מדרגה פֿון לוסט און שמחה, איז די אויפֿגאַבע פֿון מענטש זיך אָנצואייגנען דידאָזיקע פֿרייד דורך נאָכטון גוטע מעשים — imitatio Dei. אָבער אויך דאָ זענען אונזערע געזינונגען נישט פֿריי; זיי זענען דורכאויס באַדינגט. די באַלוינונג און שטראָף זענען באין אופֿן נישט קיין אָפּצאָל פֿאַר פֿרייע ווילנס־באַשלוסן. אין איינקלאַנג מיט גאָטס אָרדנונג דרינגט פֿון איין געזינונג — דאָס שעדלעכע, פֿון אַן אַנדערער — דאָס נוצלעכע. שכר ועונש זענען קאָנסעקווענטע, נויטווענדיקע פּועל־יוצאס. קרשקשס שטראָף־רעכטפֿערטיקונג איז אַ קויזאַלע און טעלעאָלאָגישע.

קרשקשס וואָלונטאַריזם איז נישט קיין פּראַגמענטאַרישער (ווי, למשל, ביים רמב"ם); זיין גאַנצע שיטה איז דערמיט דורכגעדרונגען. קרשקשס רעליגיעזע ווערטן ליגן מחוץ די אינטעלעקטועלע ספֿערן. דער רמב"ם באַטראַכט ווילן און הכרח פֿאַר צוויי קעגנזעצלעכקייטן, וואָס קענען נישט הויזן צוזאַמען. ביי קרשקשן, דאַקעגן, לעבן זיי ביידע פֿאַרהעלטנישמעסיק בשלום. אפֿילו די געטלעכע אַרויסשטראַלונג (עמאַנאַציע) ווערט ביי קרשקשן פֿאַרשטאַנען אַלס ווילנס־נויטווענדיקייט פֿון געטלעכן שאַפֿן. סיי מעטאַפֿיזיש און סיי רעליגיעז ווייכט קרשקש שטאַרק אָפּ פֿון דעם מיטאָס־יידנטום.

קרשקש פֿילט טאַקע, אַז זיין דערהויבענע גאָט־פֿאָרשטעלונג לויפֿט ווייט אָפּ פֿון דעם מסורהדיקן מיטאָס און אפֿילו פֿון שפּעטערדיקן אַלעגאָריזם. דאָסדאָזיקע איז נאָך עלול אַרויסצורופֿן אַן איבערקערעניש ביי דעם פֿרום־גלויביקן עולם. ער

באַוואָרנט זיך דעריבער מיט „פּאָרזיכטיקייט". זיין דעטערמיניסטישע קאָנצעפּציע האַלט ער פאַר אַ ריין-עזאָטערישע פאָרשטעלונג, וועלכע מען מעג נאָר אָנפאַרטרויען לומדי תורה. מען דאַרף אָבער אויסבאַהאַלטן פאַר דעם אומקריטישן המון, וועלכער קאָן נאָך, חלילה, „איבערכאַפּן" די מאָס און דערמיט ברענגען מער שאָדן, איידער נוצן.

אויספירונגען עס איז לייכט איינצוזען, אַז נאָכן אויפהויבן דעם טעאָלאָגישן שלייער אַנטפּלעקט זיך קרשקש אַלס סובטעלער פילאָזאָף. גראָד דער — אין פלוג קאָנסערוואַטיווער — דענקער מיידט בכיוון אויס דעם — דורך די „פּראָגרעסיסטן" איינגעפירטן — איבערגעטריבענעם אַלעגאָרישן מעטאָד. דער אַלעגאָרישער מעטאָד האָט אָפט געשפּאַנט אויף שטאָלצן, באַמיענדיק זיך אויף אַ געקינצלטן שטייגער אַרויסצושיילן דעם מעטאַפיזישן קערן. קרשקש דאַקעגן טרעט-צו אוממיטלבאַר צום באַגרינדן דאָס מעטאַפיזיש-וועזנטלעכע, שטיצנדיק זיין קריטישן אַנאַליז סיי אויף דעם ספּעקולאַטיוון דענקען, סיי אויף דער רעליגיעזער טראַדיציע (מצד העיון ואם מצד התורה). דער רמב"ם באַהאַלט זיך אָפט אונטער אַ באַרג פּילדייטיקע מעטאַפאָרן, באַמיענדיק זיך אויף אַ באַגריפלעך-פיליגראַנישן אופן שלום צו מאַכן צווישן אַ נישט-געשטויגענעם „פּתרון" מיט אַ „געפלויגענעם" חלום. ווען קרשקש טרעט אַרויס קעגן רמב"מס אויספירונגען מיינט ער נישט דערמיט צו באַקעמפן דעם פילאָזאָפישן צוגאַנג, נאָר צו באַזייטיקן דאָס פרעמד-אַריסטאָטעלישע געוויקס, וואָס איז „איבערגעוואַלט" איבערגעפלאַנצט געוואָרן אויף דעם יידישן באָדן. עס האַנדלט זיך, אגב, אויך וועגן אַ געוויסן פּוריזם. אין תוך אָבער איז קרשקש, לויט זיינע ברייטע אויסבליקן, אַ סך פּראָגרעסיווער פונם רמב"ם. אין מעטאָדישן זין איז זיין פילאָזאָפיע דורכאויס וועג-ברעכעריש.

אוודאי איז זיין פילאָזאָפיע אַ ביסל צונויפגעמישט מיט טעאָלאָגיע און קאָן דעריבער נישט גילטן אַלס „ריינע" מעטאַפיזיק. דאָס זענען אָבער בלויז צייטמעסיקע אַקסעסואַרן, וואָס רירן נישט איבעריק אָן דעם תוך. בנוגע דעם ריין-מעטאַפיזישן באַנעמען דעם רעליגיעזן עלעמענט, האָט — לויט אונזער מיינונג — נאָך קיין שום

יליד אשה עד היום נישט דערגרייכט צו ספינאָזאַס קנעכלעך. ברוך ספינאָזאַ האָט נישט „באַשטאַט" גאָט ערגעץ אין דרויסן פון דער וועלט, נאָר אים אייגנגעוואָרצלט אין איינגעווייד פון אונזער וועלט און לעבן, אָדער פאַרקערט — פאַרפלאַנצט די וועלט און אונזער לעבן אין דעם גאָט-פרינציפ. דער פיראַמידע-שפּיץ פון ספינאָזאַס פילאָזאָפיע איז דאָך — א י נ ט ע ל ע ק ט ו ע ל ע ל י ב ע צ ו ם א י מ אַ נ ע נ ט ן ג אָ ט. דאָסדאָזיקע האַלטן מיר פאַר דעם העכסטן אויסדרוק פון מעטאַפיזיש-רעליגיעזן פאַטאָס, וואָס איז דער מענטשהייט בכלל באַקאַנט.

דאַרף טאַקע געזאָגט ווערן, אַז אין אַ סך פונקטן האָט קרשקש געהאַט אַ באַדייטנדיקע השפעה אויף דער געשטאַלטונג פון ספינאָזאַס פילאָזאָפישער שיטה. מאָמענטווייז דאַכט זיך אפילו, אַז אָן קרשקשן וואָלט ספינאָזאַס פילאָזאָפיע געווען אומדענקבאַר.

חוץ דעם ווייזט זיך אַרויס, אַז ספּניאָזאַ איז געווען אומיטלבאַר באַקאַנט מיט קרשקשס פילאָזאָפיע. אין דעם ריינסבורגער בריוו, וואָס ספינאָזאַ האָט געשריבן צו מייערן*), אַלטזייענדיק סך-הכל איין-און-דרייסיק יאָר, דריקט ער זיך אויס, אַז וועגן דעם גאָט-עקזיסטענץ-באַווייז פון די נייע פעריפאַטעטיקער האָט ער זיך דערוווּסט פון קרשקשס רעפעראַט, וועלכן ער ציטירט, אגב, לויט דעם כלל א׳ אין „אור ה׳" : „Nam ut ípsam apud Judaeum quendam, Rab Chasdai vocatum reperio sic sonat..." („וואָרים ווי איך געפין דעמדאָזיקן באַווייז ביי אַ יידן, וואָס הייסט רבי חסדאי, קלינגט ער אַזוי : ...").

עס קלינגט אַ ביסל קריטיש, וואָס בנוגע אַ באַדייטנדיקן טייל פילאָזאָפישע גרונט-פרינציפן טרעפן זיך צונויף צווי אַנטקעגנגעזעצטע פאָלוסן : דער פרום-גלויביקער סאַראַגאָסער רב מיט דעם אַמסטערדאַמער „אחר". דערצו אָבער האָט קודם-כל גורם געווען זייער געמיינזאַמע פיינטלעכע שטעלונג צום אַריסטאָטעליזם

---

*) טייל נומערירן דעמדאָזיקן בריוו — 39, אַנדערע ווידער — 63.

און ממילא צום רמב״ם, וועלכער איז צווישן יידן געווען דער קלאַסישער אויסלייגער פון אַריסטאָטעלעס׳ פילאָזאָפיע.

לאָמיר בקיצור פאַרצייכענען די פונקטן פון חסדאיס פילאָזאָפיע, וועלכע מיר באַגעגענען שפּעטער אין אַן אַנדער געשטאַלט ביי ספּינאָזאָן.

קרשקש לערנט, אַז עס עקזיסטירט אַן אומענדלעכער און אומטיילבאַרער שטח, ווי אויך אַן אומענדלעכע קייט פון סיבות. גאָט האָט די איינגנשאַפט פון אויסגעשפּרייטקייט (התפשטות). עס איז נאַריש גאָט צוצושרייבן עטוואָס אַזוינס, וואָס זאָל סותר זיין די געזעצן פון שכל. עס איז נישטאָ קיין פרייער ווילן, ווייל אַלץ עקזיסטירט לויט אַ פאָראויס־באַשטימטן סדר. גאָטס שאַפן איז נישט קיין אַקט פון פרייען ווילן, מחמת דער שאַפונגס־פּראָצעס דרינגט אַרויס פון זיין וועזן על־פּי הכרח. דעם מענטשן קאָן זיך סוביעקטיוו אויסדאַכטן, אַז ער איז אין זיינע האַנדלונגען פריי, אין דער אמתן איז פאַרהאַן אַן אָביעקטיווער צוואַנג. לוין און שטראָף קאָנען נישט ווערן עטיש געשאַצט, ווייל זיי זענען דעטערמינירטע רעזולטאַטן פון דעטערמינירטע באַדינגונגען. דעם מענטשנס הויפּט־אַספּיראַציע איז די ליבע צו גאָט. גאָט, ליבנדיק דאָס שלימותדיקע אין מענטשן, ליבט דערמיט זיך אַליין, ד. ה., זיין אייגענע פולקאָמענקייט.

IV

רייפע מעטאַפיזיק

לעאָנע עבּרעאָ

איידער מיר טרעטן צו באַהאַנדלען ספּינאָזאַס פילאָזאָפיע, אין וועלכער דער ליבּע-באַגריף שפּילט אַ באַדייטנדע ראָל, לאָמיר נאָך דערמאָנען לעאָנע עבּרעאָס (יהודה אבּרבּנל 1460—1535) „דיאַלאָגי ד׳אַמאָרי" (שמועסן איבּער ליבּע). דאָסדאָזיקע ווערק איז בּמשך פון דורות געווען די ליבּלינגס-לעקטור פון דער געבּילדעטער „אַרישער" וועלט. אין דער הקדמה צו זיין „דאָן קישאָט" זאָגט סערוואַנטעס אָט-וואָס: „Si trataredes de amores con dos onzas que sepais de la lengua toscana topareis con Leon Hebreo, que oshincha las medidas" (אויבּ דו רעדסט וועגן ליבּע, דאַרפסטו מיט דיינע צוויי אונצן קענטעניש פון דער איטאַליענישער שפּראַך איבּערלייענען לעאָנע עבּרעאָס „דיאַלאָגי").

לעאָ עבּרעאָ שטייט אויף דעם שיידוועג פון צוויי קולטורן. ער איז געווען דער לעצטער פילאָזאָף, וואָס שעפּט זיינע געדאַנקען פון אַ יידישן מקור.

אין ספּינאָזאַס אינווענטאַר, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן נאָך זיין טויט, זענען צווישן די 161 פאַרבּליבּענע ביכער אויך געווען עבּרעאָס „דיאַלאָגן". עס איז נישטאָ קיין שום ספק, אַז ספּינאָזאַס קאָנצעפּציע וועגן „אַמאָר דעי אינטעלעקטואַליס" איז אַנטשטאַנען אונטער עבּרעאָס השפּעה.

אין אַלגעמיין איז לעאָנע עבּרעאָ געווען אַ רענעסאַנס-פילאָזאָף. דער רענעסאַנס האָט זיך געוואַקלט צווישן גאָטיק און באַראָק. די גאָטישע געוועלבּן, וואָס ליגן אויף אַ נעץ פון שאַרף-בּויגענדיקע ריפּן, האָבּן איבּערגעהאַלטן בּיזן זעכצנטן יאָרהונדערט. דער בּאַראָק אָבּער — אַלס איבּערבּליִעכץ פון רענעסאַנס — איז אין איטאַליע אויפגעטרעטן ערשט אין דער העלפט זעכצנטן יאָרהונדערט און געדויערט בּיז דער העלפט אַכצנטן יאָרהונדערט. דאָס איז געווען אַ שטרעבּן צו פאָרם-איבּערוווּקס. לעאָנע עבּרעאָ האָט געלעבּט אין אַן איבּערגאַנגס-תּקופה, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט בּאַפרייען פון די איבּערגעבּליבּענע גאָטיק-רעשטלעך, ווערנדיק בּיסלעכווייז אָנגעהויכט מיט בּאַראָק-עלעמענטן. צווישן רענעסאַנס און בּאַראָק איז דאָך פאַרהאַן אַ פּרינציפּיעלע נפקא מינה. דאָס וועלט-געפיל פון רענעסאַנס איז דורכאויס סטאַטיש, עס גייט נישט אַרויס פון גלייכגעוויכט און רו. די בּאַראָק-עמפינדלעכקייט אָבּער איז אינגאַנצן דינאַמיש, זי איז אין כּסדרדיקער בּאַוועגונג. עבּרעאָס וועלט-געפיל איז אַ פאַמעלעכדיקער איבּערגאַנג פון סטאַטיק צו דינאַמיק.

עבּרעאָס ליבּע דרינגט נישט אַרויס פון בּאַזיצן דעם געזוכטן אָבּיעקט; דאָס וואָלט דאָך געווען אַ סטאַטישער צושטאַנד. עבּרעאָס ליבּע בּאַטייט גיכער אַ ליידנשאַפטלעך שטרעבּן זיך צו פאַרייניקן מיט דעם געזוכטן אָבּיעקט און קומט דעריבּער צום אויסדרוק אַלס דינאַמישער אַקט.

אין דער צייט, וואָס בּיי קרשקשן האָט די קאָסמישע ליבּע גיכער אַ סימבּאָלישן בּאַטייט, האָט בּיי עבּרעאָ דער פאַנעראָטיזם אַ וועזנטלעכע חשיבות.[2] זי דרינגט בּעיקר אַרויס פון אַ מעטאָדיש צונויפשמעלצן פלאַטאָס אידעאַליזם מיט עפּיקורס מאַטעריאַליזם. אָבּער אויך עבּרעאָס פילאָזאָפיע איז נישט פריי פון יידישן עלעמענט. ער העלפט זיך צו בּיסלעך אַרויס מיט דעם אַלעגאָריסטישן מעטאָד אין פילאָנישן גייסט.

עבּרעאָ אידענטיפיצירט דעם גאָט-בּאַגריף מיט דער פלאַטאָנישער שיינקייטס-אידעע; גאָט איז דער אורקוואַל פון אַלדאָס שיינס (la prima bellezza). ער שיידט פונאַנדער ב אַ ש יי-

נענדיקע שיינקייט (bello bell'fi-ante) און באַשיינטע שיינקייט (bello bellificato). דאָס וועזן פֿון שיינקייט באַשטייט פֿון גײַסטיקער קוואַליטעט. וואָס רײַנער עס איז די פֿאָרם פֿון אַ קערפּער, אַלץ דערהויבענער איז זײַן שיינקייט. פֿונדעסטוועגן דערהויבט זיך דער מענטש צו דער שיינקייטס־אידעע דורך קערפּערלעכער שיינקייט. ווײַטער ווערט די שיינקייטס־אידעע צונויפֿגעגאָסן מיט חכמה, ד. ה. מיט דעם לאָגאָס.

ליבע באַטײַט בענקשאַפֿט צו שיינקייט און גוטס; מיט דער־דאַזיקער ליבע איז אַדורכגעדרונגען דער גאַנצער קאָסמאָס. עס הערשט אַ ליבע צווישן אַלע קאָסמישע עלעמענטן. שיין דריקט זיך דערוועגן אויס עבּרעאָ: „פּונקט ווי אַ מוטער טוט זיי די ערד אין ליבע געבוירן און שפּײַזן. אויך געוויקסן, גרעזער און ביי־מער פֿילן אַ ליבע צו דער ערד ווי צו אַ מוטער, וואָס האָט זיי געבוירן".

די מענטשלעכע ליבע צייכנט זיך אויס מיט אַ פֿאַרבינדונגס־דראַנג. די העכערע ליבע שטרעבט צו גייסטיקער פֿאַרייניקונג מיט דער געליבטער פּערזאָן. די אמתע עראָטיק אָבער אַנטפּלעקט זיך ערשט אין דער אינטעלעקטועלער גאָט־ליבע.

אין די „דיאַלאָגן", וואָס זענען דורכגעדרונגען מיט פֿלאַ־טאָס פֿילאָזאָפֿיע, שמועסן צווישן זיך פֿילאָן און זאָפֿיאַ; זיי באַ־האַנדלען דאָס ליבע־פּראָבלעם. ליבע איז די אַקס פֿון דער וועלט; זי איז דער באַוועגנדיקער און באַלעבנדיקער יסוד; אַ קאָנקרעטי־קע צוציִונג פֿון די מאַטעריע־און גייסט־טיילכעלעך. אפֿילו דער וועלט־באַשאַף איז אַ ליבשאַפֿטס־אַקט, די ליבע רעגולירט דעם לעבנס־סדר. דער העכסטער אידעאַל איז די ליבע צום באַשעפֿער; דאָס גלוסטן פֿון דער נשמה צום ערשטן מקור איידלט אויס און לײַ־טערט דעם מענטש. גאָט אַנפּלעקט זיך אין חכמה, ליבע און שיינקייט. די ליבע ווערט אידענטיפֿיצירט מיט דערקענטעניש אָדער מיט דעם באַגער צו דערקענען. דער פּסוק: „והאדם ידע את חוה אשתו ותהר ותלד..." באַווײַזט, אַז דער לאָגאָס ווערט אידענטיפֿיצירט מיטן עראָס; וויסן און דערקענען ווערן פֿאַרוואַנדלט אין ליבע.

ספּינאָזאַ

ספּינאָזאַס שטעלונג צום אַריסטאָטעליזם און מיימוניזם איז אַ סך פיינטלעכער, איידער קרשקשס. פּאַקטיש אָפּערירט ספּינאָזאַ מיט אַ טייל מאַטעריאַל, וואָס ער האָט געשעפּט און באַאַרבעט פון דער יידיש־מיטלאַלטערלעכער פילאָזאָפיע. ער מאַכט אָבער דערפון נישט קיין ציגל פאַר זיין פילאָזאָפישן בנין (אַ חוץ רלב״ג און קרשקש), נאָר נוצט עס גיכער אויס אַלס פּאַלעמישן שטאָף, בכדי טיפער צו מאַכן דעם אָפּגרונט, וואָס טיילט אים אָפּ פון דער מיטאָלאָגיש־אַלעגאָריסטישער איינשטעלונג.

ספּינאָזאַס אַלגעמיינער אויסגאַנג איז אַ מאַטעמאַטיש־נאַטורוויסנשאַפטלעכער. ער שטרעבט צו באַנעמען די נאַטור, ווי אַ מאַטעמאַטיש־געזעצמעסיקן צוזאַמענהאַנג. זיין נאַטור־דערקענטעניש באַזירט זיך אויף אַ ווירקלעכקייטס־דערקענטעניש בכלל. שוין אין דערדאָזיקער הנחה קומט צום אויסדרוק דער קלאַסישער „ויתרוצצו״ צווישן אים און דעם אַריסטאָטעליזם. ביי ספּינאָזאַן גייט דער געזעץ־באַגריף פון נאַטור־דערקענטעניש כמעט האַנט ביי האַנט מיט דער פיזישער דערקענטעניש. אין דער צייט, ווען ביי אַריסטאָטעלעסן טרעט אַרויס דער קויזאַליטעט־פּרינציפּ אַלס אַנטוויקלונג פון דינאַמישע פּאָטענצן, גילט ער ביי ספּינאָזאַן, ווי אַ מאַטעמאַטיש־לאָגישע שייכות. אַזוי אַרום ווערט אויך פאַרשטענדלעך אַריסטאָטעלעס׳ טעלעאָלאָגישע סטרוקטור פון וועלט־בילד; די דינאַמישע פאָרמען דאַרפן פאַרווירקלעכן אַ געזעצמעסיקן תכלית. דאַקעגן ספּינאָזאַס קויזאַליטעט איז ריינע לאָגיש־מאַטעמאַטישע נויטווענדיקייט. ספּינאָזאַ האָט פאַרטריבן די דינאַמיק סיי פון דער נאַטור־דערקענטעניש, סיי פון דער מעטאַפיזיק. דער סדר פון זיין פאַלט ביי אים צונויף מיט דעם סדר פון לאָגיש; באַגרייפן.

ספּינאָזאַס עצם האָט די אייגנשאַפט פון דענקען און אויסשפּרייטונג. דידאָזיקע דענקענדיקע אויסגעשפּרייטקייט איז איינציק און אומענדלעך.

דער גאָט־באַגריף איז פריי פון אַ וועלכער עס איז דרויסנדיקייט, ווייל די סובסטאַנץ האָט די סיבה אין זיך גופא (causa sui),

דערבײַ ווירקט זי אָן אויסנווייניקסטן צוואַנג, נאָר אויסשליסלעך לויט די געזעצן, וואָס פליסן אַרויס פון דער נאַטור. די סובסטאַנץ איז די אימאַנענטע אורזאַך פונם „אַל־וויסן. ספינאָזאַ פאַררופט זיך אויף די רייד פון אַפּאָסטאָל פּוילוס: „מיר לעבן, באַוועגן זיך און זענען אין גאָט".

קאַמף מיט דער אַלעגאָריסטיק

איידער ספינאָזאַ פּרוווט אָנווענדן זײַן אייגענעם מעטאָד אין דער ביבל־פאָרשונג רעכנט ער זיך אָפּ אויף אַ גאָר בײַסיקן אופן מיט דעם יידישן אַריסטאָטעליזם, וואָס האָט זיך כּסדר באַמיט אַרײַנצוטײַטשן אין די פּסוקים כּלערליי אַלעגאָריסטיש־געקינצלטע צוטראַכטענישן. זײַן שנאה צום אַריסטאָטעליזם דערגייט אַזוי ווייט, אַז דער מאַיעסטעטיש־רויִקער פילאָזאָף, וועלכער האָט געהאַלטן פון „נישט לאַכן, נישט וויינען, נאָר פאַרשטיין". פאַרלירט מאָמענטנווייז דאָס גלייכגעוויכט און חוזקט אָפּ אויף אַ גאַליקן שטייגער פון א ר י ס ט אָ ט ע ל ע ס ן און זײַן יידישן אויסלייגער — דעם ר מ ב " ם.

אין „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט" רעדט ספינאָזאַ אויספירלעכער וועגן אַריסטאָטעלעסן און דעם רמב"ם.

באַהאַנדלענדיק דעם רמב"מס אייגנאַרטיק אויסטײַטשן אַ געוויסע שטעל אין דער ביבל, דריקט זיך ספינאָזאַ אויס: „...אָבער דאָס איז אַ רעדעריי פון מענטשן, וואָס האָבן זיך אָנגעשטרענגט אַרויסצופּרעסן פון דער ביבל אַריסטאָטעלישע קוואַטשערײַען, ווי אויך אייגענע אײַנבילדונגען, וואָס עס איז אין מײַנע אויגן אויסטערליש לעכערלעך" (1, 19).

באַקעמפנדיק די „סודות", וואָס די כּלערליי אינטערפּרעטאַטאָרן באַמיען זיך אויסצוגעפינען אין די כּתבי הקודש, זאָגט ספינאָזאַ: „אויב מען קוקט זיך צו נענטער צו די געהיימנישן, וואָס זענען מכּלומרשט פאַרהאַן אין תּנ"ך, וועט מען באמת גאָרנישט געפינען אויסער א ר י ס ט אָ ט ע ל ע ס' און פּ ל אַ ט אָ ס אויסטראַכטענישן..." (12, 5).

אַרומרעדנדיק דעם ענין פון געטלעך און נאַטירלעך געזעץ, ווי אויך די מיינונג, אַז אַ באַשטימטער לעבנס־שטייגער ברענגט

דעם מענטשן גליק אָדער אומגליק, ווייזט ספינאָזאַ אָן, אַז דער רמב״ם האַלט פאַרקערט, אַז גליקזעליקייט פליסט אַרויס נאָר פון דער נביאיש אַנטפּלעקטער לערע. „אַזוי דערוועגט זיך אַרויסצוזאָגן דער רמב״ם...״

רעפערירנדיק די פראַגע פון ראַציאָנאַליסטישער קאָמענטירונג, דערמאָנט ספּינאָזאַ: „דער ערשטער צווישן די פאַריזעער, וואָס האָט עפנטלעך אָנערקענט, אַז מען דאַרף דעם תנ״ך צופּאַסן צום שכל, איז געווען דער רמב״ם, וועמענס אָנשויאונג מיר האָבן קריטיש אַנאַליזירט, אין זיבעטן קאַפּיטל און אים צעקלאַפּט דורך אַ סך באַווייזן״ (15, 4).

„צוליב דעם וואָרף איך אָפּ דעמדאָזיקן בליק, ווי אויך דעם רמב״מס אָנשויאונג, און רוק אַרויס אָן אומדערשיטערלעכע טעזע, אַז נישט די טעאָלאָגיע דאַרף באַדינען דעם שכל, און נישט דער שכל — די טעאָלאָגיע; דאָס זענען צוויי באַזונדערע געביטן״ (15, 21).

אין וואָס באַשטייט אייגנטלעך דער ווידעראַנאַנד צווישן רמב״ם און ספּינאָזאַ בנוגע דעם מעטאָדישן צוגאַנג צום צענטראַלווערק פון יידישן וועלט־און לעבנס־באַנעם — דער ביבל? ספּינאָזאַ האַלט, אַז מען דאַרף דעם שכל באַפרייען פון דער טריבער און נעפּלהאַפטער אַלעגאָרישקייט און אַנטשידן אָפּוואַרפן די כלערליי צוטראַכטענישן.

ספּינאָזאַס צוגאַנג צום תנ״ך איז דער זעלביקער, ווי צו דער נאַטור — אַן א י מ אַ נ ע נ ט ע ר. די ביבל מוז דערקלערט ווערן דורך דער ביבל גופא, לויט אירע אינעווייניקסטע געזעצן.

„בכדי די זאַך צו פּאַסן אין קורצע ווערטער, זאָג איך, אַז דער דערקלערונגס־מעטאָד פון תנ״ך אונטערשיידט זיך גאָרנישט פון דעם דערקלערונגס־מעטאָד פון דער נאַטור, וואָס פּאַלט מיט אים אינגאַנצן צונויף. פּונקט ווי דער נאַטור־דערקלערונגס־מעטאָד באַשטייט דער עיקרשט אין דעם, וואָס מען שטעלט צונויף זיין געשיכטע און אויף איר סמך, ווי אויף זיכערע ידיעות, פירן מיר אויס באַשטימונגען פון נאַטירלעכע זאַכן, אַזוי מוז מען אויך,

בכדי אויפצוקלערן דעם תנ"ך, צונויפשטעלן זיין אָביעקטיווע געשיכטע און דורך געזעצמעסיקע מסקנות אַרויספירן פון איר, ווי פון ידיעות און זיכערע יסודות די כוונה פון די מחברים" (7, 7).

„דער אַלגעמיינער כלל פון אויסטייטשן די כתבי הקודש איז דעריבער, אַז מען זאָל דער ביבל נישט צושרייבן קיין שום לערע, וואָס פליסט נישט אַרויס פון איר געשיכטע אויף דעם באַשיינפערלעכסטן שטייגער" (7, 14).

ספינאָזאַס מעטאָד פאַרלאַנגט אַ גרינטלעכע שפּראַך־און סטיל־אויספאָרשונג פון תנ"ך, נישט רעכענען זיך מיט דער קבלה פון די רבנים, וועלכע איז במשך פון דער צייט געפעלשט געוואָרן, אויסמיידן די אַלעגאָריסטישע חקירות און נישט אַריינטייטשן קיין שום מיסטישע טונקלקייטן. צו פאַרשטיין דעם זין פון דער ביבל, דאַרף מען נישט האָבן קיין ספּעציעלע סיעתא דשמיא; עס איז גענוג דער נאַטירלעכער שכל, ווייל אין תוך רעדט זיך דאָרט וועגן נאַטירלעכע ערדישע זאַכן, און עס קומט דאָרט צום אויסדרוק דעם מענטשנס שטרעבן צו אַ רויִק, גליקלעך לעבן אויף דער וועלט.

אויף דעם פונקט אַנטשטייט די הויפּט־התנגדות צווישן ספּינאָזאַן און דעם רמב"ם.

לאָמיר לאָזן רעדן ספּינאָזאַן אַליין:

„אַ גאָר באַזונדערן בליק האָט דערויף דער רמב"ם. לויט זיין מיינונג דערלאָזט יעדע שטעל אין דער ביבל פאַרשיידענע, אפילו סתירותדיקע אויסטייטשונגען, און ערשט דעמאָלט קאָנען מיר האָבן אַ זיכערקייט בנוגע דער וואָרהאַפטיקייט פון איינעם פון זיי, ווען מיר ווייסן, אַז אַ באַשטימטע שטעל אין אונזער פאָרטראַג אַנטהאַלט נישט קיין שום זאַך, וואָס זאָל נישט זיין אין הסכם מיטן שכל, אָדער זאָל זיך אים אַנטקעגנשטעלן. ווען עס וואָלט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אַ וועלכע כ'איז שטעל בלייבט לויט איר ווערטלעכן אינהאַלט אין ווידערשפּרוך צום שכל, מעג עס זיך אויסווייזן צו זיין ווי קלאָר, ווערט עס מוזן ווערן אַנדערש אויסגעטייטשט. אַזוי דערקלערט דער רמב"ם גאַנץ בולט

אין „מורה נבוכים", קאַפּ. 2 25 אין פאָלגנדע ווערטער:

„זיי וויסן וועגן דעם, אַז איך האַלט זיך אָפּ פון באַהויפּטן, אַז די וועלט איז אַ קדמון נישט מחמת דעם טעקסט פון די כתבי הקודש, ווו עס רעדט זיך, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן. וואָרים שטעלן אין דער ביבל וועגן דער וועלט-באַשאַפונג זענען נישט פאַרהאַן מער פון אַזעלכע, וואָס זענען גאָט מיחס קערפּער. דער צוטריט צו דערקלערן די שטעלן, וואָס מיר געפינען אין דער פראַגע פון בריאת העולם, איז פאַר אונז נישט פאַרמאַכט און נישט פאַרצוימט. מיר וואָלטן זי דעריבער געקאָנט דערקלערן אַזוי, ווי מיר האָבן עס געטון ביים באַזייטיקן די מאַטעריעלישקייט פון דער גאָט-אידעע. עס וואָלט אונז אפשר אָנגעקומען לייכטער און מיר וואָלטן דידאָזיקע ערטער געקאָנט גרינגער אויפקלערן, בכדי פעסטצושטעלן די אייביקייט פון דער וועלט, איידער עס איז אונז אָנגעקומען ביים באַזייטיקן גאָטס מאַטעריעלישקייט. אויב איך טו דאָס דאָך נישט און גלויב נישט דערין (ד. ה., אַז די וועלט איז אייביק), האָב איך דערצו צוויי טעמים. ערשטנס, ווייל עס איז באַוויזן געוואָרן אויף אַ קלאָרן אופן, אַז גאָט איז נישט מאַטעריעל, מהאי טעמא איז נויטיק אויפצוקלערן דידאָזיקע שטעלן, וואָס זייער וואָרטלעכער אינהאַלט ווידערשפּרעכט דעם באַוויז, ווייל זיי דערלאָזן, מסתמא, על פּי נויטווענדיקייט, אַן אַנדערן אינהאַלט (אַ חוץ דעם ווערטלעכן). עס איז אָבער נישט פאַרהאַן קיין שום באַוויז פאַר קדמות העולם, עס איז דעריבער נישט נויטיק צוצושפּיצן די כתבי הקודש און אויפקלערן די געהעריקע שטעלן אין הסכּם מיט דער אַנטשטייענדיקער השערה, צוליב וועלכער מיר וואָלטן מסכּים געווען מיט דער קעגנגעזעצטער, ווען עס וואָלט עפּעס ווידער געזאָגט דערפאַר. דער צווייטער טעם איז, אַז דער גלויבן אין אַן אוממאַטעריעלן גאָט איז נישט אין סתירה מיט די תורה-פּרינציפּן... בעת דער גלויבן אין קדמות העולם אין אַריסטאָטעלעס' זין, רייסט כמעט אַרונטער דעם יסוד פון דער תורה" א. אַ. וו.

„אָט דאָס זענען דעם רמב״ם ווערטער, פון וועלכע עס דרינגט אַרויס ווי אַמזיכערסטן דאָס, וואָס כ'האָב אויבן געזאָגט. קוים וואָלט פאָרויס געווען זיכער על-פי-שכל, אַז די וועלט איז אַ קדמון, וואָלט ער זיך נישט געוואַקלט אויס צודרייען און צוצושפּיצן די פסוקים אַזוי לאַנג, ביז זיי וואָלטן אויבנאויפיק נישט געלערנט דאָס זעלביקע; ער וואָלט אפילו באַלד געווען זיכער, אַז די כוונה פון דער תורה איז טאַקע צו לערנען וועגן דער וועלט-אייביקייט, הגם אומעטום רעדט זיך דערוועגן גאַנץ אַנדערש (7, — 75, 76, 77)״.
ספינאָזאַן איז שטאַרק דערווידער דער אומגעראָטענער שידוך צווישן טעאָלאָגיע און פילאָזאָפיע. מען קען נישט בויען קיין פילאָזאָפיש סיסטעם אויף די מיטאָלאָגישע ספורי חומש, אפילו, ווען מען לאָזט זיי אַדורך דעם אַלעגאָריסטישן פילטער. חוץ דעם איז דער אַלעגאָריסטישער פילטער שעדלעך, ווייל ער פאַרקרימט דאָס גלייכע; פאָרשריפטן, וועלכע זענען באַשטימט פאַרן רעאַלן לעבן, דאַרף מען באַנעמען רעאַל לויט דעם נאַטירלעכן ליכט (לומען נאַטוראַלע), וואָס דרינגט אַרויס פון זייער עצם.

אַזוי אַרום פאַרענדיקט ספינאָזאַ מיט דעם במשך פון צענדליקער דורות געפלעגטן אַלעגאָריסטישן מעטאָד, בכדי צו שניידן אַ ברייטן וועג צו דעם ריין-מעטאַפיזישן מעטאָד. זיין פאָרויסלויפער איז געווען דער סאַראַגאָסער רב קרשקש, וועלכער איז אויף דעם געביט אין דער יידישער פילאָזאָפיע געווען אַ פיאָנער. ביי ספינאָזאַן איז עס אָבער אין אַ ברייטן פאַרנעם דערגאַנגען צו מייסטערהאַפטיקער פרעציזקייט.
אָט זענען די הויפּט-פאַזן פון זיין געדאַנקען-גאַנג:

טעאָלאָגיע

ספינאָזאַ באַגרינדעט זיין גאָט-באַגריף אַלס „קאַוזאַ אימאַנענס״; עס איז נישט פאַרהאַן קיין שום וועלט-„דרויסן״, קיין שום „הינטערן פלויט״. ממילא איז קלאָר, אַז אין ספינאָזאַס סיסטעם איז נישט פאַרהאַן קיין פּלאַץ פאַר קיין גלויבן אין איבערנאַטירלעכקייטן.
ספינאָזאַ האַלט די דאָגמאַטישע רעליגיע פאַר אַן אויסדרוק

פון מענטשנס אָנמאַכט און הילפלאָזיקייט. בשעת אומגליק און נויט האָבן די גרויע פאָלקס-מאַסן תמיד געזוכט טרייסט אין דעם איבערנאַטירלעכן גלויבן. די טעאָלאָגן האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון פון דאָזיקן אומשטאַנד און, אונטער דעם אויטאָריטאַטיוון מאַנטל פון מכּלומרשט געטלעכן געזעץ, באַמיט זיך אויסצונוצן די אומגליקלעכע לאַגע פון די פאָלקס-מאַסן. עס מוז אָבער איינגעשטעלט ווערן אַ שטרענגע גרענעץ צווישן טעאָלאָגיע און פילאָזאָפיע. די טעאָלאָגיע, שטיצנדיק זיך אויפן אויסנווייניקסטן קולט, האָט פאַרקריפּלט דאָס וועזן פון געטלעכן געזעץ. זי האָט אויסגענוצט מענטשלעכע שוואַכקייטן, פאַרשפּרייט פאַרשיידענע אַבערגלויבנס און אַזוי אַרום געצוווּנגען בוקן זיך צו גאָט, אָבער נישט צו פאַרערונג.

אין איין רגע גיט אַ בליק אויף אַן אַלעגאָריסטישער מאָמענט און פאַרשווינדט תּיכּף. די נביאים האָבן געשאַפן געזעצן מכּלומרשט אין גאָטס נאָמען, פאָרשטעלנדיק כּביכול אַלס מנהיג, מחוקק און באַרמהאַרציקן קיניג. אין דער אמתן אָבער, — האַלט ספּינאָזאַ, — זענען דאָס בלויז אייגנשאַפטן פון דער געטלעכער נאַטור. מען טאָר דעריבער נישט פאַרשטיין דעם ביבל-טעקסט לויט זיין געטריי-ווערטלעכער באַדייטונג, נאָר שטענדיק געדענקען, אַז די מחברים האָבן זיך באַמיט זייערע אויסדריקן צוצופּאַסן צום המונס דענקונגס-אַרט. קוים וועט זיך אָבער דער פאַרנונפטיקער לייענער באַפרייען פון דעם באַרג צוגעטראַכטע „הוספות" וועט ער באַשיינפּערלעך איינזען, אַז אפילו די ביבל אַליין רעקאָמענדירט נאַטירלעך ליכט.

בנוגע דעם אָפּשאַצן די ראָל פון די נביאים איז פאַראַן אַ חעזנטלעכער חילוק צווישן דעם רמב"ם און ספּינאָזאַ. ספּינאָזאַ האַלט נישט די נביאים פאַר קיין דענקער און פילאָזאָפן: נבואה איז אַ רעזולטאַט פון אַ רייכער פאַנטאַזיע. לויט דעם רמב"ם כאַראַקטעריזירן די נבואה דריי גרונט-אייגנשאַפטן: 1) שלימות פון דענקען, 2) שלימות פון פאַנטאַזיע און 3) שלימות פון מאָראַל. ספּינאָזאַ דאַקעגן אָנערקענט נאָר צוויי אייגנשאַפטן: שלימות פון פאַנטאַזיע און שלימות פון מאָראַל. „דער נביא איז געווען אַ מאַן פון גערעכטיקייט. דאָס געמיט פון די נביאים איז אויסשליסלעך

געוועגדס צו גערעכטיקייט און גוטס". ספינאָזאַ האָט פון דער נבואה אינגאַנצן עלימינירט דעם שכל־מאָמענט.

ספינאָזאַ באַקעמפט שאַרף דעם רמב"מס אַלגעמיינעם בליק אויף דער נבואה און בעיקר צעקלאַפט ער די טעזע, אַז אַלע נביאים זאָלן מכלומרשט האָבן אַ געמיינזאַמע וועלט־אָנשויאונג. מען טאָר נישט ביי די נביאים זוכן קיין גייסט־און נאַטור־דער־קענטעניש, מיר זענען גאָרנישט מחויב זיי צו גלויבן, ווען זיי רעדן וועגן ענינים, וואָס זענען מסיג־גבול זייער אייגנטלעכן מאָ־ראַליזאַטאָרישן צוועק. „...חוץ דעם איז יעדן דערלויבט צו גלויבן אין אַלעם, וואָס אים געפעלט".

די נביאים האָבן אַ סך מאָל אויסטערליש אינטערפּרעטירט דעם ביבל־טעקסט, ווייל זיי האָבן אים געוואָלט צופּאַסן צו זייערע אָנשויאונגען. און דאָ זאָגט ספינאָזאַ ,זיך בייסיק אַרויס קעגן די כלערליי אַלעגאָריסטישע' און אפילו סימבאָלישע אויסטייטשונגען. אויב אויף צו פאַרשטיין די כתבי הקודש איז דורכאויס נויטיק אַ פילאָזאָפישער אויסלייג, קומט דאָך אויס, אַז דער אומגעבילדעטער המון מוז בלינד גלויבן די פילאָזאָפישע בר־סמכאס אין זייער ביבל־אויסטייטשונג. „דאָס וואָלט געווען אַ נייער קירכלעכער אויטאָריטעט, אַ נייער מין פּריסטערטום אָדער פּויפּסטום, וועלכן דער המון־עם וועט גיכער אויסלאַכן, איידער שעצן".

דערקענטעניש־קוואַל ספינאָזאַ שיידט פונאַנדער דריי דערקענטעניש־שטאַפּלען: פ אָ ר ש טע ל ו נ ג (אימאַגינאַציאָ) אַלס אומאַדעקוואַטע דערקענטעניש, וואָס שטיצט זיך אויף די חושים, דער שכל איז דעמאָלט פּאַסיוו; ש כ ל (ראַציאָ) ד. ה. — ספּע־קולאַטיוו דענקען דורך באַגריפן און לאָגישע פאָרמולעס, דער פאַר־שטאַנד איז דעמאָלט דורכאויס אַקטיוו און די דערקענטעניש איז אַן אַדעקוואַטע; דער העכסטער שטאַפּל — א י נ ט ו א י צ י ע (קאָגניציאָ אינטואיטיוואַ). דאָס איז — אוממיטלבאַר (ד. ה. אומ־חושימדיקער דערפאַרונג, אָן באַווייזן און אָן לאָגיק) דערקענען גאָטס עצם דורך זיינע אַטריבוטן און אַרויספירן די זאַכן־וועזנהייט פון גאָטס וועזן. די אינטואיציע באַזייטיקט פון די זאַכן זייער צופעליקייט און באַקומט פון זיי אַרויס דעם אייביקייטס־עלעמענט.

די אינטואיציע טרעט אַרויס־אַלס אינעווייניקסט גייסטיק באַזעען, וואָס דרינגט אַריין אינם מהות פון וועלטאַל.

דעם מענטשן איז געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו דער־קענען בלויז צוויי גאָטס אַטריבוטן: אויסגעשפּרייטקייט און דענ־קען, וועלכע בילדן צוויי פאָרמען פון זיין. דאָס איז פּסיכאָ־פיזישער מאָניזם, וועלכער איז נישט גענעטיש, נאָר סינטעטיש.

טעלעאָלאָגיע

צי האָט די נאַטור אַ תּכלית? וואָס איז דער ענד־צוועק פון דער וועלט? ספּינאָזאַ ענטפערט דערויף נעגאַטיוו. די תּכלית־קאָנצעפּציע האַלט ספּינאָזאַ פאַר פאָראורטייל און אַבערגלויבן („...פּרעיודיציום אין סופּערסטיציאָנעם ווערסום עסט...”). דער פאָראורטייל באַשטייט אין דעם גלויבן, אַז גאָט פירט מיט אַלעם אָן לויט אַ באַשטימטן ציל. על פּי טעאָלאָגיע קומט אויס, אַז גאָט האָט באַשאַפן אַלץ פאַר דעם מענטשנס וועגן, בכדי ער זאָל אים פאַרערן. דאָס שטאַמט אייגנטלעך פון נישט קענען די סיבות פון זאַכן. דער מענטש זוכט כּסדר מיטלען, אַרויס־צובאַקומען וואָס מער נוצן, נישט וויסנדיק אָבער דעם אָפּשטאַם פון דידאָזיקע מיטלען, הויבט ער אָן צו גלויבן, אַז עמעץ אַן אַנ־דערער האָט זיי פאָרגעברייט מיט דער בפירושער כּוונה, אַז דער מענטש זאָל דערפון ציען נוצן. „מען דאַרף אָבער נישט קיין סך, בכדי צו באַווייזן, אַז די נאַטור האָט זיך נישט פאָרגענומען קיין שום ציל און אַלע ענד־אורזאַכן זענען בסך־הכּל מענטשלעכע איינ־בילדונג”.

די צוועקמעסיקייט־לערע נעמט צו ביי גאָט זיין שלימות. קוים שטרעבט גאָט צו דערגרייכן אַ וועלכן ס׳איז ציל, הייסט עס, אַז ער בענקט און האָפט נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס עס פעלט אים דערוויל. מיר געדענקען אָבער דעם פונפצנטן לער־זאַץ (ערשטער טייל), וועלכער זאָגט: „אַלץ, וואָס איז, איז אין גאָט, און אָן גאָט קאָן קיין זאַך נישט זיין און נישט באַגריפן ווערן”.

דאָרט, ווו מענטשן קאָנען זיך נישט דערשלאָגן צו דער סיבה, פירן זיי אַריין אַן איינגעבילדעטן תּכלית.

ספּינאָזאַ האָב באַפרייט די וועלט פונם מענטש און זי דער־

הויבן איבער דער מענטשלעכער תּכליתדיקייט. על כּן — די נאַ־טור ווירקט נישט צוועקמעסיק, ווייל זי איז באַדינגט דורך נויטווענדיקייט. דער גלויבן אין אַ תּכלית איז אַ רעזולטאַט פֿון מענטשלעכן דראַנג, אויסטראַכטעניש און פֿאַנטאַזיע. דער גאַנג פֿון די וועלט־געשעענישן ווייזט אַרויס אַן אומגעהויערע גלייכגילטיקייט לגבּי די מענטשלעך־איינגעבילדעטע צוועקן.

קויזאַליטעט אויף דעם אָרט פֿון צוועקמעסיקייט שטעלט ספּינאָזאַ אַוועק דעם אורזאַכלעכקייטס־פּרינציפּ. אין דער וועלט איז אַלץ אונטערגעוואָרפֿן דעם דעטערמיניזם, וואַרים אַלץ פֿליסט אַרויס פֿון די אומבאַדינגטע נאַטור־געזעצן. אַלע געשעענישן זענען פֿאַרקנופּט מיט אַן אומאיבעררייסלעכער סיבּות־קייט. „זאַכן וואָלטן נישט געקאָנט פֿון גאָט געבראַכט ווערן צו זייער עקזיסטענץ אויף אַן אַנדערן אופֿן אָדער אַן אַנדערן סדר, איידער די, אין וועלכע זיי זענען אין דער ווירקלעכקייט געבראַכט געוואָרן".

ספּינאָזאַ באַטראַכט די נאַטור נישט ווי קיין פּאָטענציעלע, נאָר ווי אַן אַקטועלע. אַזיסטן — וואָלט דאָך דער רצון געמוזט האָבן אַן אורזאַך, וואָס זאָל אים באַשטימען צו עקזיסטירן און ווירקן.

שלעכט מיינען די, וואָס זאָגן, אַז דעטערמיניזם פֿאַרמינערט גאָטס שלימות. גראָד קאַפּויער, אויב אַלץ עקזיסטירט פֿעסט און נויטווענדיק, אומאָפּהענגיק פֿון וועלכע עס איז ענדערונגען און צופֿאַלן, הייסט עס, אַז גאָט איז פֿולקאָם.

דעם מענטשנס גורל ספּינאָזאַ שאַצט נישט דאָס לעבן, נאָר שילדערט אָביעקטיוו די ראָל פֿונם מענטשנס עקזיסטענץ. דער מענטש מיט זיינע עמאָציעס און אַפֿעקטן איז נישט קיין אויסנאַם אין דער נאַטור, ער איז אינגאַנצן אונטערגעוואָרפֿן די אַלגעמיינע נאַטור־געזעצן. דער מענטש איז נישט אָפּגעזונדערט און בילדעט נישט קיין אייגענע מלוכה אין דער וועלט־מלוכה. דער מענטש אַלס מאָדוס איז צוגלייך פֿאַרבונדן מיט דער אומענדלעכער אויס־געשפּרייטקייט און אומענדלעכער גייסטיקייט און דערפֿאַר קומט אין אים אַלץ פֿאָר מעכאַניסטיש. די נאַטור־געזעצן זענען צוגלייך דעם מענטשנס געזעצן. יעדער קעגנשטאַנד ווערט באַוויגן דורך אַן

אויסנווייניקסטן דראַנג און ווערט אויך שפּעטער פאַרניכטעט דורך אַן אויסנווייניקסטן דראַנג. אויך אין דעם לײדנשאַפטס-געווירבל איז דער מענטש אַ „ספּיריטועלער אויטאָמאַט״.

ווי אַ שפּענדל אויף דעם צעבושעוועטן ים ווערט דער מענטש שטענדיק געשלײדערט און געטריבן דורך די לײדנשאַפטס-כוואַליעס, וועלכע לויפן דורך אומצייליקע קאַנאַלן און טרעפן זיך ענדלעך צונויף אין צוויי גרונט-געפילן — „לעטיציאַ״ (פרייד) און „טריסטיציאַ״ (טרויער). דער מענטש מוז זיך אַליין דערפירן צום מצב פון פולשטענדיקער לײדנשאַפטסלאָזיקייט, ממילא וועלן פאַרשווינדן אַלע מניעות, וואָס ליגן אויף דעם וועג צו אַבסאָלוטער אינעווייניקסטער האַרמאָניע.

אין ים פון דעטערמיניזם האָט פונדעסטוועגן ספּינאָזאַ אויסגעפונען אַ קליינינקע אינזעלע, וואָס פירט צו מענטשלעכער פרייהייט. דאָס איז די מ אַ כ ט פ ו ן פ אַ ר ש ט אַ נ ד , וואָס קאָן באַווייזן אין אַ געוויסער מאָס צו באַהערשן די עמאָציעס און זיי מעסיקן. אין דעם פאַל איז דער חכם מעכטיקער פון דעם פינסטערן מענטש. אַ דאַנק דער דערקענטעניש קאָן דעם מענטשן געלינגען אַרויסצופירן זיינע אַפעקטן פון דעם פּאַסיוון צושטאַנד און, דורכן אויסאַרבעטן דערוועגן זיי אַ קלאָרע און דייטלעכע פאָרשטעלונג, זיי איבערפירן אין אַקטיוון צושטאַנד.

די אינטעלעקטועלע שלימות זאָל דעם מענטשן געבן פרייהייט ; דער מענטש דאַרף פאָלגן זיין אינעווייניקסטע פאַרנונפטשטים און אַזוי אַרום אינגאַנצן באַפרייט ווערן פון אויסנווייניקסטן צוואַנג. די מענטשלעכע פרייהייט באַשטייט פון אויסשליסלעכן אונטערוואַרפן זיך די געזעצן פון אייגענעם גייסט און, בזה האופן, אַליין באַדינגען די אייגענע טאַטן. דער מענטש פאַרבינדט זיין גאָט-אידעע מיט דעם גליקזעליקייט-אידעאַל. ווען ער טרעט אַריין אין דער דריטער סטאַדיע פון דערקענטעניש (פאָטענציאַ אינטואיטיוואַ), הערשט שוין אַ געלייטערטע זעלישע מנוחה. עס פאַרשווינדן אַלע קאָנפליקטן, מענטשן פאַרשטייען זיך שוין און זענען זיך קעגנזייטיק אַלץ מוחל. דעמאָלט באַהערשט דעם מענטש אַ גרויסע לעבנס-פרייד, ווייל דאָס לעבן אין זיך גופא איז גוט.

דאָס איז אַ גלגול פון אַלט־יידישן אָפּטימיזם, „וירא כי טוב״. און גערעכט איז אוודאי דער פאַרביסענער קעגנער פון יידיש־אָפּטימיסטישן וועלט־באַנעם, דער טריבער פּעסימיסט אַרטור שאָפּענהויער, ווען ער וואַרפט פאָר ספּינאָזאַן, אַז זיין אָפּטימיזם איז צו ביבליש, אַז ער אַנטציקט זיך צופיל מיט דער וועלט, ער פאַרטרייבט די טויט־שאָטנס און דענקט כסדר נאָר וועגן לעבן. „דער פרייער מענטש, ד. ה. דער, וואָס לעבט לויט דער אָנווייזונג פון שכל, ווערט קיינמאָל נישט געפירט דורך קיין טויט־שרעק, נאָר באַקוועמט אוממיטלבאַר דאָס גוטע״ („עטיק״, 4, פּראָפּאָז. 67). נאָך מער דערמאָנט ער עס אין די ווערטער פון „דברים״: „...החיים והמות נתתי לפניך, הברכה והקללה, ובחרת בחיים״. דער העכערער אינסטינקט זאָגט דעם בעל־שכל שטענדיק אונטער אויסצוקלייבן דאָס לעבן, ווייל ס'איז אין תוך גוט און אויסצומיידן דעם טויט, וועלכער איז אין תוך שלעכט.

גייסט־אייביקייט

דער מענטש, זוכנדיק אַן אייביקייטס־אָנהאַלט אין לעבן, באַמיט זיך צו דערקענען זיך גופא און זיינע עמאָציעס. וואָס מער ער דערקענט זי, אַלץ מער שטאַרקט זיך זיין גייסטיקע ליבע צו גאָט. דידאָזיקע ליבע, וואָס הויבט אָן צו פאַרנעמען דער אויבנאָן אין גייסט, קאָן זיך קיינמאָל נישט פאַרוואַנדלען אין קיין שנאה און איך נישט באַפלעקט ווערן דורך עמאָציעס פון קנאה. די ליבע צו גאָט איז דאָס העכסטע גוטס, וואָס דער מענטש קאָן דערגרייכן אונטער דער אָנפירערשאַפט פון שכל.

ספּינאָזאַס טערמין amor dei intellectualis דערמאָנט שטאַרק לעאָנע עבּרעאָס טערמין amare intellectuale di Dio. אָבער אַ גיכע אידענטיפיצירונג קאָן לייכט פאַרפירן. עס איז דעריבער נויטיק אונטערצושטרייכן, אַז ביי עבּרעאָ איז די אינטעלעקטועלע ליבע צו גאָט מסוגל צו געבן דעם מענטש אינטואיטיווע דערקענטעניש, אין דער צייט, וואָס ביי ספּינאָזאָ גילט גאָר די דערקענטעניש אַלס מקור פון ליבע (אין דעם פּרט דערנענטערט זיך ספּינאָזאָ צום רמב״ם). חוץ לזה איז ספּינאָזאָ מחולק מיט עבּרעאָ אין דעם, וואָס ביי עבּרעאָ ווערט — אַ דאַנק דער אינטעלעקטועלער ליבע — רעאַליזירט דאָס פאַראייניקן דעם מענטש מיט גאָט,

אין דער צייט, וואס ביי ספינאזא איז די אינטעלעקטועלע ליבע נאר ביכולת אויפצוקלערן די שוין עקזיסטירנדיקע איינהייט.

צום סוף איז נאך כדאי אנצומערקן, אז ביי עברעא האט די הימלישע ליבע א ריין טראנסצענדענטן כאראק- טער, און ביי ספינאזא — אין איינקלאנג מיט זיין גאנצן סיסטעם — איז די אינטעלעקטועלע ליבע א דורכאויס אימאנענטע.

דורך דער אינטואיציע, וואס פאלגט פון אינטעלעקטועלער הכרה און איז העכסטער דערקענטעניש-שטאפל, איז דער מענטש ביכולת צו באנעמען זאכן אונטער דער פארם פון אייביקייט.

וואס בלייבט אבער שליסלעך פון מענטשלעכן גייסט? — דערויף ענטפערט ספינאזא: „דער מענטשלעכער גייסט קאן נישט אבסאלוט פארניכטעט ווערן מיט דעם קערפער, נאר עס בלייבט עפעס פון אים, וואס איז אייביק". אזוי ארום האט דער דערקענענדיקער מענטש, וואס אונטערליגט ווינציקער די עמאציעס, קנאפ-וואס מורא פאר דעם טויט.

מעטאפיזישע רעליגיעזיטעט דער פועל-יוצא דערפון איז, אז אין מעטאפיזישן זין איז ספינאזא געווען א טיף-רעליגיעזע נאטור. ווער האט נאך אזוי ווי ער געפייבערט פון בענקשאפט נאך גאט? ער הויבט אן זיין „עטיק" מיט גאט און ענדיקט מיט אן אנווייזונג פאר דעם פרייען מענטשן, ווי אזוי צו דערגרייכן דאס דערהויבע- נע און זעלטענע. אין צענטער פון זיינע גייסטיקע שטרעבונגען שטייט דער באגער צו לעזן דאס גרויסע וועלט-און לעבנס-רעטע- ניש. רענאן האט, אנווייזנדיק אויף ספינאזאס בוידעם-שטיבל אין האאג, ווו דער גרויסער בודד האט אויסגעפערטיקט זיין „עטיק", זיך אויסגעדריקט: „...c'est d'ici peut-étre que Dieu a été vu de plus prés". (פון דאזיקן ארט האט מען אמנאענטסטן גע- זען גאט). אלס איי־ניקל פון די אנוסים איז זיין בלוט-גורל געווען, זיך אליין צו זוכן א רעליגיע. זיין פילאזאפיע איז טאקע דורכגע- דרונגען מיט אינטעלעקטועלן עראס. דער ריטם פון דער „עטיק" אנטפלעקט דאס לעבנס-געפיל פון דער רענעסאנס-תקופה. קארל

געבהאָרדט מיינט אפילו, אַז די קאַטעגאָריעס פון דער רעמבראַנדטישער קונסט זענען די זעלביקע, ווי ספינאָזאַס פילאָזאָפישע קאַטעגאָריעס. אין זיי דערשיינט די באַראָק-אומענדלעכקייט. ספינאָזאַס פאַרקערן מיט די קאָלעגיאַנטן באַדייט אַ צונויפטרעף פון דעם באַראָק-פילאָזאָף מיט אַ וועזנטלעכער רעליגיעזער פאָרם פון דעם זעלביקן באַראָק.

די טראַנסצענדענטע רעליגיע איז פאַרבונדן מיט התגלות דורך פאַרמיטלונג פון נביאים און דערפאַר איז איר שווער זיך אַרויסצופלאָנטערן פונם מיטאָס-געוועב. דער אימאַנענטער גאָט אָבער שטייגט אין אונז גופא דורך אינעווייניקסטן אַריינבליק — דורך *אינטואיציע*. *אַנטפּלעקונג* איז דער קענצייכן פון *טראַנסצענדענץ*; *אינטואיציע* — דער סימן מובהק פון *אימאַנענץ*.

דער „גאָט-פאַרשיכורטער" פילאָזאָף האָט פאַר זיין גאָט-באַצייכנונג געשאַפן אַ טעטראַגראַמאַטאָן פון: *נאַטור*, *אמת*, *טוגנד* און *ליבע*.

דעאוס סיווע נאַטוראַ (גאָט אָדער נאַטור) מיינט נישט בלויז די געזעענע וועלט, נאָר דעם גאַנצן אומפאַנג פון דער הויה. ספינאָזאַ האָט די וועלט אויפגעהויבן אין גאָט, וואָס איז די אימאַנענטע סיבה פון אַלצדאָס עקזיסטירנדיקע. ער איז אחד יחיד ומיוחד — *איין אין אַלץ*. גאָט איז דאָס אוממיטלבאַר-געוויסע. דעם מענטשנס דערקענטעניש-מעגלעכקייט פון גאָטס עקזיסטענץ-פולקייט גלייכט זיך ווי צוויי צום אומענדלעכן. די אומענדלעכע אַטריבוטן, וואָס זענען אונז נישט באַקאַנט, באַצייכענען לגבי די צוויי באַקאַנטע אַטריבוטן אַ גרענעץ-שטריך פאַר דעם מענטשנס הכרה. אין די טראַנסצענדענטע רעליגיעס רעדט זיך תמיד וועגן דער ווערטלאָזיקייט פון דער ערדישער וועלט, זי איז אַ טפל אַקעגן דער אויסגעטרוימטער. דער גלויביקער לעכצט דעריבער, זיך פון איר צו באַפרייען און זיך צו באַהעפטן מיט אַן אַנדערער וועלט, אַ שענערער — אין דעם זאָל באַשטיין זיין אייגנטלעכע *דערלייזונג*. ספינאָזאַס רעליגיעזישקייט דאַקעגן שטרעבט צו דערקענען די איינהייט פון גאָט און נאַטור. זי זוכט

נישט קיין דערלייזונג; זי וויל איינשטעלן האַרמאָנישע באַציִונג צווישן מיקראָקאָסמאָס און מאַקראָקאָסמאָס. פון דערדאָזיקער האַרמאָניע שײַלט זיך אויס די אַקטיווע רעזיגנאַציע.

דעאוס סיווע וועריטאַס (גאָט אָדער אמת) — ספינאָזאַס אידעען זענען נישט קיין דענק־אַרטן פון קיין טראַכטנדיקן סוביעקט, נאָר מעטאַפיזישע רעאַליטעטן, וואָס זענען אומאָפּהענגיק פון דער צייט, ממילא זענען זיי אייביקע אמתן. די אימאַנענץ פון לאָגאָס דערפירט בײַ ספינאָזאַן צו דער אימאַנענץ פון וואָרהייטס־באַגריף. דער אמת באַשטייט אין דער אוממיטלבאַרער געוויסהייט. מהאי טעמא גילט פאַר ספינאָזאַן די מאַטעמאַטיק אַלס גרונט־וויסנשאַפט. זי טרעט נישט אַריין אין די קעגנשטאַנדן פון דרויסן, בכדי דורך זיי צו ווערן באַלערנט, נאָר אַנטוויקלט איר באַגריפס־וועלט פון אינעווייניק. מאַטעמאַטיק איז די וויסנשאַפט פון דער אימאַנענץ.

גאָט איז די פיזישע אידענטיטעט פון דענקען און אויסשפּרייטונג; אין יעדן דערקענטעניש־פּראָצעס איז דער מענטש פאַראייניקט מיט דער גאָטהייט — **גאָט איז דער אמת.**

דעאוס סיווע ווירטוס (גאָט אָדער טוגנד) — די אימאַנענטע פילאָזאָפיע איז זיך „סומך אויף אויטאָנאָמער מאָראַל, ווײַל זי איז פאַרבונדן מיט דעם אינעווייניקסטן פרייהייטס־באַגריף. אין דער צייט, ווען דער טראַנסצענדענטיזם נעמט אָן גאָט אַלס אינעווייניקסטע זיטלעכקייטס־פאָרם און מאַכט אַזוי אַרום די עטיק העטערענאָם, אָנערקענט די אימאַנענץ דעם מענטש אַלס פאַראייניקט מיט דעם נאַטור־מלכות. די גאָט־באַגרינדעטע נאַטור־איינהייט באַשטייט, אַז עס הערשט אין אַלעם אַ גלײַכע געזעצמעסיקייט.

דער מענטש שטרעבט אינטעלעקטועל זיך באַוווּסט צו מאַכן דעם מהות פון די אַפעקטן. אַן אַפעקט הערט אויף צו זײַן לײַדנשאַפט, ווי נאָר מיר האָבן באַוויזן אים צו פאַרוואַנדלען אין אַ קלאָרער אידעע, ד. ה. אין אַ באַוווּסטזײַנס־אַקט. דער מענטש איז דעמאָלט פרײַ, ווײַל פרײַהייט הייסט נישט זײַן אונטערגעוואָרפן קיין אויסנווייניקסטן צוואַנג, נאָר ווירקן בהסכם מיט די אינעווייניקסטע

געזעצן. דער מענטש איז עטיש נישט דערפאַר, וואָס ער פאָלגט אויסנווייניקסטע געבאָטן, נאָר דערפאַר, וואָס ער האַנדלט לויט דער אינעווייניקסטער געזעץ-באַשטימונג. דורך דערקענטעניש איז דער מענטש גובר די ליידנשאַפטן און האַנדלט זיטלעך... „...ק יי נ ע ר פ ר יי ט ז י ך נ י ש ט מ י ט ג ל י ק ז ע ל י ק יי ט, מ ח מ ת ע ר ק אָ נ ט ר אָ ל י ר ט ז יי נ ע ת א ו ו ת, נ אָ ר פ אַ ר־ ק ע ר ט. ד י מ אַ כ ט צ ו ק אָ נ ט ר אָ ל י ר ן ז יי נ ע ת א ו ו ת אַ נ ט ש ט יי ט פ ו ן ד ע ר ד אָ ז י ק ע ר ג ל י ק־ ז ע ל י ק יי ט ג ו פ א".

דערדאָזיקער וועג איז ווייט נישט קיין לייכטער, ער פאָדערט שווערע זעלבסט-ראַנגלעניש, אָבער אַזעלכער איז דער וועג, וואָס פירט צו דער אמתער נשמה־רו. אויב דער מענטש לעכצט זיך צונויפצוגיסן מיט דער אַלוועלט־אייביקייט, מיט דעם נאַטור־און אמת-גאָט, מוז ער דידאָזיקע ראַנגלענישן און לייטערונג אַדורכמאַכן, ווייל השארת־הנפש איז נישט קיין פאַרטיק־עקזיסטירנדיקע זאַך, זי איז נישט ג ע ג ע ב ן, נאָר גיכער א ו י פ ג ע־ ג ע ב ן. דער פאַסיוויזם איז אומזיטלעך, די אמתע טוגנד פליסט אַרויס פון אַ ק ט י ו ו י ט ע ט. בפרט, אַז די גליקזעליקייט איז נישט דער שכר פון דער טוגנד, נאָר די טוגנד גופא.

דידאָזיקע דערהויבענע פאָרשטעלונג וועגן טוגנד אַן און פאַר זיך, אָן וועלכער עס איז אויסנווייניקסטער באַלוינונג, שטעלט אַוועק אין מיטלפונקט פון זעלישן לעבן אַבסאָלוט-ריינע מאָראַל לשם מאָראַל. די באַלוינונג פאַר גוטס איז דאָס גוטע אַליין: די שטראָף פאַרן שלעכטס — איז דאָס שלעכטע גופא. דאָסדאָזיקע דערמאָנט די ווערטער פון בן־עזאי: „שכר מצוה — מצוה, ושכר עברה – עברה".

ד ע א ו ס ס י ו ו ע אַ מ אָ ר (גאָט אָדער ליבע). די העכסטע אויפגאַבע פון אַ מעטאַפיזישער רעליגיע איז צו פאַרבינדן דעם מענטש מיט גאָט דורך הכרה, דערקענען (וואָס הייסט אויך האַנדלען) פאַרשאַפט דעם מענטשן פרייד, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אין ליבע צו דעם דערקענטן, ד. ה. צו גאָט, וואָס איז אין אַלע־

מען. פון דער גאָט-ליבע שיילט זיך אַרויס די מענטשן-ליבע: אַן איינהייטס-געפיל, וואָס פאַראייניקט דעם מענטשן-גייסט מיט דער נאַטור צוליב דעם שעפערישן, וואָס וואָרצלט אין מענטש. דער עראָס איז אויך אַן אימאַנענטער. די ליבע, מיט וועלכער מיר ליבן גאָט, איז די זעלביקע, מיט וועלכער גאָט ליבט זיך אַליין.

היוצא מדברינו: ספינאָזאַס פילאָזאָפיע קען נאָר אַזאַ רעליגיע, וואָס באַשטייט אין דערקענענדיקער ליבע צו גאָט, וועלכער איז נאַטור, אמת, טוגנד און ליבע. זיין מאָראַל באַשטייט אין איבערגעוועלטיקן די ליידנשאַפטן דורך דער אַקטיוויטעט פון דערקענענדיקן שכל. ממילא קאָן דאָ לחלוטין נישט זיין קיין רייד פון אַ וועלכער עס איז מיטאָלאָגישער, ד. ה. פאָלקס-רעליגיע. יעדע פרום-בלינדע געהאָרכזאַמקייט אָדער אונטערטעניקייטס-פחד מוז דאָ אומבאַדינגט אויסגעשלאָסן ווערן, ווייל דאָס דערנידעריקט די מענטשלעכע ווירדע.

משה מענדעלסאָן מיט ספינאָזאַן איז דערגרייכט געוואָרן דער באַרגשפיץ פון דער מעטאַפיזישער רעליגיעזיטעט. עס וואָלט אפשר דערמיט שוין דער גאַנצער ענין געווען אויסגעשעפט. עס איז אָבער דורכאויס כדאי צו זען, ווי דער פיאָנער פון דער נייצייטיקער יידישער פילאָזאָפיע משה מענדעלסאָן „ווערגט" זיך פשוט מיט ספינאָזאַן, קאָן דעם „האַרטן ביין" בשום אופן נישט אַראָפּשלינגען.

מענדעלסאָן האָט זיך דערצויגן אויף דעם רמב"ם און זיך גייסטיק געצייטיקט אויף דעם ספינאָזיזם. פונדעסטוועגן איז דער באַגרינדער פון דער השכלה-באַוועגונג, וועלכער האָט געגאָלטן פאַר אַ „רעפאָרמער" און פראָפּאַגאַטאָר פון פריי-גייסטיקע טענדענצן, געבליבן לגבי זיי הינטערשטעליק נישט בלויז פילאָזאָפיש, נאָר אפילו אין קולטור-געשיכטלעכן זין. זיין קעגנערשאַפט צו ספי-

נאָזאַן איז ביי אים געוואָרן ממש אַ לעבנס-פראַגע. ווען מענדעל-סאָן איז געוויר געוואָרן, אַז זיין הויז-פריינט לעסינג איז געווען אַ ספינאָזיסט, האָט עס אים געקאָסט אַ סך געזונט.

ער האָט דעם ספינאָזיסטישן פּאַנטעאיזם אַקעגנגעשטעלט זיין אייגענעם „געלייטערטן" פּאַנטעאיזם. לויט ספינאָזאַן איז גאָט די איינציקע סובסטאַנץ, וואָס לאָזט זיך דענקען, דאָס איבעריקע לעבט און וועבט זיך אין גאָט, מחוץ אים איז גאָרנישט פאַרהאַן. גאָט און די וועלט איז איינס און דאָס זעלביקע. איינס איז אַלץ און אַלץ איז איינס. מענדעלסאָן באַטראַכט דאָס פאַר אַ הוילן געדאַנק, ריינעם אידעאַליזם. די אומענדלעכע סובסטאַנץ איז ווי די זון, וואָס אירע שטראַלן באַרירן די ערד. עס איז ביי אים גאָרנישט פאַרהאַן קיין איבערגאַנג פון אומענדלעכן צום ענדלעכן, פון איינהייט צו פולקייט, פון גייסט צו מאַטעריע. צוליב דער איינציקער סובסטאַנץ האָט ספינאָזאַ לגמרי פאַרגעסן וועגן מענטש. אויף דעם אידעע-מזבח האָט ער מקריב געווען די רעאַלע וועלט. ספינאָזאַ האָט בלויז אָנגעוויזן דעם קוואַל פון מאַטעריע.

עס איז, הייסט עס, ביי ספינאָזאַן גאָרנישט בנמצא קיין רעאַלע, פאַר זיך באַשטייענדיקע וועלט, עס איז אים אינגאַנצן פרעמד דער פרינציפּ פון רעאַליזם. ספינאָזאַס גאָט איז צוזאַמענגעוואַקסן מיט דער וועלט. גאָט עקזיסטירט נישט פאַר זיך אַליין און אויך די וועלט עקזיסטירט נישט פאַר זיך אַליין. מען קאָן זיי נישט פונאַנדערשיידן, ווייל זיי פאַלן זיך תיכף ווידער צונויף. ער זאָגט וועגן ספינאָזאַן, אַז „אָט זעצט ער גאָט צו בילדלעך אין דער וועלט אַריין, אָט ווידער די וועלט — צו בילדלעך אין גאָט".

מענדעלסאָן האַלט אָבער, אַז ביידע, סיי גאָט און סיי די סובסטאַנץ, מוזן פונאַנדערגעשיידט ווערן און בלייבן פאַר זיך אַליין באַשטייענדיקע וועזנס.

„מיין פּאַנטעאיזם איז גלייך צו אַ צווייקעפּיקער הידרע. איינער פון דידאָזיקע קעפּ האָט די איבערשריפט: „אַלץ איז איינס"; דער אַנדערער: „איינס איז אַלץ". איר מוזט ביידע קעפּ צוגלייך אַראָפּהאַקן, ווען איר ווילט דעם מאַנסטער טויטן".

בײ ספינאָזאַן קומט אָבער דער ענין אויס אַ ביסל אַנדערש. בײ אים הייסט עס, אַז אַלץ איז איינס, גאָט איז אויך די וועלט. דער „געלייטערטער" פאַנטעאיסט אָבער זאָגט: גאָט און די וועלט. דאָס אומענדלעכע האָט גורם געווען פאַרווירקלעכן דאָס ענדלעכע; איינס האָט באַשאַפן דאָס פילע. ספינאָזאַ פאַרשטייט אָבער, אַז דאָס ענדלעכע נעמט אַלץ אַרום, איז אַליין אַלץ, איז איינס און צוגלייך אַלץ. איינס אָן אַלץ, ווי אויך אַלץ אָן איינס קאָן לגמרי נישט האָבן קיין קיום.

מענדעלסאָן שיידט אָפּ גאָט פון דער נאַטור און באַזעצט אים אין דרויסן פון דער וועלט. עס קומט דעריבער אויס, אַז גאָט האָט אַן אויסערוועלטלעכע עקזיסטענץ און די וועלט — אַן אויסערגעטלעכן זײַן.

אויף דעמדאָזיקן יסוד האָט זיך מענדעלסאָן אויסגעמאָלט זײַן רעליגיעז וועלט-בילד. דערבײ איז עס באמת מאָדנע, וואָס גראָד אין דער צײַט, ווען יידן האָבן אין דײַטשלאַנד געבראָכן די מויערן פון געטאָ און געפּרוווט זיך צונויפגיסן מיט דער ברייטער וועלט, איז זייער פילאָזאָפישער אויסבליק געווען אַ סך קאָנסערוואַטיווער, איידער די אַלטע יידישע פילאָזאָפיע, וואָס איז אַנטשטאַנען אין די ענגע געסלעך פון קאָרדאָוואַ און סאַראַגאָסאַ, שוין אָפּגערעדט פון אַמסטערדאַם.

מענדעלסאָנס גאָט פון די „מאָרגנשטונדן" טרעט נישט אָפּ פון דער ביבלישער גאָט-פאָרשטעלונג. דאָס השארת-הנפש-פּראָבלעם, ווי אַזוי ער אַנטוויקלט עס אין „פעדאָן", איז דאָך אין הסכם מיט דער ביבלישער טראַדיציע. לגבי די מיטלאַלטערלעכע יידישע נעאָפּלאַטאָניקער און אַריסטאָטעליקער איז דאָך דער „מאָדערנער רעפאָרמער" מענדעלסאָן אייגנטלעך דער סימבאָל פון ראַשיקן צוריקגאַנג. דאָס איינציקע, וואָס הויבט אים אַ ביסל אַרויס פון דער אָרטאָדאָקסישער איינגעגלויבטקייט, איז זײַן שטעלונג צום פּראָבלעם פון דעטערמיניזם.

ער שרומפּט איין דעם פרייהייטס-באַגריף, שטיצנדיק זיך אויף לײַבניצס מאָטיוואַציע-פּרינציפּ. עס זענען נישט דענקבאַר

קיין האַנדלונגען סיי ביי גאָט, סיי ביים מענטש, אָן אַ פריערדיקער סיבה-מאָטיוואַציע. יעדער ווילן מוז זיין באַשטימט דורך מאָטיוון. די גאַנצע פרייהייט באַשטייט אין דעם, מען זאָל זיך לאָזן באַשטימען דורך דער דערקענטעניש פון דעם בעסטן. ספינאָזאַס דעטערמיניזם איז אַ לאָגישער, דער מענדעלסאָניש-לייבניצישער דעטערמיניזם איז גיכער אַ וואָלונטאַריסטישער.

דאָ שווימט ווידער קאַפויער די אַלטע קשיא: היתּכן, אויב אַלץ איז דעטערמינירט, וויאַזוי-זשע איז באַרעכטיקט דער עונש פאַר זינדיקן? ער האָט דאָך נישט געזינדיקט פון אייגענעם פרייען ווילן, נאָר איז געטריבן געוואָרן פון אַן אייזערנעם מאָטיוואַציע-גאַנג. דערויף ענטפערט מענדעלסאָן, אַז — גאָטס שטראָף איז נישט קיין צוועק אין זיך גופא; זי איז נאָר אַ מיטל צו לייטערן דעם מענטש פון שלעכטס און בכדי אים צו דערפירן צו אינעווייניקסטער נשמה-רו.

גאָר טשעקאַווע זאָגט זיך אַרויס דער ריטער פון „פאַרנונפט-רעליגיע” וועגן דעם ווערט פון התגלות. בדרך כּלל האָט די דעמאָלטיקע דעאיסטישע קריטיק שטאַרק אַרונטערגעריסן דעם נסים-באַווייז, אויך די געצנדינערישע רעליגיעס האָבן זיך בעיקר געשטיצט אויף נסים. די דעאיסטן האָבן דעריבער געפרעגט: ס'טייטש, הלמאי זאָל איך אין דעם נסים-באַווייז פון איין רעליגיע יאָ גלויבן, און פון דער אַנדערער — נישט? פאַרוואָס זאָל מען איין נביא אָדער דערלייזער גלויבן, אַז גאָט האָט זיך אים אַנטפלעקט און באַוויזן נסים, און אַן אַנדערן — נישט?

מענדעלסאָן, איבערנעמענדיק אַ רמב”מישן אַרגומענט, ענטפערט: די מיטלבאַרע אַנטפלעקונג, וואָס איז שייך נאָר דער גלויבנס-ווירדיקייט פון אַ נביא אָדער דערלייזער, איז טאַקע שווערלעך אָנצונעמען. אַנדערש איז עס אָבער, ווען מיר האָבן צו טון מיט אַן עפנטלעכן אַקט פון אוממיטלבאַרער התגלות צום גאַנצן פאָלק. אַזאַ אַנטפלעקונג אונטערליגט שוין נישט קיין שום ספק. אַזאַ עפנטלעך אוממיטלבאַרער התגלות-אַקט איז געווען דער מ ע מ ד ה ר ס י נ י, וועלכער האָט אַלע סימנים פון זיכערקייט.

ווי מיר זען, מיידט מענדעלסאָן אויס די רייז־פילאָזאָפישע מאָמענטן פון דער מיטלאַלטערלעך־יידישער פילאָזאָפיע. דאַקעגן באַנוצט ער זיך מיט איר מיטאָלאָגישער זייט.

מענדעלסאָנס אויפטו אָבער, וואָס דערמאָנט אַ ביסל ספינאָזאַן, איז די באַהויפטונג, אַז דאָס יידנטום איז נישט קיין אַנטפּלעקטע רעליגיע, נאָר אַן אַנטפּלעקט געזעץ. מענדעלסאָן טיילט אָפּ דאָס פאַרנונפט־רעליגיעזע פון דער געזעץ־זאַמלונג. צווישן דעם אייגנאַרטיק־יידישן און דער פאַרנונפט־רעליגיע איז נישטאָ קיין שום שייכות. דאָס אַנטפּלעקטע איז נוגע נאָר דעם יידס האַנדלונגען, אָבער נישט זיין געזינונג, זיינע מחשבות, וועלכע קאָנען זיך גאַנץ פריי באַוועגן. ביי מענדעלסאָנען איז די ביבלישע געזעצגעבונג צוגלייך סאָציאַלע געזעצגעבונג.

מענדעלסאָן פירט אַריין אַ בולטן דואַליזם: רעליגיע און געזעץ זענען צוויי באַזונדערע געביטן. לויט זיין אינעווייניקסטן גלויבן באַלאַנגט ער צו אַן אוניווערסאַלער פאַרנונפט־רעליגיע, לויט זיין אויספירונג אָבער, פון רעליגיע־געזעץ — באַלאַנגט ער צו דער יידישער עדה.

פאַרשטייט זיך, אַז דידאָזיקע דואַליטעט איז אַ געקינצלטע און דורך אַ קריטישן אַנאַליז לאָזט זיך דאָס לייכט באַווייזן. דאָס האָט אָבער נישט קיין דירעקטן צוזאַמענהאַנג מיט אונזער טעמע. אין רעזולטאַט איז פאַר אונז מענדעלסאָן אוניווערסאַל־ראַציאָנאַליזירטער מיטאָס, מעטאַפיזיש געשליפערט.

אויספירונגען

פון דעם דאָ באַהאַנדלטן מאַטעריאַל איז קענטיק, אַז דאָס יידישע וועלט-געפיל איז אין זיין אַנטוויקלונגס-וועג דורכגעגאַנגען דריי הויפט-סטאַדיעס: מיטאָס, אַלעגאָריע און מעטאַפיזיק. אונז איז דאָ נישט געגאַנגען אַזוי וויט צו באַהאַנדלען דאָס פראַבלעם מעריטאָריש, ווי צו באַלייכטן די מעטאָדישע זייט, וועלכע זאָגט שוין ממילא עפעס אויך וועגן דעם אינהאַלט.

עס איז אין דער יידישער וועלט פאַרהאַן אַ פלוגתא וועגן דער געגעזע פון דער יידישער מעטאַפיזיק. יש אומרים, אַז דאָס יידנטום האָט אָרגאַניש בכלל נישט אָרויסגעבראַכט קיין שום מעטאַפיזישע ווערטן. די מאָנאָטעאיסטישע גאָט-פאָרשטעלונג פירט אַרויס אַלע מיטאָלאָגישע עלעמענטן אויסשליסלעך פון דער רעליגיע; איִרע ענטפערס וועגן זין פון לעבן און תכלית פון דער וועלט ווידערשפרעכן לגמרי יעטוועדער מעטאַפיזישער ספעקולאַציע. די מעטאַפיזישע עלעמענטן, וואָס זענען דאָך פאַראַרבעט געוואָרן דורך דעם יידנטום, שטאַמען ס׳רוב פון דרויסן. דאָס גייסטיקע לעבן פון העלעניסטישן יידנטום האָט זיך אַנטוויקלט אונטער דער שטאַרקער השפעה פון דער גריכישער פילאָזאָפיע. דאָס פאַלעסטינער יידנטום ווידער איז געווען אונטער דעם איינפלוס פון גנאָזיס (gnosis). צום אויפשוווּנג פון דער יידישער מעטאַפיזיק אין מיטלאַלטער האָט דערהויפט גורם געווען דער איסלאַם; אַ דאַנק זיין פאַרמיטלונג האָבן די שפאַנישע יידן זיך באַקאַנט מיט דער גריכישער פילאָזאָפיע א. אַ. וו.

אונז אינטערעסירט אין דעם פאַל די מעטאַפיזיק אַלס פאַס-

טולאַט פון דער יידישער גייסטיקייט; דאָס יידנטום האָט ריין־*פסיכיש* אַרויסגעבראַכט מעטאַפיזישע עלעמענטן. ס׳רוב יידיש־פילאָזאָפישע סיסטעמען זענען אַ רעזולטאַט פון אינעווייניקסטן קריזיס, וואָס יידישע דענקער האָבן דורכגעמאַכט צוליב דער שאַרפער קאָליזיע צווישן טעאָלאָגיע און פילאָזאָפיע.

דער קאַלטער פילאָזאָף־פּאָזיטיוויסט אָגיוסט קאָנט האָט אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט געפרווט צייכענען די אַנטוויקלונגס־סטאַדיעס פון דעם מענטשלעכן געדאַנק לויט פאָלגנדיקן סדר: *טעאָלאָגיע*, *מעטאַפיזיק* און *פּאָזיטיוויזם*.

אין *טעאָלאָגישן* פעריאָד האָט דער מענטש זיך אויסגעטייטשט און אַרויסגעפירט די נאַטור־דערשיינונגען אויס דעם באַזונדערן ווילן פון די קעגנשטאַנדן אַליין און פון אַן איבערנאַטירלעך וועזן. דער וועג איז אונז גוט באַקאַנט, ער שלענגלט זיך דורך פעטישיזם, פּאָליטעאיזם און ענדלעך — מאָנאָטעאיזם. דעמאָלט האָט געהערשט דער *פּריסטער* און *קריגסמאַן*.

אין *מעטאַפיזישן* פעריאָד פירט שוין דער מענטש אַרויס די דערשיינונגען פון אַבסטראַקטע סיבות, ער רעדט שוין פון רעאַליזירטע אַבסטראַקציעס. די מאַכט געהערט דעמאָלט דעם *פילאָזאָף* און *געזעצגעבער*.

אין *פּאָזיטיוויסטישן* פעריאָד באַגרענעצט זיך דער מענטש נאָר מיט באַאָבאַכטונגען און עקספּערימענטן, קניפּט צונויף די דערשיינונגען מיט אַן אַלגעמיין געזעץ. דאָס וואָרט באַלאַנגט דעם *געלערנטן* און *אינדוסטריעלער*.

בנוגע דעם ערשטן פעריאָד דעקט ער זיך אינגאַנצן מיט אונזער מיטאָס־באַגריף. דער צווייטער איז דורך קאָנטן וועזנטלעך געשילדערט. ער טאָר אָבער נישט אָנגיין פאַר אַ נחות־דרגא לגבי דעם „העכערן”, דעם פּאָזיטיוון, בפרט, אַז דער סדר ווערט היינט אַ ביסל געענדערט.

מיר לעבן היינט אין אַ צייט, ווען דער פּאָזיטיוויזם ראַנגלט זיך פאַרביטערט מיט דער מעטאַפיזיק. די פילאָזאָפישע סיסטעמען

ביז עמנואל קאַנט זענען על פּי רוב געווען מעטאַפיזישע. זיי האָבּן זיך בּרייט פאַרמאָסטן אויסצוגעפינען דעם אורשפּרונג פון דאָזיין. פאַרשטייט זיך, אַז דעם היינטצייטיקן מענטש, וואָס איז באַרוישט פון די ריזיקע טעכניק־דערגרייכונגען, קומט אויס אַ שפּאָר בּיסל משונהדיק דאָס האָפענונגסלאָזע זוכן דעם לעצטן יסוד פון דער חירקלעכקייט. עס איז דעריבּער פּסיכאָלאָגיש פאַרשטענדלעך זיין פאָראורטייל און ווידערווילן לגבּי יעטוועדן געוואַגטן מעטאַפיזישן „עקספּערימענט".

דער קלאַסישער צעשטערער פון מעטאַפיזישן „חלום" איז געווען עמנואל קאַנט. ער האָט דערהויפּט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם דאָגמאַטישן כאַראַקטער פון יעדער מעטאַפיזיק. קאַנט האָט אומעטום געפאָדערט קריטישע אונטערזוכונג און דערקענטעניש־קאָנטראָל. עס איז אָבּער דערבּיי אַ גרויסע פראַגע, צי קאַנט אַליין איז געווען פריי פון דאָגמאַטיש־מעטאַפיזישן שלייער. יעדע תּקופה איז בּלינדערהייט סומך איר דענקען אויף אַן אומקריטישער דאָגמע, גלויבּנדיק בּשעת מעשה אין איר קריטישער גילטיקייט. ערשט דער שפּעטערדיקער דור דערזעט די דאָגמאַטישקייט פון דער פאַרגאַנגענער תּקופה. אויך קאַנטן האָט דער זעלבּיקער גורל נישט אויסגעמיטן. וואָס איז דען זיין גאַנצע קאָנצעפּציע וועגן אָבּיעקטיוו־עקזיסטירנדיקן „דינג אַן זיך", אויבּ נישט אַ ריין־דאָגמאַטישע הנחה? אוודאי איז פאַרהאַן אַ גרויסער אונטערשייד צווישן קאַנטן און דעם מיטלאַלטערלעכן און אפילו זיין־צייטיקן דאָגמאַטיזם. קאַנטס גלויבּן אין דער עקזיסטענץ פון אַ נאָומען (noumen) שטיצט זיך אויף אַ ז י נ ל ע כ ע ר הנחה, אין דער צייט, וואָס דער גלויבּן אין גאָט שטיצט זיך אויף אַ געפיל־און שפּירונגען־הנחה.

קעגן דער מעטאַפיזישער איינשטעלונג קעמפן איצט די פּאָזיטיוויסטישע דענקער, וואָס גרופּירן זיך אַרום דעם אַ. ג. „ווינער קרייז". זיי שטיצן זיך דערהויפּט אויף דער לאָגיסטיק, אַלס וויסנשאַפטלעכן מעטאָד, וואָס באַגרינדעט די לאָגיק לויט אַ מאַטעמאַטישער שטרענגקייט. בּראש פון „קרייז" שטייען די ווינער מאָריץ שליק, אָטאָ נויראַט, האַנס האַן ווי אויך די פּראַגער רודאָלף קאַרנאַפּ

און פיליפ פראַנק. דידאָזיקע אַנטימעטאַפיזישע ריכטונג איז זיך סומך אויף דער פאַקטן־פאָרשונג. זי וואַרפט אַנטשידן אָפּ די כּלערליי וועלט־מיסטעריעס און אומגעלעזטע וועלט־רעטענישן. אמת איז דאָס, וואָס לאָזט זיך איינפּאַסן עמפּיריש, ד. ה. עס לאָזט זיך קאָנטראָלירן דורך דער דערפאַרונג. אַ מעטאַפיזיק־פרייער מאָניזם, וואָס שאַפט די איינהייטס־וויסנשאַפט פון פיזיקאַליזם אַלס קאָנסעקווענטער המשך פון דעם אַנטיאידעאַליסטישן. דער דערמאָנטער קאַרנאַפּ, אויטאָר פון „לאָגישן וועלט־אויפבוי", דערקלערט, אַז מעטאַפיזישע טעזן האָבן בכלל נישט קיין שום זין. ער באַגרינדעט דאָס מיט זיין „קאָנסטיטוציע־סיסטעם".

פונדעסטוועגן זאָגט דער „ווינער קרייז" נאָך נישט דאָס לעצטע וואָרט אין דערדאָזיקער פראַגע. די מעטאַפיזיק קאָן באַטראַכט ווערן אויף אַ טאָפּלטן שטייגער, ד. ה. אַלס *מעטאָד* און *ריכטונג*. אונז אינטערעסירט די מעטאַפיזיק גיכער אַלס ריכטונג פאַר פילאָזאָפישע פאָרשונגען; מען קאָן ראַציאָנעל פאָרשן טראַנסצענדענטע פּראָבלעמען. עס איז מעגלעך אַ ראַציאָנעלע מעטאַפיזיק ביים אָנווענדן אַ קריטישן מעטאָד, וואָס זאָל זיך אפילו שטיצן אויף אַ נאַטירלעכן עקספּערימענט. צוו. אַנד. איז מעטאַפיזיק אויך *דאָס פאַראינטערעסירן זיך מיט טראַנסצענדענטע פראַגן און ווערטן*. פאַרשטייט זיך, אַז דער אופן פון „פאַראינטערעסירן" דאַרף שטיין אויף דער הויך פון דער צו יענער צייט עקזיסטירנדיקער וויסנשאַפט. אין דער מעטאַפיזיק זענען נאָר די *פראַגן* טראַנסצענדענט, דאַקעגן די *ענטפערס* דאַרפן נישט דווקא זיין טראַנסצענדענט.

די טראַנסצענדענטע פראַגע ווערט דערפירט צו אַן אימאַנענטן ענטפער. דער קלאַסישער ביישפּיל אין דעם פרט איז ספּינאָזאַ. סוף־כּל־סוף דאַרף מעטאַפיזיק באַטראַכט ווערן אַלס לעבנספּאָסטולאַט; ער דריקט אויס דעם אומרו פון מענטשנס גייסט. דער פיינער פוילישער דענקער יאַן שווידערסקי זאָגט: „מעטאַפיזיק איז אַ נאַטירלעכער קאַמף פאַר אַ מאָס צו פאַרשטיין די וועלט, ד. ה. פאַר אַ באַשטימען דעם אייגענעם אינעווייניקסטן ווערט. דידאָזיקע ביידע

באַגריפן זענען גלייכווערטיקע ; — פאַרשיידן קאָנען זען און פאַרשטיין דעם שניי אויף דעם באַרג-שפּיץ פון יונגפרוי — אַן אָקס, פאַפּוגאַ און איראָפּעער, ווייל די מאָס פון זייער אייגענעם אינעווייניקסטן ווערט איז צוגלייך די מאָס פון פאַרשטיין די וועלט".

גראָד פון דער מאַטעריאַליזירטער אַמעריקע הערן זיך כסדר שטימען וועגן דער נויטיקייט אַריינצופירן אין דער פילאָזאָפיע דעם מעטאַפיזישן עלעמענט. דער פּראָפעסאָר פון קאַליפאָרניער אוניווערסיטעט הערבערט ווילדאָן קאַר פאַרנעמט זיך אין זיין רעפעראַט א. נ. „לעבן און מאַטעריע" מיט דעם מעטאַפיזיק-פּראָבלעם. ער האַלט, אַז די מעטאַפיזיק איז דורכאויס נויטיק פאַרן מענטשלעכן דענקען, כדי אַריינצוברענגען אין דעם סתירותפולן דערקענונגס-פּראָצעס ק אָ מ פּ אָ ז י צ י אָ נ ע ל ע ג אַ נ צ ק יי ט. „די אויפגאַבע פון דער מעטאַפיזיק איז אויסצוגעפינען אַ ראַציאָנעלן אופן דורך וועלכן די קעגנגעזעצטע פּרינציפן — מאַטעריע און לעבן — זאָלן דערפירט ווערן צו אַן איינהייט און צו איין באַגריף".

דער אַזויפיל געפּרייזטער פּאָזיטיוויזם בלייבט איצט שטיין הילפלאָז פאַר די טויערן פון דער מעטאַפיזיק. „מעטאַ טאַ פיזיקאַ" (קרשקש און רלב"ג דערמאָנען מעטאַפיזיק נישט אַלס „מעשה-מרכבה", נאָר פשוט — „אחר הטבע") באַצייכנט היינט דעם אייגנטלעכן גרענעץ-שטרייף פאַר אונזער „פּאָזיטיוו" וויסן, וואָס ווייזט זיך איצטער אַרויס — אין פילאָזאָפישן זין — פאַר אַ פולשטענדיקער פיקציע. די „פּאָזיטיוו-אייזערנע" קנינים, ווי: מאַטעריע, ענערגיע, שטח, צייט, באַוועגונג א. אַנד. האָבן זיך אין ליכט פון דער נייער וויסנשאַפט אַרויסגעוויזן אַלס דערווייליקע שטאָלצן, וועלכע דער איינשטייניש-באַפרייטער געדאַנק שליידערט איצט טריומפאַל אַוועק.

ספינאָזאַ קאָנטראַ רמב״ם

עס האָט זיך ביי אונז איינגעשטעלט אַ משונהדיקע מיינונג וועגן די אַלע, וואָס זוכן אין ספינאָזאַס שיטה יידישקייט, אַז זיי זענען עפּעס נישט מיט אַלעמען. יעדנפאַלס טוען זיי דאָס נישט מחמת פילאָזאָפישער אָביעקטיוויטעט, נאָר ווי זיי וואָלטן פאַרפאָלגט געוואָרן פון אַן אויסטערלישער מאַניע. עס קומט דעריבער אויס, אַז אָדער זיי זענען געררייצט פון איבערגעטריבענער נאַציאָנאַלער אַמביציע, אָדער גאָר — פון איבערגעשפּאַנטער פאַרערונג פאַר ספינאָזאַן, וועלכן זיי גאַרן מיט אַלע כוחות צו רעכטפערטיקן לגבי די אַמסטערדאַמער מחרימים, וואָס האָבן דאָך דעם פּיראונצוואָניציק-יעריקן ספינאָזאַן פאַרטריבן פון דער עדה, נאָר צוליב זיין „ווידערשפּרעכן" דעם מהות פון יידישקייט, אָדער — ווי עס קלינגט בעסער — יידנטום.

עס איז אונז אפילו אַ ביסל דערווידער זיך אַליין צו באַפרייען פון אַלגעמיינעם חשד וועגן מאַניאַקישקייט, פון וועלכער אגב קיין שום ילוד אשה איז אין דער אמתן נישט פריי. פונדעסטוועגן האַלטן מיר, אַז ווען עס זאָל זיך פון ערגעץ-ווו מעלדן אַן „אָביעקטיווער" בר-סמכא, וואָלט ער — נאָך אַ גרינטלעכער אונטערזוכונג — בלתי ספק אויסגעפינען אין ספינאָזאַס פילאָזאָפיע עלעמענטן, וואָס זענען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער יידישער גייסטיקייט.

אַ סך האַרבער איז מיט דער דעפיניציע גופא וועגן יידנטום. עס איז, דאַכט זיך, נאָך נישט געבוירן געוואָרן דער בריה, וואָס זאָל באַווייזן גענוי פעסטצושטעלן דאָס גייסטיקע וועזן פון יידנטום, פאַר וועלכן מען זאָל זיך קאָנען קאָנסעקווענט איינשטעלן. בעצם איז נישט קלאָר, וועלכע גייסטיקע עלעמענטן פון דעם גאַנצן „יידישקייט"-קאָמפּלעקס זענען אייגנטלעך יידיש אָדער אומיידיש.

דערציילט דאָך אונז די יידישע געשיכטע וועגן פאַרשיידענע תקופות, וואָס איינע מעקט גייסטיק אָפּ די אַנדערע; נישט נאָר זיי אונטערשיידן, נאָר לייקענען זיך ממש געמיינזאַם אָפּ.

עד היום איז נאָך נישט גענוג זיכער, וואָס איז כאַראַקטעריסטישער פאַר דעם מהות פון יידנטום: צי דער גרויסער שטרייט צווישן די צוויי אַקאַדעמיעס בית שמאי און בית הלל וועגן אַ ביצה שנולדה ביום טוב, אָדער גאָר דער עטישער פּאַטאָס פון נביא ישעיה, וועלכער רופט אין זיין אומשטערבלעך והיה באחרית הימים־בילד די גאַנצע מענטשהייט גרייטן זיך צום אייביקן וועלט־שלום.

איך קאָן גריילעך פאַרשטיין, אַז די פעסטע באַשלוסן פון בית שמאי — תאכל! און פון בית הלל — לא תאכל! זענען מסתמא דיקטירט געוואָרן דורך די דעמאָלסדיקע פּאַקטישע נאַציאָנאַלע לעבנס־נויטן; מען האָט זיך אַזוי אַרום געוואָלט פאַרהיטן פון אַסימילאַציע. צו יענער צייט איז דאָס אפשר געווען אַ באַדייטנדער קולטור־פאַקטאָר. פאַרגלייכט מען אָבער דעמדאָזיקן „פאַקטאָר“ מיט ישעיהס פיל עלטער פרידנס־בילד, פאַלט דער חשבון אויס גאַנץ אָפּן. — די פיל יינגערע לא תאכל־פּראָפילאַקטיק קרישלט זיך ממש פון אַלטקייט און האָט נישט דעם מינדסטן אָנהאַנג אין אונזער היינטיקער מענטאַליטעט. דאַקעגן דאָס אוראַלטע נביאישע בילד פון „לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה“ איז אין עטישן זינען אַ צויבער־בילד, וואָס האָט גאָרנישט פאַרלוירן פון זיין פרישקייט און רייץ. מיר פון אונזער זייט באַטראַכטן די באַזונדערע תקופות אַלס פילגעשטאַלטיקע אַנטפּלעקונגען פון דעם עוואָלוציאָנערן קולטור־פּראָצעס. ממילא גלויבן מיר נישט אין דער עקזיסטענץ פון אַ וועלכן עס איז אַ ב ס ט ר אַ ק ט ו ם, וואָס הייסט „יידנטום“ און געפינט זיך ערגעץ אין חלל־האויר. מיר גלויבן אָבער, אַז אין מיטלפּונקט פון דער יידישער גייסטיקייט געפינט זיך דאָס לעבעדיקע יידישע פאָלק מיט אַלע זיינע גייסטיקע און מאַטעריעלע נויטן און באַדערפענישן, און נישט וועלכע עס איז פאַרהייליקטע לוחות. ווען ס'איז נויטיק צעברעכט מען אפילו די לוחות, אַבי דאָס פאָלק זאָל בלייבן גאַנץ און אומבאַשעדיקט. דער

אינעװײניקסטער װילן פֿון פֿאָלק און די דורך דעם אײגענעם לעבנסדראַנג אַרױסגעבראַכטע עטישע טוגנדן, זענען אונז גיכער מסוגל דערנענטערן צום אַבסאָלוט פֿון דער אַ. ג. ײדישקײט, אײדער דער גלױבן אין די כּלערלײ קאַנאָניזירטע דאָגמעס און פֿאַרשײדענע אױפֿגעצװוּנגענע „עיקרים״. עס מוז תּמיד קומען אין באַטראַכט קודם־כּל דאָס אורשפּרינגלעכע, און נישט דאָס סעקונדערע. אין דעם פֿאַל קאָן גילטן אַ שאָפּענהױערישער צוגאַנג. די סובסטאַנץ פֿון פֿאָלק איז זײַן װ י ל ן, די לוחות־אינטעליגענץ דאַקעגן איז אַ שפּעטערדיקע דערשײַנונג. מערקװירדיק, װאָס די אמתע (אין מעטאַפֿיזישן זינען) רעליגיע שטראָפֿט אָדער באַלױנט דעם מענטש נישט פֿאַר קײן אינטעלעקטועלע טוגנדן, נאָר פֿאַר עטישע, ד. ה. כאַראַקטער־טוגנדן, װאָס בילדן דעם מענטש גופֿא.

אױך בנוגע דעם װעזן פֿון ײדנטום, דאַרף געזאָגט װערן, אַז עס אַנטפּלעקט זיך אין דער עטיק, ד. ה. אין דעם זיטלעכן לעבנסריטם סײַ אין דעם באַשרײַבנדיקן און סײַ אױך אין דעם נאָרמאַטיװן פֿאַרנעם. נאַטירלעך װאָלט דאָ געװען אַרױסגעװאָרפֿן די טירחה זיך אַרײַנצולאָזן אין אַ װיכּוח מיט די אָרטאָדאָקסאַלע דאָגמאַטיקער װעגן מהות פֿון ײדנטום. זײער געטרײַע צוגעבונדנקײט צום קוצו של יוד פֿון ריטוס פֿאַרשטעקט זײ אין אַ פֿאַרגליװערטקײט. װען איך זאָל האָבן װאַל־רעכט, װאָלט איך מוחל געװען אַלע ביצים שנולדו בשבת, ביום־טוב און אפֿילו ביום כּפּור, פֿאַר אײן־און־אײנציק בילד פֿון ישעיה. דאָס איז — שאָפּענהױעריש גענומען — אַ שפּעטערדיקע פֿונקציע, אַ צוטראַכטעניש, װאָס װערט לײַכט פֿאַרשװינדן, דאַקעגן אין דער הױך־עטישער פּראָפֿעטישקײט אַנטפּלעקט זיך דער מעטאַפֿיזישער װילן, דער „דינג אַן זיך״ פֿון ײדנטום.

אױב עטיק אַן און פֿאַר זיך (ד. ה. אַבסטראַהירנדיק דערװײַל פֿון דער ריכטונג) איז די הױפּט־קריטעריע פֿאַרן ײדישן װעלט־באַנעם, איז כּדאַי דידאַקטישע עלעמענטן אױפֿצוזוכן בײַ ספּינאָזאַן און שפּעטער זיך איבערצײַגן אױף װיפֿיל זײ פֿאַלן צונױף מיט דער אַ. ג. „רײן־ײדישער״ ריכטונג. לאָמיר מעסטן דעם ספּינאָזיזם מיט דער רמב״ם־קריטעריע.

דער רמב״ם איז דאָך דער ריז פֿון דער ײדישער מיטלאַל־

טערלעכער פילאָזאָפיע. חוץ דעם איז ער, אַלס מחבר פון „יד החזקה" און „שלשה עשר עקרים", דער גרויסער רעליגיעזער אויטאָריטעט. ער איז אויך געווען אַן אָביעקט פאַר די שפּיציקסטע פיילן, וואָס ספּינאָזאַ האָט אין אים געשליידערט. ספּינאָזאַ איז געווען דעם רמב"מס שאַרפסטער קעגנער, פּונקט ווי ער איז בכלל געווען אַ קעגנער פון אַלע אַריסטאָטעליקער.

אין לעצטן פּרק פון „מורה נבוכים" (חלק שלישי נ"ד) באַהאַנדלט דער רמב"ם אויספירלעך די גרונט־שטרעבונגען פונם מענטש צו שלימות. פון דידאַזיקע באַטראַכטענישן שיילט זיך אויס אויף אַ מערקווירדיקן שטייגער דעם רמב"מס אייגנטלעכע גייסטיקע פיזיאָנאָמיע, זיין איינשטעלונג צו די הויפּט־אויפגאַבן פון מענטשן בכלל. די פאַרפולקאָמונגען טיילט ער איין אין פיר קאַטעגאָריעס, לויט אַ ספּעציעלער שטייגערונג פון מדרגות.

אַלס ערשטן, ד. ה. סאַמע פּרימיטיוון און נידעריקסטן מין האַלט דער רמב"ם דאָס שטרעבן פון מענטשן צו רייכטום, ד. ה. באַזיץ פון מאַטעריעלע גיטער („שלמות הקנין ר"ל מה שימצא לאדם מממון ובגדי' וכלים ועבדי' וקרקעו'"), באַווייזנדיק דערביי די נישטיקייט פון דידאַזיקע מענטשלעכע גלוסטונגען. טראַכט מען זיך נאָר אַריין אין דעם, איז לייכט צו דערבליקן דעם אומנאַטירלעכן אייגנטום־צוזאַמענהאַנג צווישן מענטשן און זיינע מאַטעריעלע גיטער. דערדאַזיקער צוזאַמענהאַנג איז דאָך אין דער אמתן נאָר אַן איינגעבילדעטער („שאין דבקות בינו ובין האיש ההוא כלל אבל הוא יחס אחר רוב הנאתו דמיון גמור"). ווען די זעלביקע גיטער גייען איבער אין רשות צו אַנדערע פּערזאָנען, קומען דאָך ביי זייער פריערדיקן באַזיצער נישט פאַר קיין שום אינעווייניקסטע וועזנטלעכע ענדערונגען.

דער צווייטער מין איז שוין ממילא אַן עטוואָס העכערער — דאָס שטרעבן צו ק ע ר פּ ע ר ל ע כ ע ר פ ו ל ק אָ מ ע נ ק יי ט, ד. ה. פיזישער געזונטקייט און שיינקייט פון גוף. אָבער אויך דאָס דערהויבט נאָך נישט דעם מענטש, ווייל סוף־כל־סוף זענען דידאַזיקע שטרעבונגען (שלמות גופני) נישט קיין אויסשליסלעך־מענטשלעכע, נאָר זענען אייגנטימלעך פאַר אַלע בעלי־חיים. ביי די

גרעסטע אָנשטרענגונגען אויף דעם געביט וועט דער מענטש קיינמאָל נישט באַווייזן צו ריוואַליזירן מיט אַנדערע ברואים. ער וועט קיינמאָל נישט דערגיין צום ריזיקן כוח פון אַ לייב אָדער העלפאַנט („לא ישיג לכח פרד אחר חזק כל שכן כח אריה או כח פיל״).

אין אַ גאַנץ אַנדערער וועלט ווערט דער מענטש אַריינגעפירט דורך דעם דריטן מין, ד. ה. דורך זיין שטרעבן צו פולקאָמענהייט פון די זיטן, שלימות פון מאָראַליטעט („שלמות מעלות המדות״). אוודאי שטייט דערדאָזיקער מין אויף אַ העכערער מדרגה איידער די צוויי פאָריקע. אָבער אויך דערדאָזיקער וועג איז נאָך נישט דער ענדגילטיקער. אין וואָס באַשטייט זיין חסרון? גאַנץ איינפאַך — ער איז נישט קיין ציל אין זיך גופא (אינו תכלית כונה בעצמו). גוטע מידות האָבן נאָר אַן אָנווענדונג לגבי מיטמענטשן, לגבי דער געזעלשאַפט. זיטן אַן און פאַר זיך אָן זייער באַציִונג צום צווייטן, האָבן נישט קיין שום באַדייטונג. ווען דער גורל זאָל דעם מענטשן פאַרוואַרפן אויף אַן אינזל, ווו ס׳געפינען זיך נישט קיין מענטשן, וואָלטן אַלע זיינע פיינע מידות און זיטן פולשטענדיק געוואָרן אומנוציק. זיי האָבן נאָר אַ באַדייטונג „בין האדם ובין זולתו״.

די אויסגערעכנטע דריי שטרעבונגען ווערן אָבער אינגאַנצן איינגעשרומפן אַקעגן דער פערטער, העכסטער און ליכטיקסטער שטרעבונג פונם מענטש — צו אינטעלעקטועלער פולקאָמענקייט, ד. ה. צו שכלדיקער דערקענטעניש (המעלות השכליות).

דידאָזיקע שלימות איז דער העכסטער און לעצטער צוועק פאַר דעם מענטש (היא התכלית האחרונה), ווייל דורך איר קאָן ער אָן דער מיטהילף פון אַנדערע גאַנץ אַליין זיך גייסטיק אויסלעבן, אַריינטראַכטן זיך און אינטעלעקטועל באַהעפטן מיט דעם אַבסאָלוט. דורך דעם ווערט רעאַליזירט די אינדיווידועלע דורכלויכטונג פון יחיד. די אינטעלעקטועלע השתלמות דאַרף זיין דער צייכן פאַר דעם העכערן טיפ, וואָס זאָל באַגרייפן זיין אינדיווידועלן מהות („ציור המושכלות ללמוד מהם דעות אמתיות

באלהיות לזאת היא התכלית האחרונה״). דער רמב״מישער העכע-
רער טיף דאַרף שטרעבן צו אייגענער שלימות.

זענען דידאָזיקע אויספירונגען פון רמב״ם באמת אין איינ-
קלאַנג מיט דעם וועזן פון דער יידישער גייסטיקייט ? צי פאָדערט
זיך טאַקע ביי די פאַרערער פון די עשרת הדברות דערהויפּט אינ-
טעלעקטועלע שלימית, שטעלנדיק זי העכער אפילו פון דעם
מענטשנס — עטישער געלייטערטקייט ? מיר צווייפלען דערין
שטאַרק. דערדאָזיקער ריין-שכלדיקער בליק שטאַמט דערפון, וואָס
דער רמב״ם איז געווען שטאַרק באַאיינפלוסט פון זיין מייסטער
אַריסטאָטעלעס, וועלכן ער האָט גרענעצלאָז פאַרערט. אַריסטאָ-
טעלעסן באַטראַכט ער אַלס תכלית פון מענטשלעכן וויסן. אמת,
דער רמב״ם באַוואָרנט זיך, אַז זיי אַריסטאָטעלישע נאָכפאָלגער-
שאַפט פאַרהאַלט זיך האַרט ביי דער גרענעץ פון די הימלישע
קערפּערס, ד. ה., אַז אַריסטאָטעלעס׳ אויספירונגען זענען ריכטיק
נאָר בנוגע די ערדישע דערשיינונגען, אָבער נישט בנוגע די
הימלישע קערפּערס („...מה שאמרה ארסט״ו בכל הנמצא אשר
מתחת גלגל הירח עד מרכז הארץ הוא אמת״). פונדעסטוועגן איז די
השפעה פון געניאַלן גריך אויף דעם רמב״ם געווען אַן אומבאַ-
זיגבאַרע; זי שטראָמט אַרויס — אָפּטמאָל קעגן ווילן פון מחבר —
כמעט פון אַלע ווינקעלעך פון „מורה נבוכים״. דעם גאַנצער ענין
וועגן שכל הפועל, שכל נבדל און גלגלים איז שטאַרק באַאיינפלוסט
פון אַריסטאָטעלעסן.

דאָס מערקט זיך אפילו אויך אין דעם קאַרדינאַלן „ויתרוצצו״,
וואָס איז פאַרהאַן צווישן דעם רמב״ם און אַריסטאָטעלעסן לגבי
דער אומלעזבאַרער פראַגע וועגן אייביקייט, אָדער באַשאַפנקייט
פון דער וועלט. דער יידיש-רעליגיעזער וועלט-באַנעם האַלט, אַז
די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אַלס יש מאין. אַריסטאָטעלעס דאַ-
קעגן דערקלערט, אַז די וועלט איז אַ קדמון, די אַבסאָלוטע מאַ-
טעריע איז אייביק און ווירקט לויט אירע אומפאַרענדערלעכע גע-
זעצן. זי קאָן נישט אַנטשטיין, און קאָן אויך נישט פאַרשווינדן.
אין זיין באַקעמפן דידאָזיקע אַריסטאָטעלישע אויספירונגען, ווייזט
דער רמב״ם אַרויס אַ שפּאָר ביסל פילאָזאָפישע וואַקלדיקייט. ער

שפירט, אַז דאָס האַנדלט זיך וועגן אַן עיקר-פּראָבלעם פון יידנ-
טום. ער ווייזט, נעמלעך אָן, אַז אַריסטאָטעלעס׳ באַווייזן זענען
געשעפּט פון דער נאַטור, ד. ה. פון דערווירקלעכער וועלט. עס
איז אָבער — לויט דעם רמב״ם — אוממעגלעך צו באַנוצן זיך מיט
אַרגומענטן פון דער רעאַלער שוין עקזיסטירנדיקער וועלט לגבי
דעם צושטאַנד, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען די וועלט, איי-
דער זי איז דערגאַנגען צו דער מדרגה פון איר איצטיקער ווירק-
לעכקייט.

אָבער אויך ביים באַגרינדן די אייגענע טעזע פון „יש מאין״,
קעגן אַריסטאָטעלעס׳ טעזע פון קדמות העולם שפּירט זיך אַ גע-
וויסע אומאַנטשלאָסנקייט. די אַמביציע פונם רמב״ם גייט אין דער
ריכטונג פון וועלן פעסטשטעלן די באַוויזלאָזיקייט פון
אַריסטאָטעלעס׳ טעזע. „וואָס עס האָט מיך באַוויגן וועגן דעם צו
רעדן — זאָגט דער רמב״ם — איז דער אומשטאַנד, וואָס די נייע-
רע אַריסטאָטעליקער האַלטן, אַז ער האָט באַוויזן די אייביקייט
פון דער וועלט״. דער רמב״ם האַלט, אַז אַריסטאָטעלעס האָט נאָר
וועגן דעם „באַהויפּטעט״, אָבער באין אופן נישט „באַוויזן״. מען
אָפּערירט מיט „טענות״, פאַרוואַנדלענדיק זיי אין מכלומרשטע
„ראיות״.

כדי דעמדאָזיקן ענין גענויער אויפצוקלערן באַנוצט זיך דער
רמב״ם מיט אַ משל. לאָמיר זיך פאָרשטעלן — זאָגט דער רמב״ם —
אַז אַ קינד איז געבוירן געוואָרן ערגעץ אויף אַ פאַרוואָרפן אינזל,
וווּ עס זענען אינגאַנצן נישטאָ קיין מענטשן. אַ פּאָר חדשים נאָכ-
דעם איז אָפּגעשטאָרבן די מוטער. דער פאָטער האָט באין ברירה
איבערגענומען די דערציִונג פון זיין זון, וועלכער איז ביסלעכווייז
אויסגעוואַקסן אין אַ נאָרמאַלן מענטש. איבער דער צייט האָט דער
זון פאַר זיינע אויגן נישט געזען קיין שום פרוי און ממילא נישט
געוווּסט ווי אַזוי דער מענטש איז געקומען אויף דער וועלט. איין
מאָל פרעגט ער ביים פאָטער: טאַטע, ווי אַזוי זענען מיר אַנט-
שטאַנען? דער פאָטער דערקלערט אים אויספירלעך, ווי אַזוי דער
מענטש אַנטשטייט אין דעם לייב פון אַ פרוי. אין דעם מוטערלייב
איז דער מענטש לכתחילה גאָר קליינטשיק, שפּעטער ווערט ער

ביסלעכווייז גרעסער און גרעסער „עד שיגיע אל גבול״. עס קומט צו אַן איבערברוך-מאָמענט, דער מענטש באַקומט זיך אַרויס פון דער מוטערס שויס און הייבט זיך אָן נאָרמאַל צו אַנטוויקלען. דער זון פרעגט ווייטער: צי געפינענדיק זיך אין מוטערלייב, האָט דער מענטש אויך געגעסן, געטרונקען, געצויגן דעם אָטעם און געטון זיינע באַדערפעענישן? פאַרשטייט זיך, אַז אויף די אַלע קשיות ענטפערט דער פאָטער מיט אַ בּרייטן „ניין״! דער זון ווערט שוין אַ ביסל מבולבל און פרעגט: היתּכן, ווי איז עס מעגלעך, אַז אַ מענטש זאָל לעבן אָן שפייז, אָן לופט א. אַ. וו.?

פאַרוואָס קלייבט זיך אייגנטלעך דער זון נישט פונאַנדער אין דידאָזיקע ענינים? גאָר פּשוט! נישט וויסנדיק וועגן דעם מענטשנס געבורטס-פּראָצעס, טראָגט ער איבער זיין וויסן וועגן דעם ווירקלעך-עקזיסטירנדיקן מענטש אויף דעם ערשטן צושטאַנד פון מענטשלעכן באַשעפעניש, וועןעס הויבט ערשט אָן דורכצוגיין דעם פאָרמירונגס-פּראָצעס. דער טעות באַשטייט דערין, וואָס מען ווענדעט אָן אַקטועלע קאַטעגאָריעס אויף מעגלעכע קאַטעגאָריעס. אַזוי איז עס אויך מיט אַריסטאָטעלעס׳ פאָרשטעלן זיך די אייביקייט פון דער וועלט. ער שטעלט זיך גאָרנישט פאָר, אַז די מעגלעכע מאַטעריע האָט זיך פאַר בּריאת העולם געקאָנט געפינען אין אַן אַנידערן מצב, איידער אין איר איצטיקן רעאַלן צושטאַנד.

די אַריסטאָטעליקער קאָנען אָבער פרעגן: „היתּכן?״ ווי קאָן דאָס געמאָלט זיין? אויב דער רמב״ם האַלט באמת, אַז מ׳קאָן נישט פון דעם איצטיקן שלימות-צושטאַנד פון דער נאַטור אַרויסברענגען אַ מיינונג אָדער פאָרשטעלונג וועגן איר צושטאַנד נאָך פון יענער צייט, איידער זי איז געוואָרן פולקאָם, טאָ ווי אַזוי פירט עס דער רמב״ם אַדורך אַן „אייזערנע״ טעזע וועגן דער וועלט-באַשאַפונג אַלס יש מאין? פונוואַנען קאָן מען עס וויסן, אַז דער צושטאַנד פון דער מאַטעריע איז פאַר דער וועלט-באַשאַפונג געווען אַזעלכער און נאָך דער וועלט-באַשאַפונג אַן אַנדערער? דערויף ענטפערט דער רמב״ם כמעט רעזיגנירט, אַז עס גייט אים גאָרנישט אין לעבן דווקא צו ב אַ וו ײ ז ן, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, ער וויל נאָר אָנווייזן, אַז עס איז מ ע ג ל ע ך,

אַז די וועלט זאָל קאָנען ווערן באַשאַפן („אפשרות היותו מחודש"). און בכלל גענומען האַלט דער רמב"ם דידאָזיקע פאַרפלאָנטערטע פראַגע פאַר אַן *אומאַנטשיידנע*, הגם ער איז „גענויגט" צו גלויבן אין דעם באַשאַף פון אַ יש מאין.

אפנים, אַז אויך ביי דערדאָזיקער קאַרדינאַלער פראַגע איז קענטיק דעם רמב"מס אינעווייניקסטע צעריסנקייט. ביי זיין גענִיאַליטעט און אומגעהייער טיפן בליק, בילדעט ער דאָך נישט קיין האַרמאָנישע גאַנצקייט און געשלאָסנקייט. לעולם שטייט ער אויף דעם פילאָזאָפישן באָדן און פון צייט צו צייט שטעלט ער זיך „על דעת תורותנו". דעם רמב"ם איז אַ ביסל דערווידער אָפּצופּטרן אַריסטאָטעלעס' טענה מיט „גלאַטע" תירוצים, ווייל ער שפּירט אין זיי אַ ריזיקע לאָגישע קראַפט. (מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז פאַרן רמב"ם איז דאָך די אינטעלעקטועלע דערקענטעניש אַלץ מיט אַנאַנדער). מיט פילאָזאָפישער פאַרלעגנהייט שטעלט דער יידישער פילאָזאָף, וועמענס העכסטער אידעאַל איז הכּרה, אַריסטאָטעלעסן אַקעגן — *די געטלעכע אַנטפּלעקונג*. ער גלויבט, הייסט עס, אַז די וועלט איז אַזוי אַרום אַנטשטאַנען און נישט אַנדערש. צווישן די שורות פילט זיך עפּעס נישט, אַז דער רמב"ם זאָל אפילו אין דאָזיקן ענין באַלאַנגען צו אַריסטאָטעלעס' אַנטשלאָסענע קעגנער. זיין דיסקרעטע וואַקלדיקייט און די האַלב-טענער זאָגן גיכער עדות וועגן די דעמאָלטיקע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן און רעליגיעזע פאָראורטיילן, בעת וועלכע מען מוז זיין פאָרזיכטיק און שטאַרק איבערקלויבן מיט אַ פריי וואָרט. אַמבעסטן באַשטעטיקט עס די שפּעטערדיקע קרוציאַטע קעגן „מורה נבוכים", וואָס איז אונטערגענומען געוואָרן דורך זיינע קעגנער מיט ר' שלמה פון מאָנפעליע בראש. דאָס איז געווען אַ פאַרביטערטער קאַמף פון דעם דאָגמאַטישן רביניזם קעגן דער פילאָזאָפישער פריידענקעריי. מען האָט עפּעס „דערשנאַפּט", אַז דעם רמב"מס פילאָזאָפיע איז סותר די גרונט-פּרינציפּן פון טראַדיציאָנעל-רעליגיעזן יידנטום.

דאָס בילד פון די רבנים, וואָס זענען געקומען צו די דאָמיניקאַנער בעטן אינקוויזיציע-הילף קעגן דעם „זינדיקן" ספר

Dux Neutrorum („מורה נבוכים"), וואס איז פארפאסט געווארן דורכן „אפיקורס" משה פון מצרים, דעקט זיך פולשטענדיק מיט דעם בילד פון די אמסטערדאמער רבנים און פרנסים, וועלכע זענען געקומען צו דער שטאט-מאכט און געבעטן הילף קעגן דעם „געפערלעכן" ווידערשפעניקער בענעדיקט דע ספינאזא.

פונדעסטוועגן האט זיך דעם רמב"מס רעפוטאציע שוין איינגעשטעלט און קיינער וועט זיך נישט דערוועגן צו פאראורטיילן זיין שיטה אלס נישט-יידישע.

מיר האלטן אבער, אז דעם רמב"מס פילאזאפיע איז לויט איר מעטאפיזיק, מענטשלעכע באשטימטקייט, שטעלונג צו השארת-הנפש און בעיקר, לויט דער סופרעמאציע פון לאגיק איבער דער עטיק, א שפאר ביסל ווייטלעך פון דעם עטיש-אוניווערסאלן אבסאלוט פון יידנטום.

אנדערש זעט די זאך אויס ביי ספינאזאן, וועלכער צייכנט זיך אויס מיט אינעווייניקסטער געשלאסנקייט. דער צענטראל-פונקט פון זיין פילאזאפיע איז די זיטלעכקייט, שוין נישט רעדנדיק דערפון, וואס זיין הויפט-ווערק טראגט דעם נאמען „עטיק". אמת, מען דארף אומבאדינגט שטרעבן צו אינטעלעקטועלער שלימות, בכדי צו באהערשן די עמאציעס און אפעקטן, אלס ענדציל אבער גילט ביי אים תמיד דאס מענטשלעכע פרידלעכע צוזאמענלעבן, מענטשלעכע גליקזעליקייט.

ווי א שפענדל אויפן צעבושעוועטן ים ווערט דער מענטש שטענדיק געשליידערט און געטריבן דורך די ליידנשאפטס-כוואליעס, וועלכע לויפן דורך אומצייליקע קאנאלן און טרעפן זיך ענדלעך צונויף אין צוויי גרונט-געפילן: laetitia (פרייד) און tristitia (טרויער). דער מענטש מוז זיך אליין דערפירן צום צושטאנד פון פולשטענדיקער ליידנשאפטסלאזיקייט, ממילא וועלן פארשווינדן אלע מניעות, וואס געפינען זיך אויף דעם וועג צו א הארמאניש-ברידערלעך צונויפלעבן*).

---

*) זע „יר נט - שטריכן פון דער יידישער פילאזאפיע".

די אינטעלעקטועלע שלימות זאָל דעם מענטש געבן פריי־הייט, דער מענטש דאַרף פאָלגן זיין אינעווייניקסטע פאַרנונפט־שטים און אַזוי אַרום אינגאַנצן באַפרייט ווערן פון אויסנווייניקסטן צוואַנג. די מענטשלעכע פרייהייט באַשטייט פון אויסשליסלעכער סובאָרדינאַציע לגבי די געזעצן פון אייגענעם גייסט און בזה האופן אַליין באַדינגען זיינע טאָטן. דער מענטש פאַרבינדט זיין גאָט־אידעע מיט דעם גליקזעליקייטס־אידעאַל. ווען ער טרעט אַריין אין דער דריטער סטאַדיע פון דערקענטעניש (scentia intuitiva), הערשט שוין אַ געלייטערטע זעלישע מנוחה, עס פאַרשווינדן אַלע קאָנפליקטן, מענטשן פאַרשטייען זיך שוין און זענען זיך קעגנזי־טיק אַלץ מוחל. דעמאָלט באַהערשט דעם מענטש אַ גרויסע לעבנס־פרייד, ווייל דאָס לעבן אין זיך גופא איז גוט.

דאָס איז אַ גלגול פון דעם אַלטן־יידישן אָפּטימיזם — וירא כי טוב. און גערעכט איז אוודאי דער פאַרביסענער קעגנער פון דעם יידישן וועלט־באַנעם, דער טריבער פעסימיסט אַרטור שאָ־פענהויער, ווען ער וואַרפט פאָר ספינאָזאָן, אַז זיין אָפּטימיזם איז צו ביבליש, אַז ער אַנטציקט זיך צו פיל מיט דער וועלט און הייסט דעם מענטשן געניסן. ער פאַרטרייבט פון זיך די שאָטנס פון טויט און דענקט כסדר נאָר וועגן לעבן.

„דער פרייער מענטש, ד. ה. דער, וואָס לעבט לויט דער אָנווייזונג פון שכל, ווערט קיינמאָל נישט געפירט דורך קיין טויט־שרעק, נאָר באַגערט אומביטלבאַר דאָס גוטע". נאָכמער דערמאָנט עס אין די ווערטער פון „דברים": „...החיים והמות נתתי לפניך הברכה והקללה ובחרת בחיים". דער העכערער אינסטינקט זאָגט דעם בעל שכל שטענדיק אונטער אויסצוקלויבן דאָס לעבן, ווייל ס'איז אין תוך גוט, און אויסמיידן דעם טויט, וועלכער איז אין תוך שלעכט*).

ספינאָזאָ האַלט, אַז אינטעלעקטועלע שלימות איז נאָך נישט מסוגל צו פאַרטרייבן דעם מענטש אין מדבר אַריין און מאַכן אים

---

*) זע „גרונט־שטריכן פון דער יידישער פילאָזאָפיע".

אומאָפּהענגיק פון דער סביבה, די פּאַרנונפט-פולקאָמענקייט באַהויכט אים מיט גייסטיקער ליבע צו מענטשן און צו גאָט. וואָס איז דען ספּינאָזאַס גאָט אויב נישט הוילע עטיק? זיין „Deus sive natura“ (גאָט אָדער נאַטור) זאָגט דאָך עדות, אַז אויך די נאַטור איז אין אירע געזעצן עטיש. אַ מענטשלעך עטיש לעבן הייסט געלעבט אין איינקלאַנג מיט די נאַטור-געזעצן. זיין גאָט-דעפיניציע קאָן דאָך ווייטער וואַריאירט ווערן אין Deus sive veritas (גאָט אָדער אמת), Deus sive virtus (גאָט אָדער טוגנד), Deus sive amor (גאָט אָדער ליבע) א. אַ. וו. פון דאָזיקן דרינגט דאָך בולט אַרויס די פאָרשטעלונגען פון אהבת האדם און אהבת ה׳. צי איז דאָס נישט דורכאויס יידיש? בפרט, ווען ספּינאָזאַ האַלט, אַז אַ חוץ דער אינטעלעקטועלער ליבע צו גאָט, איז קיין שום ליבע נישט אייביק.

וואָס פאַר אַ שכר אייגנטלעך וועט דער מענטש באַקומען פאַר זיין צניעותדיק לעבן? ספּינאָזאַ ענטפערט דערויף:

„גליקזעליקייט (Beatitudo) איז נישט קיין שכר (praemium) פאַר טוגנד, נאָר די טוגנד אַליין. נישט דערפאַר פרייען מיר זיך מיט איר, ווייל מיר האַלטן איין (coërcemus) די תאווה, נאָר פאַרקערט, ווייל מיר פרייען זיך מיט איר, זענען מיר בכוח איינצוהאַלטן די תאווה“... („Ethica“ Pars V – XLII)

דידאָזיקע דערהויבענע פאָרשטעלונג וועגן טוגנד אַן און פאַר זיך אָן אַ וועלכער עס איז אויסנווייניקסטער באַלוינונג, איז דאָך אין גרונט גענומען דורכאויס-יידיש. דאָס שטעלט אַוועק אין מיטלפּונקט פון זעלישן לעבן די אַבסאָלוט-ריינע מאָראַל לשם מאָראַל. די באַלוינונג פאַרן גוטן איז דאָס גוטע אַליין, די שטראָף פאַר דעם שלעכטן, איז דאָס שלעכטע גופא.

צי איז דאָס נישט אין הסכם מיט די ווערטער פון בן עזאי: „שכר מצוה – מצוה, ושכר עברה – עברה“?

ווי שטאַרק ספּינאָזאַס זיטן-געזעץ, וואָס בילדעט אייגנטלעך אין איר תוך אַן אימאַנענטן פּראָצעס, איז נאָענט צום יידישן וועלט-בליק, קאָן עדות זאָגן די מערקווירדיקע שטעל אין דער יידישער האָמילעטיק:

ר׳ אלעזר, קאָמענטירנדיק אין מדרש רבה דעם פסוק „ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה״ (דברים י״א – כ״ב), דריקט זיך אויס, אַז פון דעם מאָמענט אָן זייט דער באַשעפער האָט אויף דעם סיני אַרויסגעזאָגט דידאָזיקע רייד, „גייט שוין פון אויבערשטנס מויל נישט אַרויס נישט קיין שלעכטס און נישט קיין גוטס״ (מפי עליון לא תצא הרעות והטוב – איכה ג – ל״ח), נאָר זיי דערשיינען פון זיך אַליין אָן וועמענס טראַנסצענדענטער מיטהילף. דערביי פאַלט דאָס שלעכטע אויף דעם קאָפּ פון רשע און דאָס גוטע שטראָמט אויף דעם, וואָס טוט גוטס. („א״ר אלעזר משאמר הקב״ה הדבר הזה בסיני באותה שעה מפי עליון לא תצא הרעות והטוב. אלא מאיליה הרעה באה על עושה הרעה, והטוב באה על עושה הטובה״ (מדרש דברים רבה ד – ג).

באַלוינונג אָדער שטראָף איז – הייסט עס – נישט קיין באַלדיקע אָדער יעדערמאָליקע רעאַקציע מצד דער השגחה לגבי דעם האַנדלענדיקן מענטש, נאָר דערשיינט אַלס מעכאַניסטיש נאַטור-געזעץ, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין עטישן סדר העולם אָן אַ וועלכער עס איז סיעתא דשמיא.

לאָמיר פּרוּוון אַדורכפירן אַ פּאָר פאַרבינדונגס-שטריכן און שייד-פּונקטן צווישן רמב״ם און ספּינאָזאַ, בכדי אויסצוגעפינען די קעגנזייטיקע באַציִונג פון דידאָזיקע צוויי סיסטעמען צווישן זיך און זייער געמיינזאַמע שטעלונג צו די א. ג. ייִדישקייטס-פּראָבלעמען.

קודם-כל פאַראייניקט ספּינאָזאַן מיטן רמב״ם דער אַבסטראַקטער גאָט-באַגריף. די טעזע פון רמב״ם, אַז גאָט איז דורך קיין שום זאַך נישט באַשרענקט און אַז עס איז נישטאָ קיין שום זאַך, וואָס זאָל זיין צו אים ענלעך („אין לא שום דמיון כלל״), דערמאַנט שטאַרק אָן ספּינאָזאַס אַבסטראַקטן באַגריף וועגן גאָט אָדער סובסטאַנץ. די אומדערקענבאַרקייט פון גאָטס וועזן האָט אַ שטאַרקן שייכות צו ספּינאָזאַס מיינונג וועגן דעם, אַז דער מענטש איז ביכולת צו דערקענען נאָר צוויי געטלעכע אַטריבוטן (דענקען און אויסגעשפּרייטקייט). די „איבעריקע״, ד. ה. די אומציילעכע אַטריבוטן זענען דעם מענטשן לגמרי נישט צוגענג-

לעך, זיין דערקענטעניש האָט צו זיי נישט קיין דריסת הרגל. דער רמב״ם פון איין זייט האַלט, אַז דער מענטש קאָן אפשר אַ סך רעדן וועגן גאָט, דאָס הייסט אָבער נישט, אַז מיט זיינע רייד ווייסט ער עפּעס וועגן גאָט. דער רמב״ם פאַררופט זיך דערביי אויף די ווערטער פון ירמיה „קרוב אתה בפיהם ורחוק מכליתיהם״. דאַקעגן רעקאָמענדירט דער רמב״ם דעם פאַרנופטיקן מענטש, אַז ער זאָל אין זיינע טיפענישן שטיל זיך אַריינטראַכטן אין דעם וועזן פון גאָט. ער באַשטעטיקט דאָס מיט די ווערטער פון תהילים: „אמרו בלבבכם על משכבכם ודמו סלה״. דער רמב״ם שטעלט העכער די שכלדיקע דערקענטעניש איבער תפילות און מעשים טובים.

עבודת הבורא פאַרפלאָנטערט זיך אָפט אין אַנטראָפּאָמאָר־פיזמען און אַנטראָפּאָפּאַטיזמען, צושרייבנדיק גאָט אַ מענטשלעך געשטאַלט און מענטשלעכע אַפעקטן. דעם רמב״מס פאָרשטעלונג וועגן גאָט איז אָבער הערמעטיש אָפּגעטיילט פון וועלכע עס איז מענטשלעכע אייגנשאַפטן.

ספּינאָזאַ שטרייכט אויך כסדר אונטער, אַז גאָט איז פריי פון וועלכע עס איז אַפעקטן. גאָט איז אַן אַלוועזן, וואָס באַשטייט פון אַן אומענדלעכער צאָל אַטריבוטן, פון וועלכע יעדער איינער פון זיי דריקט אויס אַן אייביקן און אומענדלעכן אינהאַלט.

דער רמב״ם אונטערשיידט זאַכן רעלאַטיוו־עקזיסטירנדיקע פון זאַכן אַבסאָלוט־עקזיסטירנדיקע, ד. ה. וועזנס מעגלעכע פון נויט־ווענדיקע.

גאָט איז — לויט דעם רמב״מס אויפפאַסונג — אַ כוח, וועמעס עקזיסטענץ איז אַן אומבאַדינגט־נויטווענדיקע. באַשאַפענע זאַכן אונטערליגן דעם שטראָם פון דער צייט, גאָט אָבער אַלס ערשט ווירקנדיקע אורזאַך איז אייביק.

ספּינאָזאַ זאָגט:

1) „...גאָט איז די ווירקנדיקע סיבה (causam efficientem) פון אַלץ, וואָס דער אומענדלעכער שכל קאָן אומפאַסן״.

2) „...גאָט איז אַ סיבה פון און פאַר זיך, און נישט דורך אַ צופאַל״ (per accidens).

3) „...גאָט איז אַבסאָלוט די ערשטע סיבה“.

דער רמב״ם אַלס ראַציאָנאַליסט האַלט די אינטעלעקטועלע דערקענטעניש אַלס די העכסטע אויפגאַבע פון מענטש. אַלע עמאָציעס און אַפעקטן דאַרפן ווערן אונטערגעאָרדנט דער טעטיקייט פון שכל. ספינאָזאַ, אין אַ געוויסן זין, אַלס נישט קיין קלענערער ראַציאָנאַליסט, האַלט, אַז דער מענטש, שטרעבנדיק צו עטישער פולקאָמענקייט, דאַרף איבערגעוועלטיקן די שעדלעכע אַפעקטן. די עמאָציעס, וואָס דערשיטערן אונז, מוזן ווערן באַהערשט דורך דעם גייסט. דער גייסט קלויבט זיך פונאַנדער אין די אַפעקטן, וואָס ווירקן נייטווענדיק און אין דעם דערקענטעניש־פּראָצעס איז ער זיי גובר, ספינאָזאַ זאָגט: „וואָס מער דער גייסט פאַרשטייט אַלע זאַכן אַלס נויטווענדיקע, אַלס אַ גרעסערע מאַכט פאַרמאָגט ער איבער די עמאָציעס, אונטערליגנדיק אַזוי אַרום זיי וואָס ווינציקער“.

ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, באַשטייט דעם רמב״מס פילאָזאָפיע פון צוויי עלעמענטן: פון אַ יידיש־טעאָלאָגישן און אַריסטאָטעליש־פילאָזאָפישן. דער רמב״ם האָט זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין ווידערשפּרוך צווישן די רעליגיעזע דאָגמען און אַריסטאָטעלישע טעזן, ד. ה. צווישן גלויבן און שכל. ספינאָזאַס אויספירונגען זענען אויסן צו באַגרינדן אַ גאַנץ אַנדערע טענדענץ. פונדעסטוועגן זענען אויך אפילו אויף דעם געביט פאַראַן צווישן רמב״ם און ספינאָזאַן געוויסע פאַרבינדונגס־פונקטן.

ווען מען שטעלט צונויף דעם „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט“ מיט דעם צווייטן חלק פון „מורה נבוכים“, שטעלט זיך אַרויס, אַז ספינאָזאַ — הגם ער האָט געהאַט אַ גרונט־אַנדערע שטעלונג — איז דאָך געווען אונטער אַ שטאַרקן איינפלוס פונם רמב״ם. ער באַהאַנדלט די זעלביקע פּראָבלעמען. דערהויפּט האָט עס אַ שייכות צו די פּראָבלעמען פון נבואה, ד. ה. באַגאַבטקייט פון פּאָרגיסזאָגן, געטלעך געזעץ, רעליגיעזע מנהגים, נסים, אינטערפּרעטאַציע פון די כתבי הקודש א. ד. גל. אָפּטמאָל אַנאַליזירט ספינאָזאַ די זעלביקע אָפּזאַצן פון די כתבי הקודש, באַנוצט זיך

מיט די זעלביקע ביישפּילן, אפילו זאָצן און איין מאָל דערגייט ער אפילו צו די זעלביקע אויספירונגען.

בנוגע דעם אָפּשאַצן די ראָל פון די נביאים איז דאָ פאַרהאַן אַ וועזנטלעכער אונטערשייד. ספּינאָזאַ האַלט נישט די נביאים פאַר קיין דענקער און פילאָזאָפן. ער זאָגט, אַז די נבואה איז אַ רעזולטאַט פון אַ רייכער פאַנטאַזיע. דער רמב״ם זאָגט, אַז די נבואה איז זיך סומך אויף דריי יסודות: 1) שלימות פון דענקען, 2) שלימות פון פאַנטאַזיע, 3) שלימות פון מאָראַל. ספּינאָזאַ דאַקעגן אָנערקענט נאָר צוויי יסודות פון דער נבואה: 1) שלימות פון דער פאַנטאַזיע און 2) שלימות פון מאָראַל. דער נביא איז געווען אַ מאַן פון גערעכטיקייט... דאָס געמיט פון די נביאים איז געווען אויסשליסלעך געווענדט צו דער גערעכטיקייט און גוטס. ספּינאָזאַ האָט פון דער נבואה אינגאַנצן עלימינירט דעם שכל־מאָמענט.

דער רמב״ם פירט אַרויס צוויי אַרטן פון רעכט: מ ע נ ט ש־ ל ע כ ע, אָ ד ע ר ג ע ז ע צ ג ע ב ע ר י ש ע רעכט, וועמעס הויפּט־צוועק איז פאַרזיכערן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן דורכן באַזייטיקן געוואַלט, איבערמאַכט און רעכטלאָזיקייט, נישט אַכטנדיק אינגאַנצן דערויף, צי דאָס העלפט מיט צו פאַרפולקאָמען די אמונה, ד. ה. פּראָפּאַגירן געזונטע באַגריפן וועגן גאָט און מלאכים, ווי אויך דערציִען דעם מענטש צו אמתער דערקענונג און ליבע צו גאָט.

מיט 500 יאָר שפּעטער דערקלערט ספּינאָזאַ: „אונטער מענטשלעך רעכט פאַרשטיי איך דעם לעבנס־שטייגער, וואָס דינט צו פאַרזיכערן דאָס לעבן אין די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט. א ו נ ט ע ר ג ע ט ל ע ך ר ע כ ט ווידער פאַרשטיי איך אַזוינס, וואָס האָט אַ שייכות אויסשליסלעך צום העכסטן גוטס, ד. ה. צום אמתן דערקענען און ליב האָבן גאָט״ („טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט״, קאַפּ. 4, פּאַר. 9).

דער באַגריף פון השארת הנפש איז ביים רמב״ם פאַרבונדן מיט אינטעלעקטועלער דערקענטעניש. אָבער אויך ספּינאָזאַ האַלט, אַז דער מענשלעכער גייסט גייט נישט לאיבוד צוזאַמען מיט דעם

גוף, עס בלייבט עפעס פון אים, וואָס עס איז אייביק און דער אייביקער טייל פון גייסט איז טאַקע דער שכל.

פאַרשטייט זיך, אַז אין דער פראַגע פון השארת הנפש ווייכט דער רמב״ם שטאַרק אָפּ פון דער יידישער טראַדיציאָנעלער דאָגמאַטיק און קאָנסטרואירט אַ פילאָזאָפישע קאָנצעפּציע פון אַ מין דענקנדיקן איבער-מענטש. דערדאָזיקער אינטעלעקטועלער אַריסטאָקראַטיזם דרינגט אָרגאַניש אַרויס פון דעם רמב״מס גאַנצן פילאָזאָפישן סיסטעם, וואָס בוקט זיך פאַר דער אינטעלעקטועלער דערקענטעניש, וואָרים נאָר זי איז מסוגל אַריינצופירן דעם מענטש אין מלכות פון אומשטערבלעכקייט. צו דערדאָזיקער מדרגה קאָנען זיך דערהויבן נאָר יחידי סגולה. דער שכל עפנט די טויערן צום קיניגרייך פון „אומשטערבלעכקייט". ווען מען זאָל פרווון צונויפשטעלן דעם רמב״ם מיט דעם בעש״ט, וואָס פאַר אַ שרייענדע קעגנזאַצן!

ספינאָזאַ מיינט, אַז אונזער גייסט, אויף וויפיל ער אַנטהאַלט דעם תוכן פון גוף אונטער דעם אָנבליק פון אייביקייט, איז ער אייביק, זיין עקזיסטענץ ווערט נישט באַגרענעצט דורך דער צייט. אונזער גייסט איז אַ געטרייע גאָטס-אָפּשפּיגלונג פון דענקען, וואָס דרינגט אוממיטלבאַר אַרויס פון גאָטס אומענדלעכן פאַרשטאַנד. על כן — לויט ספינאָזאַן — קען דער מענטשלעכער גייסט נישט ווערן אינגאַנצן פאַרניכטעט מיט דעם גוף, נאָר עס בלייבט עפעס פון אים, וואָס איז אייביק. צו דעמדאָזיקן שטאַפּל קאָנען זיך דערהויבן נאָר יחידי סגולה, וואָס זענען באַהערשט מיט אינטעלעקטועלער ליבע צו גאָט.

די ברייטע וועלט האָט אין ספינאָזאַן געזען דעם ווירדיקן רעפּרעזענטאַנט פון דער יידיש-אינטעלעקטועלער טוגנד. אַ טשעכישער דענקער פּרויט קרעיצי זאָגט דערוועגן:

„...אָבער דאָס ווייזט זיך מיר אויס צו זיין זיכער, אַז ערשט דורך ספינאָזאַן האָט די עקזיסטענץ און דער וואונדערפולער ווידערשטאַנדס-כוח פון יידישן פאָלק אין דער נאָכרומישער דיאַספּאָראַ באַקומען דעם אמתן זינען. דאָס יידישע פאָלק האָט שוין צוליב דעם אַליין געמוזט בלייבן לעבן, בכדי ספינאָזאַן אַרויסצו-

ברענגען אויף דער וועלט" („Chronicon Spinozanum" V, 1927).

אוודאי פֿאַראייניקן ספּינאָזאַן מיט דעם רמב"ם פּונקטן, וואָס ווייכן אָפּ פֿון דעם דאָגמאַטישן יידנטום. עס אונטערשיידן זיי אָבער פּונקטן, וואָס דערנענטערן ספּינאָזאַן צו די אורקוואַלן פֿון יידנטום. ער האָט באַשאַפֿן אַ אַן עטיק, אין וועלכער עס קאָן זיך אין דער פֿולסטער קראַפֿט אויסלעבן די ריין־יידישע פּערזענלעכקייט.

1934

פילאָזאָף אָדער ביאָזאָף

(וועגן ד״ר חיים זשיטלאָווסקי)

דעם פילאָזאָף זענען מיר געוווינט זיך פֿאָרצושטעלן אַלס יושב אוהל, אַלס מענטש, וואָס רײַסט זיך אָפּ פֿון די וואָכעדיקע לעבנס־גרילצן און פֿאַרקלײַבט זיך ערגעץ אין אַן אָפּגעזונדערטן געצעלט, בכדי אין זײַנע ד׳ אמות של הלכה געדאַנקלעך אויסצושמידן אַן אײנהײטלעך האַרמאָניש־געשלאָסן וועלט־בילד. דאָרט, אין דעם אָפּגעצוימטן חדרל, אין אַן אַטמאָספער פֿון טיף־אָביעקטיווער נאָכטראַכטונג, ווערט מיט מסירת־נפשדיקן אויסדויער געשאַפֿן אַן אידעיִשע לעבנס־אָפּשפּיגלונג, פֿון וועלכער עס שטראַלט שפּעטער אַרויס אַ געדאַנקלעכע צוריקשפּיגלונג, וואָס האַלט שוין נאָכדעם במשך פֿון דורות דאָס לעבן „פֿאַר די הערנער“. ווער עס האָט געהאַט דאָס גרויסע גליק אויף די שפּיצפֿינגער אַרומצושפּאַנען אין טיפֿן שווײַגן בלויז עטלעכע מינוט אין ספּינאָזאַס בוידעם־שטיבל אין צאַרטן האַאַג, אין דעם זײַטיקן געסל פּאַוויליאָנס־גראַכט נעבן דער שטילער־ווערקאַדע, וווּ דער גרויסער בודד האָט אויסגעפּאַרטיקט זײַן „עטיק“, דער וועט בלי ספק פֿאַרשטײן רענאַנס באַצײכענען: „...c’est d’ici peut-être que Dieu a été vu de plus près“ („פֿון דאָזיקן אָרט האָט מען אַמנאָענטסטן געזען גאָט“). אַזוי — נעמט מען אָן — זענען די וועגן פֿון די, וואָס ווילן זיך דערגראָבן צו די וואָרצלען פֿון אמת.

זשיטלאָווסקי וווינט אין דער גרעסטער וועלט־שטאָט, אין קאָכעדיקן ניו־יאָרק און איז מיט אַלע פֿעדעם אײַנגעוועבט אין האַסטיקן טעמפּ פֿון רוישיקן לעבן. ער איז טעמפּעראַמענטפֿול און אַפֿילו לײַדנשאַפֿטלעך. ער האָט זיך אינטערעסירט און רעאַגירט אויף אַלץ, וואָס האָט אַ שײַכות מיט דער ייִדישער גײַסטיקער און מאַטעריעלערווירקלעכקײט, נישט דאָס לעבן האָט אים פֿאַרטריבן אין אײַנזאַמען געצעלט, נאָר פֿאַרקערט — ער האָט דאָס „געצעלט“

מיט גרויס עקשנות אַריינגעפּירט אין מיטלפּונקט פון אַלע לעבנס־באַשטרעבונגען. אמת, זיין פילאָזאָפישער וועלט־באַנעם האָט זיך דערהויפּט געצייטיקט אויף דעם פּאָן פון דעם שטיל־הערלעכן שווייצאַרישן לאַנדשאַפט, זיין עקספּאַנסיווקייט אָבער האָט ערשט באַקומען אַ תיקון צווישן די ריזיקע ניו־יאָרקער אוידיטאָריעס.

דאָס פאָלק, אַרויסברענגענדיק דעם אונטערשייד צווישן ווילנער גאון און דובנער מגיד, האָט שטענדיק געטענהט, אַז ס׳איז נישט קיין איבעריק „גרויסע קונץ״ צו פאַרבלייבן אומבאַרירט אין דער גאונישער גרויסקייט, ווען מען זיצט רק אָפּגעזונדערט אין חדר מיוחד, אַרומגערינגלט מיט ספרים און מען איז מעמיק בתורה, נישט אָנזעענדיק קיין לעבעדיקן מענטש פאַר די אויגן. עס איז אָבער אַ פיל „גרעסערע קונץ״ צו פאַרקערן תמיד צווישן פּראָסטן פאָלק, אין זאַפטיק־פאַרכאַפּנדע בילדער אים אויפקלערן דעם גייסט פון דער תורה און דערביי נישט פאַרלירן דעם אָנזען אַלס חכם...
עס איז נישט בלויז די באַקאַנטע נפקא מינה צווישן סיסטעמאַטיקער און פּאָפּולאַריזאַטאָר, נאָר עס איז אַ גרונט־אונטערשייד, וואָס איז פאַרהאַן צווישן אַבסטראַקטן דענקער, פאַר וועלכן די האַר־שפּאַלטעניש פאַר זיך גופא איז אַן אָנגענעם־גייסטיקע שפּיל, און דעם ראַפינירטן לעבנס־חכם, וואָס וויל זיין געדאַנקען־בלוט פונאַנדערפירן איבער די אַרטעריעס פון פאָלקס־אָרגאַניזם, בכדי שענער און טיפער צו מאַכן זיין גייסטיק לעבן.

מערקווירדיק, זשיטלאָווסקי איז פון „דער היים אויס״ אַן אַקטיווע פיגור פול מיט רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס. ער האָט קודם־כל געהאַט אינטערעס פאַר סאָציאַלע פּראָבלעמען. באַקענענדיק זיך אָבער נענטער מיט דער מאַרקסיסטיש־טעאָרעטישער באַגרינדונג פון סאָציאַליזם, האָט ער איינגעזען איר געדאַנקלעכן טעות, וואָס איז עלול צו פאַרפירן. דערדאָזיקער פילאָזאָפישער „טעות״ האָט אָבער שוין פריער באַוויזן צו גילטן פאַר אַן איינגעפונדעוועטן „אמת״, וועלכן מען האָט ממש פאַרהייליקט. ער האָט זיך דעריבער געשטעלט פאַר זיינס אַ לעבנס־שליחות אַרויסצופירן זיין דור פון געשיכטס־פילאָזאָפישן אומוועג. ער האָט זיך באַמיט אונטערצוגראָבן דעם וויסנשאַפטלעכן באָדן, אויף וועלכן עס האָט זיך

סומך געווען דער עקאָנאָמישער מאַטעריאַליזם. אָט דערדאָזיקער פֿילאָזאָפֿישער „טאָמער פֿאַרקערט״ איז אין זיינע גרונט־שטריכן שוין אויסגעאַרבעט געוואָרן במשך פֿון די „72 ציריכער נעכט״. דאָס איז געווען דער שטויס במשך פֿון צענדליקער יאָרן ווייטער צו האַלטן אין איין פֿונאַנדעררייסן די פֿאַלשע אידעען־פֿאַרבינדונג צווישן סאָציאַליזם און דאָגמאַטיש־עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם. אויף זיינע שפּעטערדיקע פֿילאָזאָפֿישע אַרבעטן פֿילט זיך נאָך דער ציריכער חותם. עס באַקומט זיך דער איינדרוק, ווי ד״ר זשיטלאָווסקין וואָלט תּמיד געשוועבט פֿאַר די אויגן דאָס בילד פֿון זיין הויפּט בר פּלוגתּא – דעם אָרטאָדאָקסישן־גלויביקן מאַרקסיסט – פּלעכאַנאָוו... ס׳איז באמת כּדאי אָפּצולעבן אַ לעבן, בכדי צו באַווייזן דעם אויסטערלישן מעזאַליאַנס, וואָס שטעקט אין דעם שייכות צווישן העגעלס דיאַלעקטיק און מאַרקס׳ מאַטעריאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג. אַזוי אַרום דאָמינירט אפילו אין זשיטלאָווסקיס שפּעטערדיקע ריין־פֿילאָזאָפֿישע אַרבעטן דער פּ ר אַ ק ט י ש ע ר אונטערשלאַק – דין באַדערפֿעניש צו צעטרייסלען די טעאָרעטישע פֿעסטקייט פֿון דעם מאַרקסיסטישן סיסטעם. צום סוף פֿון זיין אינטערעסאַנטער אַרבעט „דער מאַטעריאַליזם און די דיאַלעקטישע לאָגיק״ האָבן מיר אַזאַ אויספֿיר וועגן מאַרקס׳ טעאָריע: „פֿילאָזאָפֿיש איז זי נישט באַגרינדעט, פֿאַר דער וויסנשאַפֿט איבעריק, אין דער פּראַקטיק מער שעדלעך, איידער אַ נוצן, און ממילא האַלט זי אומעטום נישט אויס קיין קריטיק״. דאָס איז דער לייטפֿאָדעם פֿון זיינע אַלע פֿילאָזאָפֿישע אַרבעטן. דאָס איז אויך זיין קאַמפּס־פּאַראָל אין דער מלחמה מיט זיינע קעגנער, ווייל זשיטלאָווסקי איז – אַזוי צו זאָגן – אַ פֿילאָזאָפֿיש־קעמפֿערישע נאַטור.

זשיטלאָווסקי איז אַן איידל־פֿאַרביסענער קעגנער פֿון דער מאַטעריאַליסטישער וועלט־אויפֿפֿאַסונג. די מאַטעריאַליסטן באַטראַכטן דאָך די מאַטעריע פֿאַר אַן אַבסאָלוטער רעאַליטעט. עס קומט דעריבער אויס, אַז די מאַטעריע איז אורשפּרונג, דער גייסט, דאַקעגן, איז – בלויז דערשיינונגס־פֿאָרם פֿון דער זעלביקער מאַטעריע, אַזוי אַרום איז דאָס דענקען אַן אייגנשאַפֿט פֿון דער מאַ־

פּעריע, פּונקט אַזוי ווי עלעקטריציטעט, באַוועגונג, אומדורכדרינגלעכקייט, אויסגעשפּרייטקייט א. ד. גל. היות ווי דידאָזיקע „מעטאַפיזישע" קאָנצעפּציע ווערט צונויפגעפּירט מיט פּאָליטישער עקאָנאָמיע און מיט אַ סאָציאַל-פּראַקטישן אידעאַל, פאַר וועלכן עס קעמפן העראָאיש מיליאָנען מענטשן, שטעלט זיך זשיטלאָווסקי אַפּאָסטאָליש איין פאַר זיין קאָנסעקווענטן אַנטימאַטעריאַליזם. זיין גייסטרייך לעבן איז אייגנטלעך געוועזן אַ ריטערלעכער צוג לדורן, לתפילה ולמלחמה קעגן דערדאָזיקער פאַלשער אידעען-פאַרבינדונג. אין זיין באַדייטנדער פילאָזאָפישער אַרבעט א. נ. „היסטאָרישע אידעען-פאַרבינדונג", וואָס ווייזט אפשר אויס צו זיין געווידמעט ריין-פילאָזאָפישע ענינים, קאָן ער זיך אויך נישט באַפרייען פון ציריכער געשפּענסט. דאָס איז קענטיק שוין פון ערשטן קאַפּיטל, אין וועלכן ער באַהאַנדלט דעם פילאָזאָפישן דיספּוט צווישן מאַרקס און לאַסאַל וועגן גאָט-פּראָבלעם; אַ געראַנגל צווישן אידעאַליסט און מאַטעריאַליסט. די הויפּט-פראַגע איז: צי קאָן אין דער מאַטעריעלער וועלט ליגן דער גרונט פון געזעצמעסיקייט? לויט לאַסאַלן קומט אויס, אַז דער „אמתער" אידעאַליזם איז נויטווענדיק פאַרבונדן מיט אַטעאיזם. לויט מאַרקסן ווידער מוז אויסקומען, אַז דער מאַטעריאַליזם איז נאָר אָרגאַניש צונויפגעוואַקסן מיטן אַטעאיזם. פאַרשטייט זיך, אַז מיר גייען נישט אַריין אין מעריטום פון מחלוקת-הפוסקים וועגן אַטעאיזם-„אבן-טוב", מיט וועלכן ביידע צדדים צאַצקען זיך אַזוי צערטלעך. פאַר זיך גענומען איז עס אַן איבעריקער באַווייז פאַר דעם אַלגעמיינעם ריטם פון זשיטלאָווסקיס געדאַנקען-גאַנג. ער שטעלט זיך פּאָזיטיוו איין פאַרן רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, ער שפּאַלט אים אָבער אָפּ פון זיין אומנאַטירלעכער צונויפּפאָרונג מיט דעם מאַטעריאַליזם, ווייל אין תוך איז דאָך זשיטלאָווסקי אַ קולטור-פילאָזאָפישער אידעאַליסט.

אַנאַליזירנדיק דעם ענדציל פון דער געשיכטס-פילאָזאָפיע קומט ער ווידער צו זיין גרונט-הנחה. ער באַווייזט, אַז מאַרקס האָט פּרודאָנס טראַנסצענדענטאַל-עקאָנאָמישן אידעאַליזם פאַרוואַנדלט אין אַן עמפּיריש-עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם. און דאָ ווענדט שוין זשיטלאָווסקי אָן זיינע אַלע כוחות צו צעשטערן די

הויפּט-זײַלן, אויף וועלכע עס האַלט זיך דער טעאָרעטישער בּנין
פון מאַרקסיזם, זיין פילאָזאָפיע, דערקענטעניש-טעאָריע און אפילו
סאָציאָלאָגיע. מאַרקס' קלאָרע נבואה וועגן דעם אייזערנעם „מוז"
איז דעריבער ווייט נישט קיין אייזערנע. אַ דאַנק דעם מאַרקסיס-
טישן מעטאָד קאָנען מיר אפשר אויספאָרשן דעם עבר, אָבער
באין אופן נישט פאָרויסזען די צוקונפט. דער וויסנשאַפטלעכער
סאָציאַליזם אין דער מאַרקסיסטישער ווערסיע קאָן נישט אויפבויען
קיין סאָציאַלע פּראָגנאָזן. גיכער אימפּאָנירט זשיטלאָווסקין דער
עטישער עלעמענט אין דער וויסנשאַפט. צייטנווייז קומט עס אויס
אַ ביסל קרייטיש, וואָס זשיטלאָווסקי איז דורך און דורך באַהערשט
פון אַ ליידנשאַפטלעכן אַנטימאַרקסיסטישן ווידערווילן, מען טאָר
אָבער נישט פאַרגעסן, אַז דאָס ראַדיקאַלע דענקען פון יענער
צייט איז געשטאַנען כמעט אונטער דער אויסשליסלעכער שליטה
פון מאַרקסיזם. די אַנטימאַרקסיסטישע ליטעראַטור איז דעמאָלט גע-
ווען אַ פּיאָנערישע, פאַר וועלכער מען האָט קיין איבעריק-האַר-
ציקן קבלת פנים נישט צוגעגרייט. פאַרשטייט זיך, אַז ד"ר זשיט-
לאָווסקי האָט דערפאַר געהאַט אויסצושטיין פון זיינע קעגנער
קאַלטס און וואַרעמס, אָפטמאָל איז ער געבליבן איזאָלירט, ער האָט
זיך אָבער דערמיט קנאַפּ וואָס איבערגענומען און עקשנותדיק ווײַ-
טער געפירט זיין קאַמף.

במשך פון לעצטן צענדליק יאָרן האָט אים אָבער דאָס מזל
אָנגעהויבן „צו שפּילן". די דערגרייכונגען אין דער מאָדערנער
פיזיק פאַלן טיילווייז צונויף מיט די טעזן, פאַר וועלכע זשיטלאָוו-
סקי האָט זיך אַזוי אייפעריק איינגעשטעלט, דאַקעגן מאַכן זיי אַ
תל פון דעם מאַטעריאַליזם. ראשית-כל קומען דאָ אין באַטראַכט די
גרונט-אויספירונגען פון איינשטיינס רעלאַטיוויטעטס-טעאָריע. דער
סינטעטישער מאָניזם, וואָס שמעלצט צונויף רו מיט באַוועגונג,
שטח מיט צייט, מאַסע מיט ענערגיע און שווערקראַפט מיט אי-
נערציע. איינשטיין גלויבט נישט אין דער אַבסאָלוטקייט פון
מענטשנס שכל. באַגריפן קאָנען זיין אמתע אין געוויסע גרענעצן,
ביז אַ געוויסער מאָס און ביי געוויסע באַדינגונגען. אין אַנדערע
גרענעצן און ביי אַנדערע אומשטענדן פאַרלירן זיי זייער אמתדי-

קייט. די צ ײ ט ווידער איז נישט קיין ריינער שטראָם, זי שטעקט אין זאַכן און געשעענישן אַלס זייערס אַ פיזיקאַלישע איינגנשאַפט, ממילא זענען זיי רעלאַטיוו. אַ קלאַפּטער און אַ סעקונדע אויף איין אָרט קאָנען אויף אַן אַנדער אָרט ווערן אויסגעצויגן אָדער איינגעשרומפּן. איינשטיין פאַרשיט דעם אָפּגרונט, וואָס איז פאַרהאַן צווישן מאַסע און ענערגיע. די קיניגין מאַטעריע ווערט דעטראָניזירט. אין די „אַלטע גוטע צייטן״ פלעגט מען גלויבן אין דעם פּאַראַלעליזם פון מאַסע און ענערגיע. איינשטיין האַלט, אַז דאָס זענען כּלל נישט קיין גלייכלויפנדיקע דערשיינונגען; זיי בילדן צוזאַמען איין-און-איינציקע דערשיינונג. מאַסע איז אַ געוויסער צושטאַנד פון ענערגיע. מאַטעריע אין זיך גופא איז גאָרנישט בנמצא. זי איז אַ סכום ווירקונגען פון פאַרשיידענע ענערגיעס.

ד״ר זשיטלאָווסקי, רעפערירנדיק שטרענג אָביעקטיוו די גרונטפּרינציפּן פון איינשטייניזם (אין זיין אויסגעצייכנטן בוך איבער איינשטיינס׳ טעאָריע), שמייכלט שעלמיש צווישן די שורות. דורך דיסקרעט-אַריינגעפלאָכטענע זאַצן גיט ער אָנצוהערן, אַז ער איז צופרידן, וואָס עס איז אים באַשערט זיך צו באַטייליקן אין דער „לוויה״ פון מאַטעריאַליזם.

מיט אַ באַזונדערער ליבע איז זיך זשיטלאָווסקי סומך אויף די אויספירונגען פון געניאַלן פיזיקער פּאָן-פּלאַנק. זשיטלאָווסקי האַלט, אַז פּאָן-פּלאַנקס אויפגעשטעלט וועלט-בילד באַווייזט דעם באַשיינפּערלעכן באַנקראָט פון מאַטעריאַליזם.

פּאָן-פּלאַנק רעדט וועגן דרייערליי וועלטן: 1) די זינען-וועלט, ד. ה. די וועלט פון חושים, 2) די רעאַלע וועלט, וואָס ליגט הינטער די חושים און ווירקט אויף זיי (זי ברענגט אַרויס שפּירונגען, פאַרבן, קלאַנגען א. ד. גל.) און 3) די וועלט פון פיזיקאַלישער וויסנשאַפט (זי באַמיט זיך צו געבן אַ באַריכט וועגן עצם פון דער וועלט).

בנוגע דער זינען-וועלט האַלט פּאָן-פּלאַנק, אַז די חושים זענען לגמרי נישט מסוגל צו געבן אַ גענוי וועלט-בילד, זיי האָבן פאַר דער וויסנשאַפט אַ גאָר קנאַפּן באַטייט. וואָס שייך ווידער

דער רעאַלער וועלט, מיינט פּאָן-פּלאַנק, אַז אַ דירעקטע דערקענטעניש איז בכלל אוממעגלעך. דאָס קאָן נאָר בלייבן אונזערס אַ פרומער ווונטש. בלייבט נאָר די דריטע וועלט, וועלכע איז אַ באַוווסטזיניקע באַשאַפונג פון מענטשנס גייסט. די פיזיקאַלישע וועלט מיט אירע אַלע געזעצן איז דעריבער אַ סוביעקטיווע מענטשלעכע שאַפונג, ממילא קאָן דער מענטשלעכער שכל נישט אַריינדרינגען אין תוך פון דער וועלט. דידאָזיקע טעזע צעקלאַפּט אינגאַנצן ענגעלס׳ דאָגמאַטיזם. אָבער אויך די מאַטעריאַליסטישע טעזע, אַז פריער איז געווען די וועלט, שפּעטער ערשט דער מענטש, ווערט דאָ שטאַרק אָפּגעפרעגט. דער מאַטעריאַליזם האַלט, אַז דאָס ז י י ן באַשטימט דעם ב אַ וו ו ס ט ז י י ן. אויב ווידער אַלץ, וואָס איך ווייס און זאָג וועגן דער וועלט איז בלויז אַ פּראָדוקט פון מיין באַוווסטזיין און אין דרויסן פון מיין באַוווסטזיין עקזיסטירט אינגאַנצן נישט קיין דערקענטעניש, טאָ וואָס פאַר אַ ווערט, מ׳שטיינס-געזאָגט, האָט דער „פאַקט”, אַז די וועלט איז געווען פריער פון מיר ? אין דער וועלט פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג איז פריער דער מענטש און נאָכדעם די „וועלט”.

אַ קלאָרע תשובה באַקומט מען מצד דעם איינשטיין-פּלאַנק-געפלעכט אויף דער קאַרדינאַלער פראַגע וועגן מאַטעריע און באַוועגונג. אוודאי לייקנט נישט די מאָדערנע פיזיק אין דער עקזיסטענץ פון דער מאַטעריע, זי באַווייזט נאָר, אַז די מאַטעריע שטאַמט פון אַ נישט-מאַטעריעלער ענערגיע, זי קאָן דעריבער נישט גילטן אַלס אורשטאָף, ד. ה. אַלס ערשטער יסוד פון דער וועלט. אָליווער לאָדזש האָט שוין פאָרמולירט, אַז די באַשטאַנדטיילן פון אַטאָם, ד. ה. די עלעקטראָנען און פּראָטאָנען זענען „ליידיקע ערטער, אָנגעפילט מיט עלעקטרישער ענערגיע”... עס קאָן דעריבער געמאָלט זיין ריינע באַוועגונג אָן מאַטעריע. בכדי אינגאַנצן צו וויסן וווּהין זשיטלאָווסקי שטרעבט מיט זיין אָביעקטיוון רעפעראַט, וואַרפט ער אגב אורחא אַריין אַ שפּילקעלע „...ולא כדברי ענגעלס, אַז ווו באַוועגונג, דאָרטן מוז זיין מאַטעריע...”

גראָד אַזוי ווי זשיטלאָווסקי באַמיט זיך פונאַנדערצערייסן דעם בונד פון סאָציאַליזם און עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם, אַזוי

באַמיט ער זיך אויך צו באַווייזן די מעגלעכקייט פון צונויפשמעלצן
דעם סאָציאַליזם מיט רעליגיע אָן אַ וועלכן עס איז שאָדן פאַר
ביידע. דערביי צייכנט ער די דערקענטעניש-שטאַפּלען לויט דעם
פאָלגנדיקן סדר: וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע און רעליגיע. נאַטירלעך
רעדט זשיטלאָווסקי פּאָזיטיוו נישט וועגן דער דאָגמאַטישער רע-
ליגיע, נאָר וועגן רעליגיעזישקייט אַלס וועלט-געפיל און עטישער
פּרינציפּ. זשיטלאָווסקי פאַררופט זיך אָפט אויף דעם פּסוק „...מה
ד׳ דורש ממך, כי אם עשות משפט ואהבת חסד...״ („וואָס פאַר-
לאַנגט גאָט פון דיר? — נאָר טון גערעכטיקייט און ליב האָבן
גנאָד״). דווקא אין דער קולטור-פילאָזאָפיע אַנטפּלעקט זיך פאַר
אונז זשיטלאָווסקיס פּערזענלעכקייט. צו דעם געהערט אויך זיין
פיינע אַרבעט וועגן פרידריך ניטשע, ווו ער באַהאַנדלט דאָס
פּראָבלעם פון מענטש און וועלט-דערלייזונג דורך איבערשאַצן די
אָפּגעלעבטע קולטור-ווערטן. אין דער זעלביקער אַרבעט זאָגט ער,
אַז הגם ער איז נישט מסכים מיט ניטשעס אויספירונגען, האָט ער
דאָך אַ גרויסן קולט פאַר זיין אינעווייניקסטער רעליגיאָזיטעט. „מיט
אונז, אָדער מיט אונזערע קעגנער, — דער באָדן, אויף וועלכן ער
שטייט, איז הייליקער באָדן״. ניטשע איז אין תוך אַ טיף-מאָראַלי-
שע און טיף-רעליגיעזע נאַטור, וואָס זוכט הייליקייט און אומענד-
לעכקייט, און פאַר דעם קאָן זיך זשיטלאָווסקי באַגייסטערן. דער-
פאַר איז ער אַזוי פאַרכאַפּט פון די נביאים, דעם ריזיקן עטישן
פּאַטאָס. וועגן דעם זאָגן אויך עדות זיינע מייסטערהאַפטע אַרבעטן
„טאָלסטאָי, ניטשע און קאַרל מאַרקס״, „אַנאַטעמאַ״, „בלויער
פויגל״, „טויט און ווידערגעבורט פון געטער און רעליגיעס״ און
בעיקר „איוב, אַ פּאָעמע פון דעם יידישן פרייען געדאַנק״, אַ קנויל
פון פּראָבלעמען: גאָטזוכעניש, פּראַמעטעאיזם, גליקזעליקייט און
השארת הנפש. דידאָזיקע פּראָבלעמען זענען געצייכנט אויף דער
פאָן פון גראָדווירדיקער לאָגיק, מיט אַ געהעמטן פּאַטאָס. דאָ איז
זשיטלאָווסקי ביי זיך אין דער היים. זיין אייגנטלעכער געדאַנק-
לעכער און פּסיכישער באַרוף ווייזט זיך אונז אויס צו ווארצלען אין
דעם אייגנאַרטיקן נעמען שטעלונג צו לעבנס-פּראָבלעמען. ער נוצט
נאָר אויס דעם פילאָזאָפישן מעטאָד, בכדי צו וואַרפן אַ ליכט-

רעפלעקטאָר אויף די טונקעלע לעבנס-וועגן, איבער וועלכע מענטשן
הערן נישט אויף צו בלאָנזשען. ער איז מער לעבנס-חכם —
ב י אָ ז אָ ף, איידער אַבסטראַקטער קאַבינעט-פאָרשער (הגם לעבנס-
חכמה פאָדערט אויך קאַבינעט, אָבער שוין מיט אַ געעפנט פענסטער
צו דער גאַס). שוין דאָס אַליין, וואָס זשיטלאָווסקי האָט זיך
נישט איינגעוועלבט אין איין תקופה, נאָר שווימט כסדר מיט די
נייע שטרעמונגען אין דער מאָדערנער פיזיק, און דאָס, וואָס ער
הערט נישט אויף נאָכצופאָלגן די אַנטוויקלונגס-ליניע פון היינט-
צייטיקן פילאָזאָפישן געדאַנק, באַשטעטיקט ווידעראַמאָל, אַז זיין
פילאָזיע איז נישט גלאַט לשם פילאָזאָפיע, נאָר לשם זוכן אַ ליני-
דערונג פאַר די גייסטיקע און מאַטעריעלע לעבנס-נויטן. דאָס
איז אייגנטלעך דאָס שענסטע, וואָס דאַרף אין דעם מענטשן גע-
לויבט ווערן.

1935

דער ספּינאָזאַ־קאָנגרעס

דער ספּינאָזאַ־קאָנגרעס*)

צווישן די פֿאַרשיידענע באַגריסונגען, וואָס זענען אָנגעקומען קיין האַאַג בעתן ספּינאָזאַ־קאָנגרעס אין יאָר 1927, איז אויך געוועזן אַ באַגריסונג פֿון אַנרי בערגסאָן. צוו. אַנד. ווערט דאָרט געזאָגט: „יעדער דענקער מוז האָבן צוויי פֿילאָזאָפֿיעס — איינע אַן *אייגענע* און איינע אַ *ספּינאָזיסטישע*". די דאָזיקע ווערטער, דאַכט זיך, כאַראַקטעריזירן אַמבולטסטן די אייגנטלעכע פֿיזיאָנאָמיע פֿון די ספּינאָזאַ־קאָנגרעסן און דער ספּינאָזאַ־געזעלשאַפֿט. יעדע פֿיר יאָר קומען פֿאָר אַלגעמיין־פֿילאָזאָפֿישע קאָנגרעסן, אויף וועלכע ס'ווערן באַהאַנדלט אוניווערסאַל־פֿילאָזאָפֿישע פּראָבלעמען. די באַהאַנדלונג קומט פֿאָר מיט דער גאַנצער אָביעקטיווקייט, צו וועלכער ס'קאָנען זיך בכלל דערשלאָגן פֿילאָזאָפֿן. אַנדערש איז עס אָבער מיט די ספּינאָזאַ־קאָנגרעסן: דאָ ווערט די קאַלטקייט אַ ביסל דערוואַרעמט. דאָס זענען צוזאַמענפֿאָרן פֿון הייסע פֿאַרערער, עס פֿאָרן חסידים צום קבר פֿונם רבין. ס'איז אַ ספּינאָזאַ־געמיינדע, וואָס איז פֿון צייט־צו־צייט עולה רגל קיין האַאַג. פֿאַר זיך, פֿאַר דעם אייגענעם געברויך, אַזוי־צו־זאָגן, האָט מען דאָך אַ באַזונדערע, אַ מאָדערנע פֿילאָזאָפֿיע, חוץ דער אייגענער פֿילאָזאָפֿיע אָבער פֿאַרערט מען אויך ספּינאָזאַן.

ווער־זשע איז די ספּינאָזאַ־געזעלשאַפֿט? אַ קרייז פּראָפֿעסאָרן, וועלכע האָבן אַרויסגעשפּירט די גרויסע עטישע ווערטן פֿון ספּינאָזאָס פֿילאָזאָפֿיע און האָבן באַשלאָסן צו גרינדן אַ סטאַבילע

---

*) דער אויטאָר האָט אַלס דעלעגאַט אָנטייל גענומען אין קאָנגרעס, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין האַאַג 1932 אין שייכות מיט ספּינאָזאָס 300־טן געבוירנס־יאָר.

קערפּערשאַפט, וואָס זאָל ספּינאָזאַס אייביקע געלטונגען אַריינברענגען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. זיי האָבן געגלויבט, אַז ספּינאָזאַס לעבנס־ווערטן זענען מסוגל אַ ביסל אויסצולייטערן דעם היינטיקן מענטש. דעם 1־טן יולי 1920 איז אונטער דער אָנפירערשאַפט פון האַראָלד העפדינג (קאָפּענהאַגן), ווילהעלם מייער (האַאַג), פרידריך פּאָלאָק (לאָנדאָן), לעאָן ברונשוויג (פּאַריז) און קאַרל געבהאַרדט (פראַנקפורט) געגרינדעט געוואָרן די ספּינאָזאַ־געזעלשאַפט. דאָס האָט געזאָלט זיין די ערשטע אינטערנאַציאָנאַלע געזעלשאַפט, וואָס איז אַנטשטאַנען נאָך דער מלחמה. בעת די פעלקער אין אייראָפּע זענען געווען צווישן זיך בלוטיק צעריסן, האָט די ספּינאָזאַ־געזעלשאַפט געהאַט די אַמביציע צו ווערן דער נייטראַלער פּונקט, וואָס זאָל די פעלקער גייסטיק דערנענטערן. די „סאָציעטאַס ספּינאָזאַנאַ" האָט דעמאָלט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו דער עפנטלעכקייט. צוו. אַנד. ווערט אין יענעם אויפרוף געזאָגט:

„די געדאַנקען פון שעפערישע פילאָזאָפן זענען דאָס גייסטיקע אייגנטום פון דער מענטשהייט. אין זיי איז פאַרהאַן דער יסוד פאַר דעם ווייטערן בוי פון דער קולטור. ס'איז דעריבער אונזער חוב איבערצוגעבן דאָסדאָזיקע פאַרמעגן צו די קינפטיקע דורות.

ספּינאָזאַ האָט געעפנט אַ נייע עפּאָכע אין דער פילאָזאָפיע. אין דעם גרויסן סינטעז האָט ער גובר געווען דעם ווידערשפּרוך. ער האָט דאָס וועלט־בילד פון דער טראַדיציע אָפּגעטיילט פון דער נייצייטיקער וויסנשאַפט דורך דעם, וואָס ער האָט אָנערקענט די צוגעהעריקייט פון גאָט און וועלט. ער האָט צעשטערט די סתירה, וואָס שיידט אָפּ דאָס זיטן־געזעץ פון דער מענטשן־נאַטור דורך דעם, וואָס ער האָט דעם מענטשן באַוויזן, אַז דורך דער באַהערשונג פון די ליידנשאַפטן און מיט דער קראַפט פון שכל געפינט מען דעם וועג פון ליבע צו גאָט. אַזוי אַרום וועט דער מענטש אין פרייהייט נאָכפאָלגן דעם געזעץ פון דער אייגענער נאַטור.

ווער ס'פאַסט אויף די וועלט אַלס איינהייט, ווער עס וויל דאָס אַלגעמיינע געזעץ פאַרווירקלעכן אין דער לעבעדיקער פּערזענלעכקייט, דער וועט שוין נאָכגיין נאָך ספּינאָזאַס טריט.

דער וועג, וואָס ספּינאָזאַ האָט געוויזן דעם יחיד, מוז אויך

ווערן דער וועג פון די פעלקער: באַהערשונג פון די ליידנשאַפטן און ליבע צו גאָט".

וואָס האָט די Societas Spinozana שוין באַוויזן צו טון? קדם-כל איז געגרינדעט געוואָרן דאָס ספּינאָזאַ-יאָר-בוך (Chronicon Spinozanum). דאָס זענען זאַמלביכער, וואָס אַנט-האַלטן פאַרשיידענע אַרבעטן איבער ספּינאָזאַ-פּראָבלעמען. אין יאָר 1926 איז אָפּגעקויפט געוואָרן אין האַאַג דאָס הויז, וווּ ספּינאָזאַ האָט געוווינט. די לעצטע זעקס יאָר (1671-1677) האָט ספּינאָזאַ געוווינט אין האַאַג אויף דער פּאַווילאָנס-גראַכט 72 ביים דעקאָ-ראַציע-מאָלער וואַן-דער-ספּייק. דאָרט האָט ער פאַרענדיקט די „עטיק" און דאָרט איז ער אויך געשטאָרבן. במשך פון 250 יאָר איז דאָס הויז אויסערלעך איבערגעאַנדערשט געוואָרן. אין פאַר-טער איז אפילו געווען אַ שאַנד-הויז. אין פעברואַר 1927 זענען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם 250-סטן יאָרצייט פון ספּינאָזאַס טויט איינגעאָרדנט געוואָרן אין דאָזיקן הויז פייערונגען. ס'האָבן אָנ-טיילגענומען פאָרשטייער פון רעגירונגען, אַקאַדעמיעס, אוניווער-זיטעטן פון פאַרשיידענע לענדער און פעלקער.

במשך פון די יאָרן 1927-1930 איז דאָס הויז פולשטענדיק רעמאָנטירט געוואָרן. מ'האָט עס צוגעפּירט צום אַמאָליקן אויסזען, צום סטיל פון זיבצעטן יאָרהונדערט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אויסנווייניקסטע ענדערונג איז זייער אַן אויבערפלעכלעכע. אונטער דעם דינעם טינק איז אַלץ געבליבן ווי אַמאָל, אונטער די מאָדערנע שטיקדעקן און קאַמין-פאַרקליידונגען איז נאָך פאַרהאַן די אורשפּרינגלעכע באַלקן-דעקונג. אויך ספּינאָזאַס צימערל איז צוריקגעשטעלט געוואָרן אין אורשפּרינגלעכן צושטאַנד. ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז ס'זענען געבליבן די זעלבע טירן מיט די אַמאָליקע געמעלן פון ספּינאָזאַס ווירט וואַן-דער-ספּייק. חוץ דעם איז אַלץ צוריקגעשטעלט געוואָרן: סיי ביכער, סיי מעבל, גאַרדינען — לויט דעם איבערגעשריבענעם אינווענטאַר און לויט דער שילדערונג פון ספּינאָזאַס ביאָגראַף קאָלערוס. דעם שמוציקן הויף האָט מען פאַר-וואַנדלט אין אַ שיינעם גאָרטן אינם סטיל פון זיבצעטן יאָרהונ-דערט. אויך האָט מען דאָרט אַריינגעשטעלט ספּינאָזאַס ביוסט. אין

פֿאַרטער איז פֿאַרהאַן אַ גרויסער זאַל אויף פֿאַרזאַמלונגען. ווײַטער איז פֿאַרהאַן אַ גרויסע ספּינאָזאַ־ביבליאָטעק און אַ ספּינאָזאַ־מוזיי. מ׳האָט אַלץ צונויפֿגעקליבן מיט גרויס פּיעטעט. אַז מ׳טרעט איבער די שוועל פֿון הויז ווערט מען באַהערשט פֿון אַן אייגנאַרטיקער שטימונג. מ׳דערלויבט זיך נישט צו שטעלן קיין שווערע טריט, מ׳גייט ממש אויף די שפּיצפֿינגער... אין דעם בוידעם־שטיבל פֿון דאָזיקן הויז האָט דאָך געוווינט דער גרעסטער מענטש פֿון דער נײַצײַט. רענאַן האָט זיך וועגן דעם אַמאָל אויסגעדריקט:

„פֿון דאָזיקן אָרט האָט מען אַמנאָענטסטן געזען גאָט״.

בײַם איבערנעמען דאָס ספּינאָזאַ־הויז האָט מען אַרויסגעלאָזט אַן אויפֿרוף, וועלכער איז אונטערגעשריבן געוואָרן דורך אַ רײַע באַדײַטנדיקע פֿילאָזאָפֿן און אויך דורך פֿיל שריפֿטשטעלער ווי: געררהאַרד הויפּטמאַן, טאָמאַס מאַן, הערמאַן סטער, יאַקאָב וואַסערמאַן, ע. ג. קאָלבענהײַער און פֿיל אַנדערע. דאָס הויז טראָגט דעם נאָמען Domus Spinozana.

מ׳האָט אויך אונטערגענומען שריט אויסצוגעפֿינען ספּינאָזאַס קבר. ביז נישט לאַנג האָט מען געוווּסט, אַז ספּינאָזאַ איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין ניִעווער קירך. מ׳האָט אָבער נישט געוווּסט גענוי, ווו דאָס קבר געפֿינט זיך. איינער פֿון די שטאַרקסטע ספּינאָזאַ־פֿאַרערער, ד״ר קאַרל געבהאַרדט, האָט זיך אָבער ערנסט גענומען אויסצוזוכן ספּינאָזאַס קבר. און ס׳איז אים געלונגען אויסצוגעפֿינען אין די קירכע־ביכער אַ שטעל, ווו ס׳ווערט געזאָגט, אַז דעם 24־סטן פֿעברואַר 1677 האָט מען אין דער לינקער זײַט פֿון דער קירך באַגראָבן דעם קערפּער פֿון בענעדיקט ד׳עספּינאָזאַ. ספּינאָזאַס קבר געפֿינט זיך נעבן די קברים פֿון זײַנע פּראָטעקטאָרן, די שטאַטסמענער ברידער יאַן און קאָרנעל דע־וויט. ווײַטער האָט מען געפֿונען אַ שטעל וועגן דעם, אַז אין יאָר 1689, ד. ה. צוועלף יאָר שפּעטער, האָט מען אַרויסגענומען די ביינער פֿון די אַלע דרײַ און זיי באַגראָבן צוזאַמען אויף דעם הויף פֿון דער ניִעווער קירך פֿון דער לינקער זײַט. אונטער דער לייטונג פֿון ד״ר געבהאַרדט האָט מען אָנגעהויבן פֿאָרזיכטיק צו גראָבן, ביז מען האָט זיך טאַקע אָנגעשטויסן דאָרט אויף מענטשלעכע

ביינער. אויף דעם אָרט האָט מען אויפגעשטעלט א גרויסן גראָבשטיין מיט דער אויפשריפט: Terra hic Benedicti de Spinoza in eclesia Nova olim sepulti ossa tegit (דאָ דעקט די ערד צו די ביינער פון בענעדיקט ספינאָזאַ, וועלכע זענען אַמאָל באַגראָבן געוואָרן אין דער נייער קירך). די ניעווער קירך איז אַן עוואַנגעליש-רעפאָרמיסטישע קירך פון די קאָלעגיאַנטן, מיט וועלכע ספינאָזאַ איז געשטאַנען אין פריינטלעכע באַציִונגען. אינעווייניק האָב איך נישט באַמערקט קיין שום שפּור פון אַ צלם. ס'איז בכלל נישטאָ קיין סימן פון אַ קירך, זי איז גיכער ענלעך צו אַ יידישער שול. די קאָלעגיאַנטן זענען נישט געווען צוגעבונדן צו דער קירכלעכער דאָגמע, האָבן פריי אינטערפּרעטירט דאָס קריסטנטום לויט זייער אייגענעם איינזען. אויף דער מצבה איז אויך אויסגעקריצט ספינאָזאָס חתימה מיט זיין באַקאַנטן פּראָל caute (פּאָרזיכטיק).

גאָר אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט דאָס ספינאָזאַ-הויז אין ריינסבורג. נאָכדעם ווי מען האָט ספינאָזאַן אין יאָר 1656 מחרים געווען אין אַמסטערדאַם, האָט זיך דער אב"ד ר' שאול מאָרטיירא געווענדעט צום מאַגיסטראַט, אַז מען זאָל ספינאָזאַן אַרויסשיקן פון דער שטאָט. זיין ווענדונג האָט ער מאָטיווירט דערמיט, וואָס ספינאָזאַ, באַקעמפנדיק די אויטענטישקייט פון דעם אַלטן טעסטאַמענט, באַקעמפט גלייכצייטיק אויך דאָס קריסטנטום. סוף-כל-סוף שטיצט זיך דאָך דער נייער טעסטאַמענט אויף דעם אַלטן. די ווענדונג האָט געפועלט און ספינאָזאַ איז געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן אַמסטערדאַם. נאָכדעם ווי ער האָט אַ קורצע צייט געוווינט אין אוווערקערק, אין אַן אַמסטערדאַמער פאָרשטאָט נעבן דעם ספרדישן בית-עלמין, האָט ער זיך אַריבערגעקליבן קיין ריינסבורג. דאָרט האָט ער געוווינט דריי יאָר. דאָס זענען געווען די בעסטע יאָרן, זיין גייסטיקער באַרג-אַרויף. אין דעם שטילן דאָרף, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון דער אוניווערזיטעט-שטאָט ליידען, האָט ער אָנגעשריבן זיין „קורצן טראַקטאַט", „פרינציפן פון דער קאַרטעזיאַנישער פילאָזאָפיע" און דעם „טראַקטאַט פון שכל-פאַרבעסערונג". דאָסדאָזיקע הויז האָט מען אויסגעפונען און עס רעקאָנסטרואירט

לויט דעם אַמאָליקן צושטאַנד. אויך אינעווייניק איז אַלץ רעקאָנסטרואירט געוואָרן לויטן אַלטן שטייגער. צוויי צימערלעך מיט אַ אַלקערל. ס׳געפינט זיך דאָרט די ביבליאָטעק, מיט וועלכער ספּינאָזאַ האָט זיך באַנוצט, ווייטער אַ רעקאָנסטרואירטע שלייף-מאַשין, אויף וועלכער ער האָט געשליפן אָפּטישע גלעזער, דערביי ליגן אַלע מכשירים. אַלץ ווערט דאָ זאָרגפעלטיק אָפּגעהיטן. דאָס הויז איז אַרומגעצוימט, אינדרויסן געפינט זיך פאָלגנדיקע אויפשריפט:

Ach, wāren alle Menschen weis,
das gute nur zu tun,
dann wär di Erde ein Paradies:
eine Hölle ist sie nun.

מיר, אָנטיילנעמער פון דעם ספּינאָזאַ-קאָנגרעס אין האַאַג, האָבן נישט געקאָנט אַלע אַריין אַהין מיטאַמאָל, ווייל דאָס הויז איז צו-קליין. די דאָרפסלייט דערציילן מיט אַ פרומען בליק, אַז „דאָ האָט אַמאָל געוווינט אַ גרויסער חכם". אַ סך פון די דאָרפס-איינוווינער ווייסן בקבלה פון זייערע עלטערן נאָכצודערציילן פיל גוטס וועגן ספּינאָזאַס איידעלע מידות. דער אויפזעער פון הויז האָט אונז דערציילט, אַז ער האָט אין זיין רשות וויכטיקע דאָקומענטן, וואָס וועלן וואַרפן אַ ניי ליכט אויף ספּינאָזאַס געשטאַלט. עפּעס גאָר גרויסע רעוועלאַציעס. מען מוז האָבן געדולד און וואַרטן ביז די דאָקומענטן וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן*).

ידיעות וועגן ספּינאָזאַס אויפהאַלטן זיך אין דאָרף פאָרבורג (הינטער האַאַג) האָבן אויך אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג פאַר די ספּינאָזאַ-פאָרשער. ביז היינט איז אָבער נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן, אין וועלכן הויז ער האָט געוווינט. מ׳האָט אויפן אויג אַזש פיר

*) איצט האָט קאַרל געבהאַרדט שוין פאַרעפנטלעכט אַ טייל פון דידאַזיקע דאָקומענטן (1937).

הייזער. ער האָט דאָרט געוווינט אַלס סובלאָקאַטאָר, דעריבער געפינט מען נישט וועגן דעם קיין אָנמערקונג אין די געמיינדע־ביכער.

גאָר קנאַפּע שפּורן זענען געבליבן נאָך ספּינאָזאַס זיין אין אַמסטערדאַם. דאָס פּאַטער־הויז, וווּ ספּינאָזאַ האָט פאַרבראַכט זיינע קינדער־יאָרן, איז רואינירט געוואָרן און איז אין יאָר 1743 אינגאַנצן געוואָרן רעמאָנטירט. דאָס הויז געפינט זיך אויף דער אַמאָליקער האָלצגאַס (היינט הייסט זי: וואַטערלאָ־פּליין), נומער 41, אין שכנות מיט דער משה־ואהרן־קירך, נישט ווייט פון דער פּאָרטוגעזישער סינאַגאָגע און דעם „עץ חיים". אויף דעם הויז געפינט זיך אַן אויפשריפט:

1743 t' Oprechte Tapijthuis.

מ׳האָט מיר אין האַאַג איבערגעגעבן, אַז אויף דער רשימה פון די תּלמידים פון „עץ חיים" זאָל ספּינאָזאַס נאָמען זיין אויסגעשטראָכן. דאָס איז, וואָרשיינלעך, געשען נאָכן חרם. איך האָב געזען די רשימה פון די מנדבים, וואָס האָבן געגעבן געלט אויף דער גרינדונג פון „עץ חיים". די רשימה גייט לויט דער ריי און די יאָרן, ווען די הויפּט־גרינדער האָבן דאָס געלט אַסיגנירט. אַזוי, למשל, האָב איך איבערגעלייענט:

Panta Dos Seniords en Seniores Que Deixaros Legados à santa Iunandode Ets Chaim

5397

Jeos Iessurun Rodrigues

Ic Naar

Michl de Espinoza

דאָס זאָל הייסן: די רשימה פון די הערן און דאַמען, וואָס האָבן איבערגעלאָזט לעגאַטן פאַר דער הייליקער אינסטיטוציע „עץ חיים".

ה׳,שצ״ז

יהושע ישורין ראָדריגועס

יצחק נאַר (נער? אָדער נהר?)

מיכאל ד׳עספּינאָזאַ

דער לעצטער איז געווען ברוך ספינאָזאַס פֿאָטער, וועלכער איז געווען פּרנס פֿון דער קהלה.

וואָר פֿאַר אַ ציל האָט זיך געשטעלט דער Chronicon Spinozanum ? דאָסדאָזיקע יאָר־בוך פֿאַרעפֿנטלעכט אַלע פֿאָרשער־אַרבעטן איבער ספינאָזאַס פֿילאָזאָפֿיע. אַ לויזער איבערבליק איבער אַ פּאָר בענדער איבערצייגט גלייך, אַז מ׳האָט דאָ צו טון מיט אַ זייער ברייטן און ערנסטן פֿאַרנעם. ס׳קומען אַריין אָפּהאַנדלונגען איבער ספינאָזאַס פֿילאָזאָפֿיע פֿון דער היסטאָרישער, פֿילאָלאָגישער, רעליגיעזער און עסטעטישער זייט. עס ווערן אַנאַליזירט ספינאָזיסטישע איינפֿלוסן, פּאַסיווע און אַקטיווע. דערהויפּט ווערט גרינטלעך געאַרבעט איבער דעם פֿעסטשטעלן די אויטענטישקייט פֿון די ספינאָזיסטישע טעקסטן. ביז אַהער האָט מען געמיינט, אַז דער האָלענדישער טעקסט איז אַן איבערזעצונג פֿון דעם לאַטיינישן און דעריבער האָט מען אים נישט געשאָנקען קיין גרויס אויפֿמערקזאַמקייט. לעצטנס האָט ד״ר געבהאַרדט אַוועקגעשטעלט אַ זייער ערנסטע פֿראַגע : ווי איז דאָס מעגלעך, אַז דער האָלענדישער טעקסט זאָל קאָנען דערשיינען אַזאַ קורצע צייט נאָך ספינאָזאַס טויט כמעט גלייכצייטיק מיט דעם לאַטיינישן טעקסט ? אויף דערדאָזיקער האַרבער קשיא האָט ד״ר געבהאַרדט געפֿונען אַ תּירוץ. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ספינאָזאַ האָט פֿון האַאַג כּסדר געשיקט קיין אַמסטערדאַם צו דער ספינאָזיסטישער קאָלעגיע קאַפּיטלען פֿון זיין „עטיק״. די קאָלעגיע האָט עס גענוי דורכגעשטודירט און עס איבערגעשיקט ספינאָזאַן קיין האַאַג צוזאַמען מיט אַדנאָטאַציעס. אין דערדאָזיקער קאָלעגיע איז אָבער געווען איינער אַ זייער וויכטיקער מיטגליד, וואָס האָט נישט פֿאַרשטאַנען קיין לאַטיין. צוליב אים האָט מען דעם טעקסט איבערגעזעצט אויף האָלענדיש. ספינאָזאַ האָט אין צוזאַמענהאַנג מיט די האָלענדישע אַדנאָטאַציעס פֿיל געענדערט אין לאַטיינישן טעקסט. אַווי אַרום שענקט מען שוין היינט דעם האָלענדישן טעקסט מער אויפֿמערקזאַמקייט.

די ספינאָזאַ־ביבליאָטעק אין האַאַג ברענגט זייער פֿול נוצן פֿאַר ספינאָזאַ־סטודיאַנטן. אין אַן אַלגעמיינער ביבליאָטעק געפֿינט מען דאָך געווינלעך זייער ווייניק ספינאָזאַ־מאַטעריאַל. דאָ איז

דער גאַנצער שטאָף קאָנצענטרירט. נישט פון קיין קלענערער באַדייטונג איז דער ספּינאָזאַ-אַרכיוו. דאָרט זענען פאַרהאַן אָריגינאַלן ווי אויך פאַקסימיליען פון כמעט אַלע בריוו, דאָקומענטן, מאַנוסקריפּטן, בילדער א. ד. גל., וואָס האָבן אַ שייכות מיט ספּינאָזאַן.

די ספּינאָזאַ-געזעלשאַפט איז לויט איר כאַראַקטער דורכאויס אינטערנאַציאָנאַל.

ווי אַזוי האָט אויסגעזען דער יובל-צוזאַמענפאָר אין האַאַג? דערדאָזיקער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אין שייכות מיט ספּינאָזאַס דרייהונדערטסטן געבוירנס-טאָג.

די ערשטע פייערלעכע אַקאַדעמיע איז פאָרגעקומען אין דעם היסטאָרישן ראָל-זאַל, ד. ה. אין דעם זעלביקן זאַל, אין וועלכן מ׳האָט נאָך פאַר ספּינאָזאַס לעבן אָפיציעל פאַרבאָטן צו פאַרשפּרייטן דעם „טעאָלאָגיש-פּאָליטישן טראַקטאַט”. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ היסטאָרישע סאַטיספאַקציע. די אייגנטלעכע עפענונג פון דעם קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אין דעם ספּינאָזאַ-הויז. דאָרט האָבן די דעלעגאַטן פון פאַרשיידענע לענדער באַגריסט אין זייערע מוטער-שפּראַכן. ס׳זענען אויך געווען דריי יידישע דעלעגאַטן: פּראָפ. לעאָ ראָט (ירושלים), ד״ר יעקב שאַצקי (ניו-יאָרק) און לעאָ פינקעלשטיין (וואַרשע). אין שפּראַכלעכן זין זענען געווען אַ סענסאַציע צוויי באַגריסונגען, ד. ה. אין יאַפּאַניש און אין יידיש. צומאָרגנס האָט די האָלענדישע פּרעסע געשריבן מיט פעטער שריפט:

„Iapansche en Iddische toespraken”

יידיש האָט נאָר גערעדט דער וואַרשעווער דעלעגאַט, די איבעריקע צוויי האָבן גערעדט ענגליש.

די באַדייטנדיקסטע דעלעגאַטן זענען געווען: פּראָפ. ברונשוויג (פּאַריז), פּראָפ. פרידריך פּאָלאָק (לאָנדאָן), דונין-באָרקאָווסקי (קאָבלענץ), ד״ר קאַרל געבהאַרדט (פראַנקפורט*), פּראָפ. אַדאָלפאָ

---

*) דונין-באָרקאָווסקי און געבהאַרדט זענען שוין געשטאָרבן (1937).

ראַוואַ (פּאַדואַ), פּראָפ. סאַנטאַיאַנאַ (ניו־יאָרק), פּראָפ. ריוואָ, פּראָפ.
טעניס (קיל).

די רעפעראַטן האָבן זיך געדרייט אַרום דריי הויפּט־טעמעס:
1) באַציִונג פון פיזיק צו מעטאַפיזיק,
2) פילאָזאָפיע און רעליגיע און 3) די אינ־
טערפּרעטאַציע פון ספּינאָזיזם.

בנוגע דער שייכות פון פיזיק צו מעטאַפיזיק
זענען, בקיצור, אַרויסגעבראַכט געוואָרן פאָלגנדיקע געדאַנקען:
ביז אַהער האָט מען פיזיק און מעטאַפיזיק באַטראַכט ווי צוויי
פיינטלעכע לאַגערן. ביידע האָבן גערעדט אויף צוויי באַזונדערע
שפּראַכן. איצט האָט זיך די לאַגע געענדערט. די פיזיק איז שוין
נישט פאַר זיך זעלבסטגענוגנדיק. כדי זיך צו קאָנען פונאַנדער־
קלייבן אין אירע פּראָבלעמען, מוז זי זיך אויך באַדינען מיט דער
מעטאַפיזיק. די מעטאַפיזיק, ווידער, האָט זיך ביז איצט געגרויסט
דערמיט, וואָס זי איז די אייגנטלעכע ווירקלעכקייטס־
לערע. זי האָט תמיד אָנגעוויזן אויף דער מחיצה, וואָס איז
פאַרהאַן צווישן פיקציע און ווירקלעכקייט. די
מעטאַפיזיק האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די באַהויפּטונגען פון די
פיזיקער, אַז ס׳איז כלומרשט נישט פאַרהאַן קיין שום אונטערשייד
צווישן דער עמפּינדענער וועלט און דער ווירקלעכער. היינט־צו־
טאָג ווייסן שוין די פיזיקער, אַז ס׳איז זיי נויטיק אַ מעטאַפיזישער
אויסבליק. ביז אַהער האָט מען געמיינט, אַז „די נאַטור מאַכט
נישט קיין שפּרונגען", איצט ווייסט מען שוין פאַרקערט, אַז — די
נאַטור מאַכט נישט עפּעס אַנדערש אַ חוץ שפּרונגען...

אין ניוטאָנס צייטן האָט מען די באַגריפן פון רוים
און צייט געהאַלטן פאַר פעסטע קנינים. די היינטיקע איינ־
שטיינישע אויספירונגען האָבן צעשלאָגן דעם גאַנצן פּאָזיטיוויס־
טישן בנין. שטח און צייט זענען פיקציעס. וועגן דעם ווייסן איצט
די גרעסטע פיזיקער פּלאַנק און מייקעלסאָן. דער גאַנצער ענין פון
מאַטעריע געהערט היינט צו די מטושטשע באַגריפן. מ׳האָט דאָך
אַמאָל געגלויבט, אַז מאַטעריע איז דער סובסטאַנציאָנעלער טרע־
גער פון די אויפנעמבאַרע אייגנשאַפטן. די וויטערדיקע פאָרשו־

נען האָבן אָבער געפּירט דערצו, אַז מען האָט דערזען, אַז די סטרוקטור פֿון מאַטעריעלע דערשיינונגען באַשטייט פֿון פֿאַרלויפֿיק אומבאַקאַנטע עלעמענטן — אַטאָמען און מאָלעקולן. שפּעטער, ווען מען האָט דערקענט דידאַזיקע עלעמענטן, האָט זיך דער הינטערגרונט ווידער אויסגעווייטערט, א. א. וו. לויט דעם איצטיקן צושטאַנד פֿון דעם „הינטערגרונט" זענען די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע עלעמענטן אייגנטלעך עלעקטרישע לאַדונגען. דידאָזיקע לאָדונגען זענען אונז דערווייל אומבאַקאַנט, זיי קאָנען נישט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין קיין דערלעבונגס־עלעמענטן. מיר פֿאַרמאָגן נישט קיין אוממיטלבאַרן אָרגאַן „דורכצולעבן" דידאָזיקע לאָדונגען. דאָס איז דער קעגנוואַרטיקער טראַנסצענדענטיזם פֿאַר דער אויסנוויניקסטער און אינעווייניקסטער עמפּינדונג. אויב ס׳וועט זיך איינגעבן זיי צו דערקענען, וועט זיך די גרענעץ ווידער אויסווייטערן. דאָס זעלביקע לאָזט זיך אויך מערקן אין דער אָרגאַנישער וועלט. דער לעבעדיקער יחיד באַשטייט דאָך פֿון קעמערלעך, קערנער, כראָמאָזאָמען — היינט שטייען מיר ווייטער פֿאַר דעם אומבאַקאַנטן, טראַנסצענדענטן.

ביידע, די פֿיזיק און די מעטאַפֿיזיק, מוזן זיך קעגנזייטיק באַדינען. דאָס וועט אונז מעגלעך מאַכן זיך צו באַוועגן פֿאָרויס. אַן אָנוווּרף פֿון דעם געפֿינען מיר שוין אין דעם רוקן־ביין פֿון ספּינאָזאַס פֿילאָזאָפֿיע, וועלכע האָט דאָך געשטרעבט צו פֿאַראייניקן די נאַטור מיט „פֿאַרנונפֿט", ס׳הייסט, אייגנטלעך, מיטן גייסט.

בנוגע דעם צוזאַמענהאַנג פֿון פֿילאָזאָפֿיע מיט רעליגיע האָבן ס׳רוב רעפֿערענטן באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז דער ספּינאָזיזם לאָזט פֿון זיך אויסטיילן אַ מעטאַפֿיזישע רעליגיע.

איין רעפֿערענט, למשל, האָט געזוכט אַ סמיכת־הפּרשיות צווישן ספּינאָזיזם און קאַטאָליציזם., מיט אַן איבערצייגנדיקן טאָן האָט ער געפּרוּווט איינשמועסן, אַז אין דער „עטיק" זענען פֿאַראַן בולטע קאַטוילישע טענדענצן. די אייביקייט און אוניווערסאַליזם פֿון רוים לויפֿן פּאַראַלעל מיט די ספּינאָזיסטישע אויספּירונ־

גען. דערבײַ דאַרף ספּינאָזאַס אָפּלײקענען די נסים נישט גענומען ווערן אין בוכשטעבלעכן זינען.

צו דעם האָבן צוגעשטימט אַ טײל אָנוועזנדיקע דעלעגאַטן־גײסטלעכע. מיר פון אונזער זײַט האַלטן דידאָזיקע אויספירונגען פאַר לגמרי פאַלש און אומבאַגרינדעט.

די קאַטוילישע אויפפאַסונג פון ספּינאָזיזם שטײט אין אַ הויפּט־סתירה צו ספּינאָזאַס עטיק. דאָרט איז כּסדר די רײד וועגן שכר ועונש. בײַ ספּינאָזאַן אָבער איז תּמיד די רײד וועגן טוגנד אָן באַלוינונג. ער זאָגט דאָך בפירוש, אַז דער העכסטער לוין פאַר טוגנד־האַנדלונגען איז די טוגנד גופא און די העכסטע שטראָף פאַרן שלעכטן איז דאָס שלעכטס אַלײן.

וואָס שײך דער פראַגע וועגן **אינטערפּרעטירן** ספּינאָזאַס פילאָזאָפיע זענען געווען עטלעכע זײער אינטערעסאַנטע רעפעראַטן. דער אינטערעסאַנטסטער פון אַלע איז אָבער געווען דער רעפעראַט פון גלח דונין־באָרקאָווסקי. ער האָט באַהאַנדלט ספּינאָזאַס פילאָזאָפיע אונטער דער פּריזמע פון פיזיק. דערבײַ האָט ער אַרויסגערוקט דרײַ פראַגן: א) ספּינאָזאַס פיזיקאַלער בליק אויף דער וועלט, ב) דער ענין פון דינאַמיק, ג) דער ענין פון די דרײַ דימענסיעס. פונדאַנען איז שוין אַוועקגעגאַנגען אַ באַלערנדיקע דיסקוסיע, לסוף האָט מען זיך באַמיט ספּינאָזאַן צוצושרײַבן **טראַנסצענדענטיזם** און **דינאַמיק**, וואָס מען האָט ביז איצט געהאַלטן פאַר לגמרי אויסגעשלאָסן.

די פאַרזאַמלונגען האָבן געדויערט זעקס טעג. די רעפעראַטן זענען אויסגעהערט געוואָרן מיט גרויס אויפמערקזאַמקײט. צום סוף האָט פּראָפ. ראַוואַ געמאָלדן, אַז מען האָט אין פלאָרענץ געפונען אַן עקזעמפּלאַר פון „עטיק" מיט ספּינאָזאַס אײגנהענטיקע הגהות.

מ'האָט אויך גערעדט וועגן אָרגאַניזירן אין האַאַג אַקאַדעמישע קורסן. די קורסן זאָלן זײַן טעטיק צוויי מאָל אין יאָר, פרילינג און הערבסט, ד. ה. דעמאָלט, ווען די סטודענטן פון פאַרשײדענע לענדער זענען פרײַ פון זײערע אוניווערזיטעט־לימודים. די קורסן דאַרפן געפירט ווערן אין ספּינאָזאַס גײסט. מ'וועט נישט שטודירן

דירעקט ספינאָזאַס ווערק, נאָר פאַרשיידענע פּראָבלעמען, וואָס זענען דורך ספינאָזאַן באַרירט געוואָרן. דערהויפּט דאַרפן דאָס זיין פּראָבלעמען, וואָס זענען פאַרבונדן מיט מעטאַפיזיק אָדער עפּיסטאָמאָלאָגיע, לאָגיק, רעליגיע־קענטשאַפט, פּסיכאָלאָגיע, עטיק, רעכט, סאָציאָלאָגיע א. ד. גל.

נאָכן שליסן דעם קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אַ ספּעציעלע זיצונג פון דער ספינאָזאַ־געזעלשאַפט. ס'איז דאָרט באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער נעכסטער צוזאַמענפאָר זאָל פאָרקומען אין האַאַג אין יאָר 1936*). אויף אַלגעמיין־פילאָזאָפישע קאָנגרעסן דאַרף מען זיך באַמיען צו שאַפן ספינאָזאַ־סעקציעס.

די שלוס־רעדע האָט געהאַלטן פּראָפ. בּרונשוויג פון פאַריז, וועלכער האָט געמאַכט אַ גייסטרייכן סך־הכל פון דער אַדורכגעפירטער זעקס־טעגיקער אַרבעט. אויף דעם אָפּשייד־מיטאָג האָט אויך גענומען אַ וואָרט אַ בלינדער דעלעגאַט. צוויי מאָל אין טאָג פלעגט אים אַ מיידל אַריינפירן אין זאַל און אים אַנידערזעצן אויפן בענקל. ער האָט פאַר דער גאַנצער צייט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו אַלעם, ער האָט אָבער נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. בעת די אויספלוגן האָבן זיך אַלע אונטערגעשריבן אין די באַזוך־ביכער. דאָס מיידל פלעגט שוין פירן מיט זיין האַנט און ער איז געוואָרן אַן „אונטערגעשריבענער". אויף דעם געזעגענונגס־מיטאָג האָט ער שוין אָבער דורכאויס געוואָלט רעדן. זיין רעדע איז געווען אַ בלינד געזאַנג פון איינעם, וואָס זעט אינעווייניק... ער האָט גערעדט וועגן פעלדער און בלומען, וועגן וואַלד און זון. ער האָט פאַרזיכערט, אַז זיין קולט פאַר ספינאָזאַן שטאַמט דערפון, וואָס ער האָט אין זיין שיטה אַרויסגעשפירט דעם טיף־דיכטערישן געזאַנג. באמת — דער בלינדער דאָקטאָר איז דאָך גערעכט: ספינאָזאַס מאַטעמאַטישע פאָרמולן זענען נאָר אויסנווייניקסטע לבושים, הינטער זיי באַהאַלט זיך אַ גרויסע דיכטער־נשמה, וואָס גייט אויס פון בענקשאַפט נאָך גאָט...

1932

*) דער געפּלאַנטער קאָנגרעס איז לע"ע נאָך נישט פאָרגעקומען (1937).

פון זעלבן אויטאָר:

„H E G E L, M A R X I S P I N O Z A“

(próba syntezy)

VI 1942:433

DRUK „PROGRESS" W-WA TEL. 11-38-64